STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08800

DI NAYE HEYM

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



ערשטעס זאמעלבוך

ליטעראַרישער פערלאג.
ניו יאָרק.
.1914

ערשיינט אין טויזענד עקזעמפּליארען.
געדרוקט אין שרייבער־פּרעס, ניו יאָרק.
די פאָדערבלאַט פון ז. מאוד.

י. י. שוואַרץ.

די נייע היים.

(מערי׳ן — אַ מתנה).

האַבען מיך אַרומגענומען
מחנות קאַכיגע געפיהלען;
און מיין בלוט קאָכט ווידער ראַשיג,
און מיין האַרץ קאָן זיך ניט שטילען.

גרויע עלטער, גרינע יוגענד
האַבען מיר מיין זעעל פערשפּונען;
און, פערפלאָנטערט, ווי אין נעצען,
קאָן זי זיך קיין רוה געפינען...

עפּעס רעגט מיך, עפּעס וועקט מיך,
רויבט דעם שלאָף פון מיינע אויגען.
עמיץ שטעהט ביי מיין געלעגער
איבער מיר, פערטראַכט, געבויגען.

בויגט זיך איבער מיר אַריבער,
שעפּטשעט עפּעס וואס אין אויער;
ברייננגט אַ בשורה מיר פון ווייטען:
איז עס פרייד, צו איז עס טרויער?

כ'שפּרייט די הענט אויס אין דער פינסטער,
אין די אויגען קומען טרערען...
עפּעס שעפּטשען בלאַסע ליפּען —
נור איך קאָן קיין וואָרט ניט הערען!...

1.

ס'איז דאס לאַנד דאָ פעט און פרוכטבאַר
אוצרות טראָגט עס אין איהר שויס;

ס'איז דאס לאַנד דאָ פריש און יוגענד,
ס'איז דאס לאַנד דאָ רייך און גרויס.

ס'איז דאס לאַנד דאָ פול מיט אוצרות
אייזען, קופער, גאָלד און שטאָהל;
ס'פאַלען זילבער־וואַסערפאַלען
פון די בערג אַראָב אין טהאָל.

אונזער לאַנד האָט טיעפע טייכען,
קלאָרע טייכען פול מיט פיש;
איהרע בערג דערגרייכען הימלען,
איהרע טהאָלען זיינען פריש.

ס'איז מיט זון דאס לאַנד בעגאָסען —
איהרע פעלדער זיינען גרין.
פלינקע, שטאַרקע—איהרע טעכטער
שטאָלץ און מוטהיג—איהרע זיהן.

אין די פּריירים — בופעלאַקסען.
און טאַבונעס ווילדע פערד;
און מיט ווייץ, מאַאיס און גערשטען
איז בעדעקט די גאַנצע ערד.

ס'גיט ווירדזשיניא איהר טאַבעקאָ,
קאַליפאָרניא — איהר וויין,
און אין פלאָרידא—מאַראַנצען
גליהען רויט אין זונען־שיין.

אין די האַפענס דאַמפּפען שיפען —
ס'בליהט איהר האַנדעל גרויס און ווייט,
און מיליאָנען מענשען קומען,
שטראָמען דאָ פון יעדער זייט.

איהרע שטערט זיי זיינען ריעזען
וואַקסען אוים מיט צויבער־מאַכט;
אונטער ערד און אין דער לופטען
פליהען באַהנען טאָג און נאַכט.

איהרע ריעזיגע פאַבריקען
ווערען קיינמאָל גאַר ניט מיעד...
פון אטלאַנטיק צום פאַסיפיק
קלינגט איין גרויסע ריעזען ליעד!...

.2

מיר האָבען זיך פון אונזער אַלטער היים געשיידט —
אַ שטורעמווינד האָט אונז אַהער פון וויים פערוועהט....
ס'האָט איינער וואו אַן אַלטער מאַמען דאָרט געלאָזען,
און איינער האָט אַ טאַטען'ס קבר צווישען גראָזען.

נור איטליך איינעם האָט דאָס האַרץ מיט וועה געדריקט,
און איטליך איינעם האָבען טרערען שטום געשטיקט,
מיט פעקלעך אויף די פּלייצעס, קינדער ביי די זייטען
אין גאַסען פרעמדע—מיט זכרונות פון דער ווייטען...

און עמיץ האָט אַהער געבראַכט אַ בינטעל ערד,
אַן אַלטען ספר פון זיין זיידען'ס אויג בעטרעהרט;
אַ שטילען צער, אין בליק אַ טיעפען אַלטען טרויער,
אַ ווידערקול פון שווערען זיפצען אין זיין אויער.

און אָבגעריסען, ווי אַ צווייג פון אַלטען בוים,
געוואָרצעלט האָבען מיר זיך בויען אונזער נייע היים;
דער אַלטער שטאַם איז דאָרט, דאָס האַרץ פערשניטען —
דער גרויסער ברייטער ים־אוקינוס אין דער מיטען...

און ווי אַ בוימעלע אַ יונגס וואָס שפּראָצט אַרויס
פון האַרטען קאַלטען פעלז, אָהן מוטער'ס שויס,
וואָס נעהמט מיט צווייגעלעך פער'הליש'טע זיך ציהען —
אַזוי איז דאָ געוועזען אונזער צייט פון בליהען ...

און יאָהרען זיינען זיך געלאָפען, נייע זאַפט
האָט דורך'ן בוימעלע געשטראָמט מיט לעבענס-קראַפט.
די וואָרצלען האָבען זיך געגראָבען אין דער נידער,
און אויפ'ן קאָפּ געקלונגען האָבען נייע ליעדער.

3.

...וואָס איז בעשערט אונז, אָט דאָ, אין סמבטיון פון לעבען —
קאָנסטו דעם ענטפער צום דאָזיגען רעטעניש געבען?

וואָס האָט מיין גאָט אונז בעשטימט און וואָס וועט ער בעווייזען:
קאָן דען זיין וואָרט אַרויסשפּראָצען פון שטיין און פון אייזען?

וועלען מיר איינער דעם צווייטען אין טומעל פערליערען —
פרעמדע, אויף וועגען אויף פרעמדע, דאַן וועלען מיר אירען?

איבער'ן קאָפּ אונז אַ הימעל אַ בלייענער, גרויער —
טיעף אינ'ם האַרצען דער לעצטער דער פינסטערער טרויער?

טויט יעדער פונק און פערפרוירען, פערקלעמט יעדער אבר —
ס'פינקעלט אַ פרעמדע זון העל אויף אַ לעבעדיג קבר ...

אָדער, געשעהן וועט דער נס, און די טרוקענע גליעדער
וועלען, בעהויכט פון גאָט'ס וואָרט, זיך צונויפנעהמען וויעדער?

אויפשטראַהלען וועלען מיט פייער פערלאָשענע אויגען,
אויסגלייכען וועלען זיך רוקענס פון אַלטקייט געבויגען?

וואס איז בעשערט אונז אָט דאָ, אין סמבטיון פון לעבען —
יאָנסטו דעם ענטפער צום דאָזיגען רעטעניש געבען?

.4

צו אייך, אַריבערגעקומענע...

איהר וועט אויך, ווי מיר, בלאָנדזען און קעמפפען,
איהר וועט אויך, ווי מיר, זיעגען און פאלען;
און מיט הונדערטער טויזענדער קולות
וועט דאס לעבען אריבער אייך שאַלען.

און, פערכאפט אין דעם ווילדען סמבטיון
וועט איהר צאפלען אויף טויט און אויף לעבען;
אייער הארץ וועט איהר ווארפען אין פייער,
צום גאָט־מולך א קרבן עס געבען.

ס'וועט צום סוף זיין ציעל איינער דערגרייכען,
און די אנדערע פאלען בעזיעגטע;
און מיט ווייב און מיט קינד וועט איהר וויינען
טיעף־בעליידיגטע, שווער־אונטערדריקטע.

און דער איינער, אין חשבון־הנפש,
נאָך א רייהע פון ביטערע יאָהרען —
מיט א קאָפּ א פערשנעעטען, א גרויען
וועט פערשילטען דעם טאָג פון געבאָרען!

.5

ס'ווערען ניט קיין שבת־ליכטלעך
אויף דיין טיש געצונדען;

ס'ווערט די גרויע וואָך פון הויז דיר
קיינמאָל ניט פערשוואונדען.

ס'איז דיין טיהר אָהן א מזוזה —
קומען קיין מלאכים ;
צו דיין פרוי, דיין „אשת־חיל"
זינגסטו ניט קיין שבחים.

דיינע קינדער וואקסען פרעמדע,
אָהן א פונק פון גלויבען ;
לערנסט זיי ניט „מודה־אני" —
הענטלעך אויפגעהויבען ...

און דיין סדר־נאכט טהוט לאנג שוין
ניט דיין הויז בעציערען ;
און דאס וויינען פון כל־נדרי
טהוט דיין הארץ ניט ריהרען ...

און דערפאר, ווען דו וועסט שטארבען
וועט קיין מלאך קלאָגען ;
און דיין קינד וועט אויף דיין קבר
ניט קיין קדיש זאָגען ! ...

.6

זונטאָג איז היינט. אין דער וואָכען
בין איך לאנג שוין ביי דער ארבייט.
היינט איז זונטאָג—קאָן מען רוהען,
געהט מען אינ'ם פארק שפאצירען.

היינט איז שטילער אין די גאסען,
שטעהען, שלאָפענדיג, געשעפטען ;

די טראַמווייען לויפען שטילער,
גלעקלעך קלינגען עפּעם מילדער.

ס'לויכט די זון גאָר שעהנער, העלער,
ס'קוקען אוים די הימלען בלאָהער —
און אין הארצען צינדט אַ פונק זיך,
גאָר אַ ניצוץ פון דער ווייטען ...

אויף אַ האלב־פערוועלקטען פּנים
טרעפסטו ערגעץ אָן אַ שמייכעל ;
יונגען מיט פערשארצטע ארבעל
שפּיעלען באָל מיט גרוים כונה.

מיידלעך אויסגעפּוצט אין ווייסען,
פלירטען, הן'דלען זיך פון ווייטען ...
שווארצע אויגען, בלאָהע אויגען —
איינע פאר דער צווייטער ליעבער.

טאטעס שטופען קינדער־וועגלעך
אויסגעפּוצט אין בגדי־שבת ;
מיט אַ יום־טוב'דיגען ריח
פון סיגארען שמעקט אין לופטען ...

אַט געהט מאַן און ווייב געאַרעמט,
פאָראוים געהען ארטיג קינדער ;
און פון ווייטען קלינגען גלאָקען —
קענטיג, ס'געהען זיי פון קלויסטער ...

אויגען מיעדע לויכטען העלער,
ס'צאָהלט די רוה איהר לוין פאר ארבייט —
און אין הארצען צינדט אַ פונק זיך
פון דעם אַלטען ווייטען שבת ...

7.

... און היינט שיינט אַ ליכטיגע זון העל אריין אין מיין פענסטער:
עס האָט אין זיין שעהנקייט דער גאַנצער דער הערבסט זיך ענטפּלעקט —
די גראָזען פון פּארק האָט ער פּערלעך־טרערען געשאָנקען,
די שפּיצען פון בוימער האָט ער מיט אַ גאָלד־גלאַנץ בעדעקט.

אַ מחנה פון לוסטיגע קינדערלעך שפּיעלען זיך אונטען:
די בעקלעך צופלאַמט, אין אַ ווירבלענדען, קינדערשען טאַנץ —
אין מיטען: אַן אָבגעהאַקט שטאַם פון אַן אור־אַלטער דעמבע,
פון איבען, דורך צווייגען פון בוימער שלאָגט דורך זיך אַ גלאַנץ.

אַ קינד האָט ארויפגעכאַפּט זיך אויף דעם שטאַם פון דער דעמבע —
אַ קראַנץ פון בראַנז־גרינליכע בלעטער בעציערט האָט זיין קאָפּ.
אַ צווייג — גרין און רויט — אין זיין האַנד, זיינע לאָקען צופלויגען,
אַ שמייכעל פון גליק אין זיין בליק פאַלט פון אויבען אראָב.

אַ האסטיג געלאַף און אַ טראַמפּלען פון קינדערשע פיסלעך:
אַ קינד האָט אַ גרויענקע וועווערקע פלינק נאָכגעיאָגט...
אַ פּאַטשען פון הענט און אַ ליכטיגער זילבער־געלעכטער —
אין קינדער פון הערבסט שטראָמט אַ פריהלינג אַ נייער און שלאָגט.

8.

אַ בית עולם אויף טשעטהעם סקווער.

•

אין האַרץ פון ניו יאָרק ליעגט אַן אַלטער בית־עולם —
עס פאַלט איבער איהם ניט קיין טהוי און קיין זון־שיין,
נור מויערען שטעהען ארום איהם געשלאָסען,
און פאָרענט פערצאַהמט איהם אַן אייזערנער גדר.
אַן איינציגער בוים אַ פערדאַרטער נור וויעגט זיך
מיט טרוקענע צווייגען אריבער די קברים.

דאָרט זינגען ניט פויגלען—נור ס׳רעש׳ט און עס ליאַרעמט
אַרום איהם מיט הונדערטער טויזענדער קולות.
עס יאָגען טראַמוויען פערביי מיט געפילדער,
און ס׳ווירבעלט דאס לעבען מיט מחנות פון מענשען.

בין איך צו דעם אייזערנעם צאהם צוגעפאַלען —
און ס׳איז מיך אַ געטליכע מורא בעפאַלען...
די צייט האָט די אותיות פערווישט און צוריבען —
און ס׳איז ניט קיין זכר, קיין שפור ניט פערבליבען
פון יענע, וואס זייערע עלענדעביינער
פערגעסענע ליעגען דאָ אונטער די שטיינער,
פערהילט און פערוויקעלט אין קיטלען, טליתים —
און וואַרטען, און וואַרטען אויף תחית המתים...

עס האָט מיך דער אייביגער צער אָנגענומען —
ס׳איז אַלץ, ווי אין נעבעל, געוואָרען פערשוואומען.
פון יעדער מצבה וואס ליעגט שטיל אין דרימעל
אַ קול האָט געריסען זיך הויך ביז צום הימעל.
אין רעש פון דער גאַס, דורך געוויין און יללות,
ערוואַכט האָט דער ביטערער פינסטערער גלות...
געקלאַפּט האָבען ביינער אָן ביינער. סקעלעטען
שטום האָבען געוויינט און געפלוכט און געבעטען...

ווער האָט אייך געטריעבען אַהער און פון וואַנען?
זייט איהר דאס פון שפאַניען די לעצטע מאַראַנען?
איהר אייביג פערפלוכטע—געבענשטע צוזאַמען
וואס האָט אייך געשטויסען דורך פלאַמען און ימ׳ען?
איך זעה אייך, די שטאָלצע, מיט אָדלערשע אויגען
אין פלאַמען פון אויטאָ־דאַ־פעען פערצויגען....
איך זעה אייך אין נאַכט פון כל־נדרי פערהוילען
מיט ווייב און מיט קינד אין די פינסטערע היילען.

איך הער אייער ביטער געוויין און געזאַנגען —
איך הער פון די שווערדען און קייטען די קלאַנגען.

פערגעסענע שטעהען דאָ אייערע קברים —
די גרויע מצבות אויף זיי אזוי אָרעם.
עס וואַקסט ניט קיין גרעזעל, עס בליהט ניט קיין בליהמעל
אין אייביגען ברויזענדען ווילדען געטימעל.
עס קומען ניט אייערע אייניקלעך בויגען
זיך טיעף צונ'ם שטיין מיט אַ טרער אין די אויגען...
עס קלינגט ניט קיין קדיש נאָך אייערע ביינער —
איהר לעבט ניט אין קיינעמ'ס געדעכניש, און קיינער
פערטראַכט זיך צום מאָל ניט, ווי ס'זיינען פערראַטען
אַט די וועלכע ליעגען דאָ הינטער די גראַטען...

דער סקווער האָט געווירבעלט מיט מחנות פון מענשען,
די גאַס האָט געשריען, געקאַכט און געליאַרעמט,
פון אָפענעם שיינק האָט אַ שיכור געזונגען —
און עלענד, ארוים דורך דעם אייזערנעם גדר
געגרויט האָט דער אַלטער פערוויסטער בית־עולם.

.9

האָסט ניט צוגעהערט מיין תפלה,
ניט פערנומען מיין געוויין —
און מיין הייסע טרער געפאַלען
איז אויף הארטען קאַלטען שטיין.

און אין שווארצען טאָג פון צאָרען
האָסט דיין פנים אָבגעווענדט —
כ'האָב אומזיסט צו דיר גערופען,
ס'האָט אומזיסט מיין הארץ געברענט.

און, פאר זינד פון טאטעס שטראָפּסטו
פּיצלעך עופה'לעך פון ברוסט;
און די קינדערשע געמיטהער
ווערען פריה פון בלוט געקושט.

פון די יונגע, קלאָרע אויגען
ברענט א האס ארויס און שפּריצט;
אויף די בלייכע קינדער ליפּען
ווערט א קללה איינגעקריצט.

האָסט ניט צוגעהערט מיין תפלה,
ניט פערנומען מיין געוויין —
און מיין הייסע טרער געפאלען
איז אויף הארטען קאלטען שטיין...

.10

און וואס וועסטו ענטפערען, גאָט,
און וואָס וועסטו זאָגען —
ווען קומען אמאָל וועט דער טאָג,
די שעה וועט שלאָגען?

מיט וואס וועסטו ענטפערען, גאָט,
פאר גהנום'ס פון דורות,
וואס האָבען געגליהט און געזיעדט
פאר קיינעמ'ס עברות...

און ווי וועסטו שטילען דעם שטראָם
פון טרערען די ימ'ען —
דעם קול פונ'ם שרייענדען בלוט
אין פייער און פלאמען?

און ווי וועסטו לעשען דעם פלאַם
פון נקמה אין הארצען?
דעם בליק פונ'ם קינד וועלכעס ברענט
מיט פייער מיט שווארצען?

ווען קומען אמאָל וועט דער טאָג,
די שעה וועט שלאָגען —
אוי, וואָס וועסטו ענטפערען, גאָט,
און וואס וועסטו זאָגען?

ניו־יאָרק, 1914.

י. אָפּאַטאָשו.

פון ניו יארקער געטא.

Copyright
by
Yiddish Literary Publishing Co., Inc.
1914.

I.

ארום פיער א זייגער פאַרטאָג איז ספּאָרט אויפגעשפּרונגען, אויס־געצויגען זיין לענגליכען קערפּער מיט די שפּיציגע מאָרדע, געדרעהט מיט'ן האָריגען עק, געדראַפּעט מיט די נעגעל און זיך צובילט. ער איז באַלד ארויף אויפ'ן בעל־הבית בעטיל, צוגעשטעקט זיין קאַלטען שנוק צו סעם'ס באַק און איהם גענומען גלעטען.

סעם האָט זיך דורכגעטרייסעלט, געוואָרפען אַ בליק אויף דער וואַנד, וואו די גרופּע „פייטערס"*) האָבען געהאנגען און זיך איינגע־קוקט אין דעם העלען פיער־עקיגען שיין. עס האָט געהייסען: אז די גרויסע עלקטרישע לאָמפּ, וואָס הענגט אויף א גרויסען קלאָץ קעגען איבער דעם פענסטער ברענט נאָך און דער זייגער איז נאָך נישט פיער.

סעם האָט זיך איבערגעצויגען, געשמאַק פונאַנדערגעגענעצט און איינקוקענדיג זיך אין שיין איז ער אראָפּ פון בעטיל. באַלד האָט זיך פון שיין גענומען בולט ארויספּרעסען „נאַק־אוט־בראון" מיט זיין פּער'עקשן'טען, ווי ביי א יונג ביקעל, שטערען, פון הינטער וועלכען עס האָבען ארויסגעקוקט אַ פּאָר ווייכע, שמייכלענדע אויגען. סעם האָט זיך פערקוקט אויפ'ן „פּרייז־פייטער", בשעת מעשה אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האנד ווי א פליעגעל פון א ווינד־מיהל, די לינקע מיט א פארקוועטשטע פויסט האָט ער איינגעקורטשעט, געהאַלטען נע־בען דער גאָמבע און זיך פערמאסטען גלאט אין דער וועלט אריין.

ספּאָרט האָט זיך צוגעזעצט אויף זיינע הינטערשטע לאַפּעס און מיט אַ הינטישע שמחה זיך געוואָרפען אויפ'ן בעל־הבית. סעם האָט איהם ארומגעכאַפּט, זיך א שליידער געטהון אויפ'ן בעטיל און הארציג געלאכט.

און נישט בחנם איז סעם אזוי אויפגעלעגט געווען — ער איז נעכטען אויסגעפאהרען מיט פּאָלי'ן, זיין בעל־הבית'טעס טאָכטער.

---

*) אַנגליציזמען — זעה זייט 101.

דער גאַנצער „גענג“, וואס האלט זיך אויף ביי זיין בעל־הבית'טע אין „סטיישאָנערי־סטאָר“, האָט זיך אפילו געבלאָזען, גע'טענה'ט, אז אָהן אַלעקס וויסען דארף ער נישט פאַהרען, נור וועמען אַרט עס־! ער איז אַלעקען נישט געקראָכען אין וועג אריין! און צוריקגערעדט, האָט אַלעק גאָר קיין רעכט נישט זיך ארומצושעלעפּען מיט א „יאהודיש“ מיידעל, ער איז א „גיני“ טאָ לאָז ער זיך אויסקלויבען פון זיינע! און דער עיקר וועלען איהם איצט אַלע מקנא זיין. א קליינינגקייט, זיי ווערען דאָך אַלע פערכאפּט פאר פאַלין!

סעם האָט געפלאַנט ווי אזוי אַלעקען אראָפּצוראמען פון וועג. ער איז געווען זיכער, אז דער גוי וועט איהם נישט פערשווייגען, ער איז דאָך אַן איטאַליענער, אז ביי יעדער געלעגענהייט וועט ער איהם אריינזעצען א שטילעט אין דער זייט. נור דאָס האָט איהם איצט כמעט ווי גאָר נישט געאַרט. ער האָט צומיינסטען געטראַכט וועגען פאַלי'ן, ווי דאָס מיידעל האָט מיט טרעהרען אין די אויגען זיך געוואָרפען איהם אויפ'ן האלז, איהם געשלעפּט ווי זי געהט און שטעהט אין וועיסען „סוועטער“ צו א „ראַבאי“ א חופה שטעלן, געבעטען, אז ער זאָל זי צונעהמען פון אַלעק'ען, דען זי איז א פערלוירענע! דער גוי וועט זי באַלד נאָך דער חתונה פער־קויפען, אז נישט וועט ער איהר צושניידען מיט א בריטווע דאָס פּנים, זי וויים, אז איטאַליענער טהון אזוי. — — —

סעם האָט געשמייכעלט. ער האָט געוואוסט, אז דאָס איז נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס פאַלי צוקריגט זיך מיט אַלעק'ען. און יעדעס מאָל קלויבט זי זיך אויס, אַלעק'ען אויף צופלאַצעניש, א צווייטען יונג און ווי נור אַלעק בעוויזט זיך און בעט זי איבער, שלאָגט זי מיט'ן יונג כפּרות. און ווער געדענקט נישט די מעשה מיט דזשייק'ן? און דזשייק איז נישט געווען אבי ווער! ער איז געווען א טעלעגראַפיסט מיט א גוטען געהאלט און אַלע האָבען געהאלטען אין איין טענה'ן, אז פאַלי איז איהם נישט ווערטה. נו, איז זי זיך מישב און שיקט איהם אפּ פאר דער חתונה די תנאים און דער בחור האָט פון גרויס צרות אזש גענומען שכור'ן. סעם אָבער וועט זיך נישט לאָזען שפּייען אין דער קאשע — ער קאָן זיין שטעדטיל באַשטעהן!

פון צווייטען צימער האָט מען געהערט ווי מיסעס ריטש, סעם'ס בעל־הבית'טע, פּאַרעט זיך. זי האָט געוועקט איהר זוהנדעל הערי, ער זאָל

עפענען דעם „סטענד“ מיט ציימונגען וואס זי האט געהאלטען אונטער'ן „עלעווייטער“.

מיסעס ריטש, אן אלמנה פון א יאהר פערציג, איז געווען א רויטע, געזונטע יודענע ווי א טערק מיט א פאר פינקעלדיגע אויגען. זי האט גערעדט מיט א קוויטשיגען אלט און עס האט זיך גערדאכט, אז נישט זי רעדט, נור א דבוק קוויטשעט ארויס פון איהר און מאכט חוזק.

— הערדי, אום גאטעס ווילען, געט אפ, געט אפ! — האט זי גע־רעדט האלב אין אידיש, האלב אין ענגליש און איהם געקיצעלט די פיא־טעס פון די פיס.

הערדי, א פעט בחור'ל פון א יאהר פערצעהן, קיינמאל נישט קיין אויסגעשלאפענער האט זיך דורכגעווארפען, געעפענט זיינע פערשלאפענע אויגען, בעטראכט א ווייל די מוטער, זיך א האסטיגען דרעה גע־טהון און געבורטשעט:

—גראַרי היר! באלד עפנען, באלד! לאז אן אויג צומאכען!

אן עלטערער איד מיט א פאר גרויע וואנסען, וואס איז געשלאפען אויף א לעדערנע קאנאפע, האט זיך מיט אמאל אויפגעזעצט. ער האט אויסגעשמעקט דעם קאפ מיט'ן קורצען האלז, אויסגעגלאצט א פאר וואַ־סערדיגע אויגען און זיך שטארק צוהוסט. דער איד האט אויפגעהערט הוסטען, גענומען ווארפען דעם קאפ ווי אין הייליגען־וויטעס־טאנץ און געשלונגען לופט מיט אלע כחות. עס האט זיך גערדאכט, אז א פאר פעסטע הענד שטיקען דעם איד פאר'ן האלז און ער אמפערט זיך.

דאס איז געווען מיסעס ריטש טאטע, א לעמבערגער איד וואס האט געליטען פון א שווערע אסטמע.

א קליין יונגעל פון א יאהר דריי אין א לאנג פלאנעלען שלאף־העמדעל איז אראפ פון בעט, זיך גענומען שיבערען מיט איין הענטיל די האר, מיט'ן צווייטען געריסען די מוטער פאר'ן אונטער־קלייד און געמע־קעט ווי א קעלביל:

— מא־אה עס־סען!

— נא, גוט שבת, זיך אויפגעכאפט „פארצע־דראנע“! — האט מיסעס ריטש זיך צוקוויטשעט, א כאפ געטהון דעם יונגעל פאר א הענטיל און איהם א שליידער געטהון אין בעט אריין — שלאף, ממזר, דען כ'דורס

דיך! דאָס אינגעל האָט זיך נאָך העכער צעוויינט, גענומען אראָפּוואַרפען מיט די פיסלעך די קישענס אויף דער פּאָדלאָגע און געשריען:

— כ'וויל עסען — — עס—ס—סען! — —

משה, מיסעס ריטש טאַטע, וואָס איז שיעור נישט דערשטיקט געוואָרען און געכאַרכעלט מיט'ן האַלז ווי אַ געקווילעטע גאַנז האָט געראָפען דעם אינגעל:

— אַרטהור, כי, כי כי!

אַרטהור האָט זיך פערקוקט אויף'ן זיידע'ן, געמיינט אַז ער מאַכט „פאָן" און אַנשווייגען געוואָרען.

מיסעס ריטש האָט אַ צופּאַטעלטע געעפענט סעם'ס טהיר און איז לייכט אַריין אין איהרע שיך מיט גומענע אָפּצאַסען.

— העי, סעם, שלאָפסט? — האָט זי געזאָגט און אַרויפגעלעגט איהר האַנד אויף זיין מוסקוליסטען אָרעם.

— ווער שלאָפט?

— טאָ הער, פאַרגעס נישט צו לאָזען אַן עקסטראַ „וואָירלד" אין סאַלון און דעם אַלטען בעקער אַ „טיימס", וועסט נישט פאַרגעסען?

— אָל־רייט!

מיסעס ריטש האָט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן בעטיל, וואוילעריש סעמען אַ קלאַפּ געטהון אין דער פּלייצע און מיט אַ שמייכעל געפרעגט:

— נו, האָסט כאָטש פּאָלי'ן געגעבען אַ „גוד־טיים", דו „לאָבסטער"?

— פאַרלאָזט זיך אויף סעמען, מיסעס ריטש, אַז ער פערדעמט איין — נייעט! איהר ווייסט דאָך, כאַ, כאַ, כאַ! — האָט זיך סעם האַרציג צולאַכט.

— שאַראַפּ יאו — האָט מיסעס ריטש כלומרשט אַ בייזע געענטפערט און איהם אַרויפגעלעגט די האַנד אויף'ן מויל — וואָס טויגען די קונצען, סעם, ביזט זי אסור וועדטה! און גלויב מיר ווען נישט דאָס אומגליק מיט'ן שייגעץ, מיט אַלעק'ען מיין איך, איז מיין נאָמען נישט סיידי, צו דו וואָלסט זי געקריגען — — לאָמיר זיך נישט נאַרען, אַזאַ פאַרשוין ווי דו וואָלט זי קיינמאָל נישט פאַרשפּעטיגט! דו ביזט דאָך אַ געוואַלדיגער פערדינער, מיר ווייסען דאָך! ווען דו וואָלסט געווען אַ לייט, וואָלסטו שוין היינט געהאַט אַ „ביזנעס" פאַר זיך, נישט געדאַרפט אַרבייטען פאַר פרעמדע. נעם אָט די אַלע „ניוס־דילערס", דאָס זיינען דאָך

אַלע גרינע אידען און איינס בייאיינס זיינען זיי ווערטה צו עטליכע טוי־זענד טאַלער. און איהר אַלע, דעם גאנצען „גענג" מיין איך? איהר זייט אַ חברה לעדיג־געהערס, פוסט־און־פּאסטניקעס! מישטיינסגעזאגט, ביי אייך קאן אַ ווייב לעבען אין ליידען, עסען ברויט מיט'ן לעפעל?!

סעם האָט זיך ביי די לעצטע ווערטער צושמייכעלט, זיך צוגעבויגען צו מיסעס ריטש און איהר איינגערוימט:

— אז כ'האָב געפּאסט פאר דער מאַמע'ן, פּאס איך פאר דער טאכטער אודאי!

— נו, גענוג זיך צו חכמה'נען, סעם, מיר וועלען זיך שוין שפּעטער אויסשמועסען! גיב נור אהער די דריי טאַלער וואָס דו האָסט נעכטען אָפּ־גענומען אין סאַלון פאַר צייטונגען!

— די דריי טאַלער פערשרייבט אויף מיינע „ווייזשעס" — האָט סעם געענטפערט.

— וואָס מיר „ווייזשעס"? — האָט מיסעס ריטש אַ קוויטש גע־טהון— שוין די דריי טאַלער אהער! קיינע „מאַנקי־ביזנעס"! דיר קומט גאָר נישט און אויב עס געפעלט דיר נישט ברעך הענד און פיס ארויס! ביזט נאָך דערוויילע מיין מאן און מיין איידעם נישט, הערסט? גנבים, סאַקערס! איך אַ שוואכע אַלמנה מיט קליינע יתומים, מיט אַן אַלטען קראנקען טאַטען איבער'ן קאָפּ, מוז נעבעך פערשווארצט ווערען, נישט שלאָפען קיין נעכט — — — און פאר וועם? פאר אזעלכע ליידאקעס, רוסישע שנאָררערס!

סעם האָט געוואוסט, אז דאָס איז נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס זיין מיסעס קריגט זיך מיט איהם, אז נאָך היינט וועט די „גאַליצקע־גנב" (אזוי פלעגט ער זי תמיד רופען) איהם איבערבעטען און בלומרשט אַן אָנגע'ברוגז'טע וועט זי איהם מוסר'ן, אז אויב ער וויל איהר טאָכטער, טאָ לאָז ער זיך נישט ארומשלעפען מיט אנדערע נקבות.

מיסעס ריטש איז זיך דערוויילע פערגאנגען אַלס העכער אויף איהר קוויטשיגען אַלט, געמאכט אזעלכע קולות, אז אַלע אין שטוב האָבען זיך אויפגעכאפּט.

דער אַלטער משה האָט זיך בעוויזען אין דער טהיר אין אַ צופראַלטען שלאַפראָק מיט צוויי פּאַמפּענעס. ארטהור האָט איהם געהאַלטען פאר די

פּאַלעס און געפּשיעלט מיט'ן זיידע'ן אין פערדלעך. העררי איז אריין אין די גאטקעס, אנגעכאפּט די מוטער פאר א האנד און זי גענומען שלעפּן:

— זעה נור, זיך צוריטשעט! קום שוין, קום! געה עפּן דעם „סטאָר" בעסער!

מיסעס ריטש איז געוואָרען מיט אמאָל שטיל, גלייך מען וואלט איהר הענד און פיס אפּגענומען און גענומען ארויסגעהן מיט העררי'ן. זייענדיג שוין ביי דער טהיר, האָט זי זיך ערשט ארומגעזעהן, אז העררי פיהרט זי ארויס, האָט זי פון פערדרוס איהם א וואָרף געטהון פון זיך, זיך אויסגע־דרעהט און אויף דאָס ניי אנגעהויבען איהר פּזמון:

— גנבים! סאָקערס! כ'וועל אייך איינס בייאיינס דורכטרייבען! וואָס? כ'וועל זיך קומען אָנפּרעגען ביי העררי סמארעק צי איך זאָל שרייען, צו ניין? א נישט דערלעבען וועט ער עס! קיינער האָט מיר דאָ קיין דעה נישט צו זאָגען! כ'וויים נישט? זיך צונויפגעשלאָגען די קעפּ, די גאַנצע באנדע און אַלע אנטקעגען מיר! און דו ליטוואק — האָט זי זיך געווענדעט צו סעמען — דו זאלסט זיך נישט דערוועגען ווייזען אויף די אויגען אהן די דריי טאָלער, הערסט? — און צוקלאפּענדיג די גלעזערנע טהיר איז זי אריין אין צווייטען צימער.

דער אַלטער משה האָט אויסגעגלייכט עטוואָס זיין איינגעהויקערטע פיגור און מיט א טריט פון א היימישען יורד איז ער צו צו סעמען. ער האָט גערעדט מיט א ווייכען למד און געהאט א טבע צו פערציהען פיעל ווערטער, ווי למשל: שיסעלע, קיהעלע.

— גוט מאָרנינג! — האָט ער אנגעהויבען און א בויג געטהון די קניהן ווי א איד צו שמונה־עשרה — נו, סעמעלע, אז מען האָט שוין א סכסוך'ל, דארף מען אזוי שרייען? מען האָט דאָך געקאָנט מיינען, כ'וויים וואָס? א שיפעלע איז חס וחלילה אונטערגעגאנגען! און אין גאנצען געהט עס אין דריי טאָלער! פע, גאָר נישט שעהן! ס'פּאסט פאר א אי־דענע! כבין אויך אמאָל א ביזנעס־מאן געווען, ווי דו קוקסט מיך אָן בין איך א בעלן געווען מיט „פינעוועריל" א סיגארעל פעררויכערען און נישט, פארשטעהסטו מיך, אבי ווער? געפיהרט „ביזנעס" אין די שווערע טוי־זענדער! א ליווערענט בין איך געווען, א ליווערענט אין קייזערליכען הויף! ער שפּילט זיך מיט מיר, כאַ, כאַ, כאַ! דו פארשטעהסט? דו פרא אדם בצורת פערד! און אזוי ווי כ'רעד מיט דיר פה אל פה, האָב איך גע־

רערט מיט'ן קייזער, מיט פראנץ יאָזעף'ען, זאָל לעבען! נור נישט דאָס בין איך אויסען, יעס, מיר טענה'ן דאָך היינטיגע צייטען — — —

סעם האָט דעם אַלטען משה כמעט נישט פערשטאַנען, נישט געקאַנט צוקייען דעם אַלטען'ס עברי, געוואוסט אז ער זאגט קיין איין וואהר וואָרט נישט, פונדעסטוועגען האָט ער איהם ליעב געהאט און אָפט פערבראכט מיט איהם.

סעם איז איצט נישט געווען אויפגעלעגט אויסצוהערען דעם אַלטענ'ס מעשיות, געווען זיכער, אז דער אַלטער וועט אזוי לאַנג „האקען א טשייניק" ביז ער וועט דורך פערשיעדענע קונצען ביי איהם ארויסקריגען עטליכע סענט, האָט ער איהם בעצייטענס געגעבען א צעהן סענט שטיק אָבי פטור צו ווערען פון איהם.

דער אַלטער האָט זעהר קונציג אריינגערוקט די מטבעה צווישען צוויי פינגער, געכאפּט פאר שמחה ארטהור'ן, וועלכער האָט זיך גע־שפּיעלט מיט ספּאָרטען און איז ארויס פון צימער.

מיט אַמאָל איז אין שטובעל געוואָרען טונקעל. די לאָמפּ אין דרויסען האָט א צאפּעל געטהון און דאָס שטובעל איז געוואָרען אבגעגאסען מיט אַ מאַטע רויטקייט. נאָך א רגע — אַלץ איז צושווימען און עס איז גע־וואָרען שטאָק־פינסטער.

סעם איז גיך אראָפּ פון בעטיל, איז צו צום קראַן מיט וואסער און זיך גענומען איינוואשען, ארויסלאָזענדיג בשעת מעשה מאָדנע קולות. ער האָט גיך ארויפגעוואָרפען אויף זיך א פּאָר הויזען, א פּאָר לייווענטענע שיך צו שנורעווען, א שוואַרץ העמדיל מיט אַן איבערגעלעגטען קאָלנער, אריבער געוואָרפען א לאַנגען פּאַסעק איבער'ן אקסעל, זיך פון פערדרוס פונאנדער־געפּייפט און ארויס מיט ספּאָרטען אויף דער גאס.

II.

אויף דער גאס האָט זיך סעם אפּגעשטעלט, אנגעפּאקט זיין פּייפּ מיט טאַבאק און פערצויגען. עס איז נאָך געווען פינסטער, נור דא און דארט האָבען זיך שוין געוויזען סמנים פון מאָרגען ווי ער רייסט זיך, שלאָגט זיך דורך א וועג.

פון א זייטיג געסיל איז אנגעקומען א וואָגען מיט מילך געשפּאנט אין איין פערד. דאָס פערד האָט זיך פארקערעוועט אהן בעל־הבית און זיך אפּגעשטעלט נעבען א מויער. באלד איז ארויסגעשפּרונגען פון א קארידאר א יונג אין איין העמד מיט הויזען, א פייף געטהון און דאָס פערד האָט זיך געריהרט פון אָרט.

איבער׳ן טראָטואר האָט זיך געשלעפּט א יונג אין ווייסען, ווי אן אויסגעבאקענער. ער האָט געפיהרט מיט א גפּילדער א וועגעלע געבעקס. פון געבעקס האָט זיך פערשפּרייט אן אנגענעהמער ריח וואָס רעגט און מאַכט אפּעטיט. סעם האָט אפּגעשטעלט דעם יונג, געקויפט ביי איהם א בייטעל מיט פאַנטשעס און געשפּרייזט ווייטער.

מיסטער פּאָלאָק, א פעטער „סאלון־קיפּער“, מיט אן אָנגעלאפען פּנים, מיט וואסערדיגע אויגען, וואָס מאַכט דעם איינדרוק ווי ביים ערשטען שטופּ צוגיסט ער זיך, איז סעם׳ען גלייך אין פּנים אנגעקומען, זיך גע־וואלט א דרעה אויס טהון, באלד זיך מישב געווען, אז עס איז צו שפּעט און זיך געגריסט:

— האלאָ, סעם!

—האלאָ, מיסטער פּאָלאק! וואָס טהוט איהר דאָ אזוי פריה?

— ביזנעס, זעהסט נישט — האָט פּאָלאק געשטאַמעלט — דיינע אמעריקאנער דאָקטוירים, די קאָנאָוואלען, רעדען מיר איין, אז כ׳בין קראַנק, הייסען טרינקען ביטער וואסער, זיך דורכגעהן אביסעל, אזוי א פיער און צוואנציג שטונדען אין מעת לעת, כאַ, כאַ, כאַ! און העלפען וועט עס ווי א טוידטען באנקעס! יאָ, „יעס־סיר“, נו „גוט־באַי“, סעם — און ער איז אוועקגעגאנגען.

— אן אַלטער „פייקער“, וויל פארעדען די ציין! — האָט סעם צו זיך געזאגט.

סעם האָט געוואוסט, אז פּאָלאק איז פערליעבט אין מיסעס ריטש איבער די אויערען, ווארט זי יעדען טאָג אָפּ ביים הויז און העלפט איהר עפענען דעם „סטאָר“.

ער האָט אויסגעשפּיגען, געגאנגען ווייטער און אין מח ביי איהם האָט זיך אַלץ געפּלאָנטערט צו זיין מיסעס:

ווערט זי פערכאַפּט מיט איהרע צייטונגען צוזאמען! — האָט סעם צו זיך גערעדט — כ'וועל מיט איהר רעדען פּראָסטע דבורים, זיך נישט לאָזען ארומפיהרען ביי דער נאָז, מיר אַלץ אין איין אויפוואַרפען, אז כ'בין נישט קיין פערדינער! און אויב כ'געפעל איהר נישט האָט זי א ברירה! וואָס מיינט זי, וואָס? כ'בין ווי יענע גרינע „קאַיקס“ וואָס פערדינען זעקס טאָלער א וואָך און שפּאָרען זיבען? „טהע־העלל“!

אין א קארידאָר איז געשטאַנען א יונגער פּאָליסמאַן געאַרעמט מיט א מיידעל. סעם זעהענדיג דאָס פּאָרעל האָט זיך צוזינגען:

——''Everybody is doing it,
is doing it,
is doing it!''

(„— — יעדער איינער טהוט עס, טהוט עס, טהוט עס!“)

און צוגעקלאפּט מיט די אפּצאַסען אויף'ן טראָטואַר.

פון קאָרידאָר האָט זיך געהערט א געלעכטער.

סעם האָט גענומען גיכער שפּאַנען.

א פּאַרטיע איטאַליענער אין קאָלירטע העמדלעך, מיט ברייטע שטרויענע קאַפּעליושען, מיט בלאַנקענדע שפּאַדלעס אויף זייערע אַקסלען זענען איהם אַנטקעגען געקומען. זיי האָבען געגודערט ווי גענז, געוואַרפען גיך צום טאַקט מיט זייערע הענד און געקלאַפּט מיט זייערע היימישע שטיבלעטען.

— שטילעטאַ, קאַפּושעטאָ, פּאַלאַצעטאָ! — האָט סעם זיי גוט־מוטהיג נאכגעמאַכט. די איטאַליענער האָבען זיך איבערגעקוקט, צו־שמייכעלט און איינער א יונגער האָט איהם געוויזען אַ צונג.

פון דער ווייטענס האָט שוין סעם דערזעהען די „ניוס־דילערס“. זיי זענען געווען צעוואַרפען איבער א האַלבען „בלאָק“, געסאָרטירט זייערע

צייטונגען, וואָס זענען יעדע פינפצעהן מינוט אנגעקומען מיט׳ן „עלע־וויטער“. דאָס רוב „ניוס־דילערס“ זענען געווען אידען, עטליכע אמעריקאנער יונגען און צוויי דייטשע „פרוילײנס“. די אידען זענען אליין נישט געקומען נאָך די צייטונגען. זיי האבען געהאלטען מענשען, דאָס רוב סטודענטען — בלייכע בחורים מיט לענגליכע האָר און נישט געראזירטע פנים׳ער, וואָס האָבען פאר דריי טאָלער א וואָך צוטראָגען יעדען פריה־מאָרגען די צייטונגען איבער די הייזער.

די סטודענטען פלעגען זיך צונויפגעקלויבען אין א ווינקעל, פערזויערטע, נישט אויסגעשלאָפענע, זיך צוזעצען אויף א טרעפ, פון לאנגווייליגקייט פערציהען עפּעס א דעבאטע איבער א רוסישע פראגע און דרעמלען. די שקצים מיט סעם׳ען אין דער שפּיץ פלעגען אויפזוכען א שמאטע, זי איינטונקען אין וואסער און א שליידער טהון אין דער קופּע. די בחורים פלעגען זיך איבערטרייסלען און בורטשען. סעם האָט זיי אלע פיינד געהאט, זיי געטאפּט פאר די הענד צו זיי האבען מוסקולען און די בחורים פלעגען אויסגלאצען זייערע קרענקליכע אויגען און נאריש שמייכלען: „גע־טראָפען ס׳אָרט„!

ליוואַי, א נידריג אידעל פון א יאָהר עטליכע און דרייסיג, מיט א קאָסע אויג און מיט א פּאָר צוגעשווירענע, שטייפע, ווי נאָדלען, וואָנסען, האָט געסארטירט זיינע צייטונגען און געזונגען מיט א ראש־השנה ניגון:

— אוי—אוי—יאוי—אוי—יאוי — הא—הא—אָ———הא—אָ

און א הויכער געלער יונג האָט אונטערגעכאפּט:

— ה—מ—ל—ך!

לעבען זיי איז געשטאנען מיס בעקער, אן עלטערע דייטשע מויד ארומגערינגעלט מיט עטליכע שקצים. מיס בעקער האָט גענומען א זעמיל, דורכגעצויגען א שטריקעל עס זאָל אויסזעהן ווי א של־ראש, זיך אנגעטהון אויפ׳ן קאָפּ, זיך געשטעלט אין א ווינקעל און נאכגעמאכט מיט ווילדע קולות, ווארפענדיג מיט די הענד און מיט׳ן גאנצען קערפּער, ווי אידען דאווגען.

אלע, סיי גוים, סיי אידען, האָבען געפּלאצט פון געלעכטער.

סעם האָט בטבע פיינט געהאט אלע אידישע „סאָנגס“. ער איז אליין א גרויסער בעלן געווען אפּצולאכען ווי אידען רעדען ענגליש, ווי זיי מא־

כען משונה'דיגע העויות בשעת זיי רעדען, נור אז ער פלעגט זעהן ווי א גוי טהוט עס, פלעגט ער אן אויפגעקאכטער ווערן.

ער איז א בלאסער ארויף אויפ'ן „עלעווייטער", אראָפגעבראכט זיינע צוויי פעקליך צייטונגען, זיי אויסגעסארטירט און איינגעשנורעוועט אין פאסעק. די מויד איז נאָך אלץ געשטאנען און געבלעקעצט. סעם האָט אוועקגעגעבען הערריי'ן, וואָס האָט נור וואָס געעפענט דעם „סטענד" זיין פאַק צייטונגען, גענומען מים בעקערס „פושקארט", פאמעליך איהם צוגע־פיהרט צו איהר און זי הינטערווייליכס א זעץ אריינגעהטון אין וועגעלע.

די „פרוילין" האָט געמאכט קולות, זיך געריסען, נור סעם איז גע־פלויגען מיט'ן וועגעלע איבער'ן טראָטואר ווי א רוח. ספארט איז געשפרונ־גען אויף א פריהער מיט א בילעריי, זיך געווארפען אויף דער מויד. זי האָט פעריסען איהרע נאקעטע פיס און געשאָלטען. סעם האָט נישט גע־ענטפער. ער האָט זי צוגעפיהרט צו דער צווייטער סטאנציע פון „עלע־ווייטער" און זי אבגעלאזט. ער איז גיך צוריק, געכאפט די צייטונגען, זיי אריבערגעווארפען איבער'ן אקסעל און אן אויפגערעגטער זיך געקליבען אין וועג אריין.

— האלאָ, סעם! — האָבען איהם עטליכע חברים אפגעשטעלט.

— האלאָ, באָים! ווי געהטס? — האָט סעם געענטפערט.

סעם איז אָבער קיין נאַר נישט געווען, ער האָט געוואוסט, אז עס וועט באַלד געהן א סדרה פאָלי— שווייגט ער, קוקט מיט שטאָלץ אויף זיינע חברים.

— נו, — האָט איהם איינער א שטופ געטהון מיט'ן עלענבויגען — ביזט „אָל־רייט", סעם! הפנים פאָלי גלייכט דיך! — —

— דאָס ווייס איך — האָט סעם געענטפערט מיט אזא צווידייטיגען שמייכעל, ווי איינער זאָגט: „נישט נור זי גלייכט, ברודער, נור זי ווערט פשוט פערכאפט פאר מיר".

— און אלעק מיינסטו וועט דיר שווייגען? — האָט א צווייטער געזאָגט — איטאליענער שווייגען נישט. — —

— „וואט טהע העלל"! ווער האָט מורא, ווער? און איצט, חברה, „גוט־באַי", מיר וועלען זיך דאָך טרעפען פארנאכט אין סאלון — און געוואלט אוועקגעהן.

— אלעק האָט נור וואס געפרעגט אויף דיר — איז הערדי צו און איהם איינגערוימט א סוד.

— נו? — האָט סעם געפרעגט.

— כ'האָב געזאגט, אז דו ביזט אוועק אויפ'ן „ראוט“.

—און ער?

— ער האָט גארנישט געענטפערט. מיר דאכט זיך ער איז געגאנגען צו דזשעראם־ווערדיל.

סעם האָט זיך א טאפ געטהון פאר זיין הינטערשטע הויזען־קעשענע, א שפיי געטהון און איז אוועק. ער איז ארוים אויף א זייטיג ווענעל וואו קליינע פריוואט הייזלעך זענען געשטאנען. ער האָט שנעל געדרעהט די צייטונגען אין רוירען, זיי געפאלדעוועט, פלינק געווארפען אויף די ווע־ראנדעס. פון מאָל צו מאָל האָט ער ספּאָרטען געגעבען א צייטונג אין פיסק אריין. דער הונד איז פערשווינדען, איז באלד צוריק מיט א העשען און מיט אונגעדולד געווארט אויף א נייע שליחות. סעם האָט געשפּאנט און געפיהלט ווי דאָס פעקיל ווערט גרינגער. ער האָט זיך יעדע ווייל ארומ־געקוקט, געווען זיכער אז אלעק ליגט ערגיץ אויף א „לאָט“, הינטער א קוסט און קלייבט זיך איהם איבערפאלען. ער האָט מיט אמאָל דערפיהלט א געוואלדיגען חשק אז אלעק זאָל ארוים מיט א רעוואלווער, צו מיט א שטילעט, איהם פארשטעלען דעם וועג, פרעגען א פרעטענזיע — — ער איז געווען זיכער אז פריהער אדער שפּעטער און איינער וועט מוזען אפּ־טרעטען, דען פאר זיי ביידע איז קיין פּלאץ נישטא. סעם האָט מיט אמאָל א ציטער געטהון און זיך אפּגעשטעלט.

פון א גרויסע גוס־אייזערנע רויר, וואָס איז געלעגען אין מיטען וועג אָנגעגרייט פאר וואסער־לייטונג, האָבען ארויסגעשטעקט א פּאָר שווארצע, ערטערווייז אפּגעכמאליעטע פיס. די פיס האָבען זיך גענומען באוועגען און א מענש איינגעהילט אין צייטונגען האָט ביסלעכווייז גענומען ארויסקרי־קען פון דער רויר. ער האָט זיך אויסגעגליכט, צושפּרעט די פיס, אריינגע־מאכט די הענד אין די הויזען קעשענעס און ציהענדיג ווי א זשיראף זיין לאַנגען, דארען האלז, האָט ער זיך צוגענעצט. דער קאָפּ איז געווען צו־שויבערט, באדעקט מיט שטיקלעך פאפּיר און די האָר האָבען אויסגעזעהן ווי פערוויאנעט גראָז.

— העי, ביל — האָט ער זיך געווענדעט צו סעמען שפּייענדיג אין אלע זייטען — האָסט אפשר א סיגארעט?

— נאָ סער — האָט סעם געענטפערט — טאַבעק האָב איך!

— אָל־רייט! גיב „אונז" טאַבעק!

ער האָט גענומען א שטיק צייטונג־פּאפּיר, אויסגעוויקעלט א סיגאַרעט, פארקלעבט מיט דער צונג, ארויסגענומען א שוועבעלע, אנגעריבען אן די גלאנציגע ווי לעדער הויזען און פערצויגען. ער האָט איינגעקארטשעט זיין לאנגען האלז צווישען די אקסלען און א הינקענדיגער פערשוואונדען צווישען די לעדיגע „לאָטס".

סעם האָט נאכגעקוקט דעם טרעמפּ, און כאָטש ער האָט געוואוסט, אז זיי ווערען דער׳הרג׳עט אין די טויזענדער יעהרליך, אז זיי גנב׳ענען זיך אויף די צוגען, ליגען הינטער די וואגאָנען אויף די רעסארען און מען שליידערט זיי אין שנעלען לויפען ארונטער, פונדעסטוועגען האָט איהם דאָס פרייע טרעמפּישע לעבען פון תמיד אָן געצויגען און איינע פון זיינע שעהנסטע חלומות איז געווען אוועקצופּאטשען אין א פראָסטען פריה־מאָרגען, אהן א זיי געזונד אין דער ווילדער „וועסט".

סעם האָט אויסגעטהיילט די לעצטע צייטונגען. ספּאָרט איז געלאָפען אויף א פריהער מיט אן אויסגעשטרעקטע צונג — א סמן עס וועט זיין א חמימה. ער האָט געקוקט פון אויבען אראָפּ אויף די קלענערע הינד, וואָס האָבען מיט א הינטישע חניפה זיך געלעקט צו איהם, געדרעהט מיט׳ן עק. און אז אן עזות־פּנים האָט זיך אנגעשפּארט מיט זיינע פאָדערשטע לאַפּעס אָן ספּאָרטס רוקען — האָבען איהם שוין מעהר קיין צרות נישט געפעהלט. דערפאר, אז ער האָט געטראָפען זיינס א גלייכען, האָט מען זיך אפּגעגעבען שלום מיט די שנוקעס, זיך באַשמעקט, פיעל מאָל חשק געהאט צו פערציהען די בעקאנטשאפט, נור ווי אויף צו להכעיס האָט זיך תמיד דערהערט סעם׳ס פייף און ספּאָרט איז א פארליעבטער אוועק צום בעל־הבית.

פון די הייזער האָבען זיך שוין גענומען ארויסשיטען מענשען מיט׳ן לעצטען ביסען אין מויל און מיט האלב אנגעטהוענע רעקלעך. פערשלאָפענע מיידלעך זי׳נען ארוים מיט׳ן מיטאג, איינגעוויקעלט אין פאפּיער אונטער די ארעמס, און מיט דיקע ראמאנען אין די הענד. זיי האָבען זיך פערגאפט ארומגעקוקט, אינסטינקטיוו א ציה געטהון מיט דער

האנד איבער דער לענג פון קלייד צו זעהן אויב דאס אונטער־קלייד זעהט זיך נישט ארויס, אבגעזיפצט און זיך געלאזט צום „שאפ". די מענער, אלט און יונג, האבען אויטאמאטיש געפרעגט פערביילויפענדיג סעם'ען: „האו וואן"? — נישט געווארט אויף אן ענטפער און געלאפען ווייטער. דאס האבען זיי געפרעגט וואס פאר א פארטיע האט געוואונען דעם „בייז־באל גיים". סעם האט זיי נאכגעקוקט, זיך געוואונדערט ווי זיי קענען דאס זיצען גאנצע טעג אין שאפ און ארבייטען. און איהם איז איינגעפאלען אז דעם טרעמפ וועמען ער האט געזעהן ארויסקריכען פון דער רויר איז אפשר בעסער פון זיי.

עס האט זיך איהם פערוואלט עסען. ער האט לאנג נישט געטראכט, איז אריין אין ערשטען פעדער הויז, צוגענומען א פלאש מילך, וואס איז געשטאנען נעבען א טהיר, ארויסגענומען עטליכע זעמיל פון א בייטעל און געגאנגען צו דזשעראם־וועלדיל.

דאס וועלדיל איז בעשטאנען פון גרויסע צושפאלטענע סקאלעס. פון די שפאלטען האבען ארויסגעוואקסען וועלשענע בוימער. דאס גאנצע וועל־דיל האט זיך געטוקט אין זון. שטראהלען מיט שטראהלען האבען זיך געשפיעלט, געפלאכטען, זיך צונויפגעגאסען אין ברייטע זילבערנע פאסען, געטהיילט דאס וועלדיל.

סעם איז צוגעקומען צום וועלדיל און זיך מיט אמאל דערפיהלט אזוי פריי — כאטש נעהם און שטעל זיך אויפ'ן קאפ!

ער האט זיך אפגעשטעלט. א זילבערנע זייל איז ארויסגעוואקסען פאר זיינע אויגען, געוואקסען אלץ העכער, זיך געריסען אין הימעל אריין און עס האט זיך געדאכט אז אט־אט און די זייל פאלט. די זייל איז בעשטאנען פון קליינע זילבערנע פליגעלעך, וועלכע האבען געהאלטען אין איין באוועגען זיך. דער הונד האט זיך עטליכע מאל אווארף געטהאן אויפ'ן זייל מיט אן אפען פיסק, דאכט זיך געמאכט א לאך און גלייך ווי דער הונד איז אפגעשפרונגען איז שוין קיין זכר פון לאך נישט געוועזן.

סעם האט געוואוסט, אז דער פלאץ איז זומפיג, האט ער איהם אויס־געמיעדען, זיך אוועקגעזעצט אויף א סקאלע הינטער א בוים. ער האט געעפענט די פלאש און גענומען טרינקען פון העלזיל. נישט ווייט פון סעמען הינטער א צווייטען בוים איז געזעסען דער טרעמפ. ער האט עפיס ארויסגעגעסען פון א פאפיער און פערטרונקען מיט מילך פון א פלאש.

ספּאָרט האָט הפּנים דערשמעקט פּלייש און זיך צובילט. סעם האָט זיך ארומגעקוקט, דערזעהן דעם טרעמפּ און דאָס בלוט האָט איהם א שלאָג געטהון אין פּנים אריין. ער האָט אליין נישט געוואוסט, פאַרוואָס ער האָט זיך פאַרשעהמט, געלאזט ליגען די פלאַש און געוואלט אבציהען דער טרעמפּ זאל איהם נישט באמערקען.

— העי, ביל — האָט ער דערהערט דעם טרעמפּ'ס שטימע — קום אהער, וועסט א ביס טהון, צוזאמען וועט זיין היימליכער און הונגעריג ביזטו דאָך געווים ווי א שוהל־מויז!

סעם האָט זיך פערלוירען, געוואלט עפּעס ענטפערען, פון פערדרוס א שפּיי געטהון און גיך ארויס פון וועלדיל.

III.

ארויסקומענדיג פון וועלדיל האָט סעם באמערקט ווי א מענשווארפט זיך אויף איהם. און איידער ער האָט צייט געהאט זיך ארומצוקוקען האָט ער דערהערט: „הענדס אָפּ!" און דערפיהלט ווי א פּאָר הענד נעהמען איהם פעסט ארום.

סעם איז עטוואס צוטומעלט געווארען, אינסטינקטיוו דערפיהלט אז דאָס מוז זיין אלעק און זיך א ווילדען ריס געטהון. פאר איהם איז גע־שטאַנען דזשייק אין א פּאָר אויסגעדריוועלטע הויזען, פון וועלכע עס האָט זיך גערדאכט, ער איז שוין לאנג אויסגעוואקסען, זיך געהאלטען פאר די זייטען און געלאכט.

— געה צו אלדע וויסטע יאָהר, דו פערפוילטער העכט! — האָט סעם אן אויפגעקאכטער געזאגט, נור זעהענדיג דזשייק'ן אין זיינע געקעסטעלטע מייטקעס, מיט'ן אָפענעם האָריגען לייב, האָט ער זיך נישט געקאנט איינ־האלטען און זיך צושמייכעלט. ער האָט דזשייק'ען גוטמוטהיג ארומגענו־מען, איהם גענומען דרעהען אין אלע זייטען, בעטראכטענדיג איהם פון קאָפּ ביז פיס:

— א הילוך'על גנב! הא, הא, הא! — האָט זיך סעם הארציג צולאכט.

— לאָז געמאך, דו פערשטאָפּטער מח! — האָט דזשייק גע־ענטפערט עטוואס א בעליידיגטער. ער האָט זיך ארויסגעדרעהט פון סעם'ס הענד און א וואקלענדיגער זיך קוים דערהאלטען אויף זיינע פיס.

— ביזט אַ נאר — האָט סעם געשמייכעלט — כ'מאך א שפּאס און דו „בוב" בעליידיגסט זיך.

אז דזשייק האָט זיך געפיהלט בגלופין האָט ער געהאט א שוואכקייט צו רעדען מיט דער שפּראך פון שערידאַ'נס און שעקספּיער'ס העלדען.

— סילענסיום! — האָט דזשייק אויגעשריען, ארייגעשטעקט די הענד אין די הויזען קעשענעס און זיך קוים געהאלטען אויף די פיס — עס שטעהט דיר פיליכט נישט אָן צו געהן מיט מיר? דו שיסעל־לעקער!

דו פערדאמטער, הונד־שלעגער! איגנאָראמוס! יעדער „אינטש“ אין מיר איז א דזשענטעלמען!

דזשייק זעהענדיג, אז סעם האלט אין איין שמייכלען, האָט פון פער־פערדרוס גענומען שילטען זיין מאמע'ן, זיין טאטע'ן, זיינע פערגאנגענע דורות, זיינע קומענדע דורות ביז דעם פיערטען געבורטה.

— צו אלדע יאהר, וואס גודערסטו? — האָט סעם זיך אזוי הילכיג און הארציג צולאכט, אז דזשייק האָט נישט ווילענדיג געמוזט מיטלאכען.

— רעד מענשען זאָלען פארשטעהן, אז דו רעדסט כינעזיש — —

דזשייק האָט מיט די גוטסקייט פון א שכור אָנגעכאפט סעמען פאר'ן ארעם, איהם עטליכע מאָל געקושט, געקלאפט אויף דער פלייצע און ציטריג גערעדט:

— ביזט א „גוט־באָי“, סעם! כ'האָב דיך ליעב! גיעב א האנד, אָט אזוי! מיר וועלען זיין פריינד! כ'האָב דיך נור וואס בעליידיגט, מיאוס בעליידיגט, אנאנדערער וואלט מיר די אויגען אונטערגעשלאָגען! אָבער דו קענסט דזשייק'ען, אמת?

סעם האָט זיך פערלוירען פון דזשייק'ס ווערטער, געוואלט עפּיס ענטפערן נור מעהר ווי א צוג מיט די אקסלען האָט ער נישט געטהון.

— איצט, ברודער — האָט דזשייק ווידער אנגעהויבען — מוזטו געהן מיט מיר, מיר מוזען אפּשווענקען אונזערע פייפלעך, טרינקען ברור־דערשאפּט, ווי דער שוואב זאגט. נישט געזארגט, סעם, איך צאָהל!

זיי זיינען אריין צו פּאלאק'ען אין סאלון, זיך אוועקגעזעצט ביים צאָהל־באנק, אנגעשפּארט איין פוס אן דעם מיט קופּערנע בלעך בעשלאָ־גענעם שטעקען, וואס האָט זיך געצויגען דורך דער גאנצער לענג פון דער צאהל־באנק און געבעטען צו גלעזליך בראָנפען.

דער סאלון־קיפּער האָט אוועקגעשטעלט א פלאש בראָנפען מיט שמאָלע גלעזלאך און זיך געווענדעט צו סעמען:

— דו ווייסט, סעם, כ'האלט דאך ביים קויפען מיסעס ריטש'ס „סטאָר“?

— אבי נישט די מיסעס — האָט סעם זיך צולאכט און אויסגעטרונ־קען א גלעזיל בראָנפען—„גאָ העט“, מיסטער פּאָלאק, קויפט דעם „סטאָר“, און מיר א „רייז“ איז דאָך אפּגערעדט, הא?

— ווי דען, ווי דען — האָט פּאָלאק געשמייכעלט און וואוילעריש

א פרעג געטהון — און אז כ׳וועל קויפען אי די „מיסעס“, אי דעם „סטאר“ ?

— איז נאָך בעסער! דעמאלט, מיסטער פּאָלאק, פערזיכער איך אייך אז איהר וועט שוין קיין ביטער וואסער נישט דארפען טרינקען — — —

— האָ, הא, הא! — האָט דער אלטער זיך צולאכט און געקלאפּט סעמען אויף דער פּלייצע — „טהאט׳ס ע׳ גוט וואָן!“ יא, „יעס סיר“. אָבער נאָך אלע קונצען איז מיסעס ריטש א בריה, הא? ווי כ׳זעה גלייך־סטו הפנים דעם „ספּרינג־טשיקען“, פּאָלי׳ן — האָט דער אלטער סעמען א קיצעל געטהון און גענומען אנגיסען א קעסעלע ביער.

פּונקט ווי ביי אמת׳ע שכורים, ביי וועלכע דער בלויזער ריח פון בראָנפען איז גענוג אז אלץ ארום זאל ווערען גרעסער און שעהנער — אזוי האָט דזשייק נאָכ׳ן צווייטען שנאפּס דערפיהלט, אז ער וואקסט העכער און העכער, אז נאָך א רגע און זיין קאָפּ וועט דורכשלאָגען דעם סופיט. אלץ האָט ביי איהם אויסגעזעהן שעהנער, אפילו דער צוגאָסענער שיינקער מיט די וואסערדיגע אויגען האָט ביי איהם אויסגעזעהן ווי א נאָבעלער מאנדארין נור אָהן א צאָפּ. ער האָט דערפיהלט ווי דער מח ווערט רייגער, ארבייט שנעלער און עס האָט ביי איהם דורכגעבליצט, אז סעם איז א פארשטעלטער ריטער פון עליזאבעט׳ס צייטען, פּאָהרט אויף זיין צוגאָווע פערד לאנד איין, לאנד אויס און זוכט

"A Lady From a Far Country"

אין עק צאהלבאנק איז געשטאַנען א ניגער מיט אן אראָפּגעלאזטער לופּ ווי א שמאטקע איבער א גלאָז ביער און געמאכט א מינע ווי ער קלויבט זיך כאפּען א דרעמיל.

דזשייק האָט אנגעגאסען א שנאפּס און זיך געווענדעט צום ניגער:

— האלאָ, דזשימי! נא, מאך א שנעפּסיל!

דער ניגער האָט א שמייכעל געטהון, צוגעגאנגען א נישט זיכערער, ווי איינער וואָס רעכענט אז ווען ער וועט צוקומען, וועט מען איהם אנ־שטאָט בראָנפען ווייזען א פייג. ער האָט גענומען דאָס גלעזעל אין זיינע מאלפּישע הענד, פערקאשערט די ליפּען, געדריקט דזשייק׳ען די האנד, און פאלענדיג פון די פּיס האָט ער א האסטיגען טרונק אויסגעטהון דעם בראָנפען.

דער ניגער האָט פּאר גרויס שמחה ארויסגעכאפּט א זילבערנעם

דאָלאר, א ווארף געטהון אויף דער צאהלבאנק און באשטעלט דריי שנאפּען מיט אמאָל. דזשייק׳ס ריטטערשע נאַטור האָט זיך געפיהלט בעליידיגט וואָס א ניגער איז איהם מכבד, האָט ער זיך געכאפּט פאר זיינע לעדיגע קעשענעס, געשטופּט דעם ניגער דעם דאָללאר צוריק און געשריען, אז ער וועט צאהלען. דער ניגער האָט פערגלאָצט זיינע עטוואס מיט בלוט אָנ־געגאָסענע אויגען, גענאָנוועט, זיך געוואקעלט און געשריען, אז ער מוז צאהלען, אז כאטש ער איז א ניגער האָט ער דאך א סך געלד, אז אפילו לינקאָלן, דער גרעסטער מענש וואָס די וועלט האָט אמאָל געהאט, האָט געטרונקען ברודערשאפט מיט ניגערס, אז — — — ביזביידע האָ־בען זיך פאר גרויס ליעבשאפט ארומגעכאפּט, זיך גענומען קושען און סמאָטשקען מיט די ליפּען ווי מיט בייטשען.

סעם האָט זיי עטליכע מאָל געוואָלט פונאנדערשיידען און יעדעס מאָל האָבען זיי זיך אויף דאָס ניי געווארפען, ווי א פּאָר געליעבטע, אין די ארעמס.

דער ניגער האָט זיך איינגעבויגען צו דזשייק׳ס אויער, איהם גע־קלאַפּט איבער דער פּלייצע און איינגערוימט א סוד, אז אלע האָבען געהערט.

— קום, ברודער, קום מיט מיר, האָב איך א ווייבעל — דאָ האָט דער ניגער צוגעלעגט די שפּיץ פינגער צום מויל און א פּייף געטהון — זי איז א גוט מיידעל, זאָג איך דיר! „סטריקטלי“ כשר! כי, כי, כי! זי איז א מלאך, קום! דו ביזט מיין חבר, אליץ בעלאנגט צו דיר, אפילו מיין ווייב, נישט וואהר?

— וואָס, דיין ווייב איז א אידישע? — האָט דזשייק אויסגעשאָסען מיט א האָלצערנעם געלעכטער.

—מיך אַרט נישט — האָט דער ניגער גענאָנוועט — מענשען זיינען מענשען, נישט וואהר? ביי מיר איז אליץ איינס: א ווייסער, א שוואר־צער, אפילו א איד — — — גאָט האָט אונז אלע געמאכט, נישט וואָהר?

— און אין גאָט גלויבסטו? — האָט דזשייק גלאַט אזוי געפרעגט.

— אין גאָט — האָט דער ניגער איבערגע׳חזר׳ט, אָנגעשפּארט בשעת מעשה זיין האלז אן דזשייק׳ס אקסעל ווי א קוה אויף דער צוויי טער און געמעקעט — צו איך גלויב אין גאָט? כ׳וויים נישט! דאכט זיך, כ׳גלויב! ווי זאָגט אונזער גלח? אז א „שאָפ“ אהן א „פאָרמאַן“ קאָן נישט זיין!

דאָס איז אמת! אונזער גלח, דער גאָט פערדאמטער, איז א קלוגער בחור! ער זאָגט, אז גאָט זעהט מען נישט, איהם פיהלט מען, אלס ארום זאָגט עדות, אז עס איז דאָ אַ גאָט. אַ גאָט, זאָגט ער, איז געגליכען, צו אַ טכויר. אַ טכויר זעהט מען נישט, מען הערט נישט, מען פיהלט איהם אָבער, כי, כי, כי! גאָט־פערדאמטער, אונזער גלח איז קלוג, נישט וואהר?

דאָ האָט זיך דזשייק אזוי צולאכט, אז ער האָט פון גרויס שמחה אָנגעכאפּט דעם ניגער און מיט איהם ארויסגעשפּריזט פון שענק. ער האָט א שפּריז געטהון פון אלע דריי טרעפּלעך און זיך ארויסגעקייקעלט מיט׳ן ניגער אויפ׳ן טראטואר.

פון דעם קלאפּ האָט זיך דזשייק אויסגעניכטערט. ער האָט פון פּער־דרוס א שפּיי געטהון, געלאזט ליגען דעם ניגער און אוועק מיט סעם׳ען. עס איז געווען צעהן א זייגער. דער טערמאָמעטער האָט געוויזען אין שאָ־טען 95 גראד פארענהייט. הייסע כוואליעס האָבען זיך געטראגען אין דער לופט און עס האָט זיך געדאכט אז מען שטהעט צווישען גרויסע אויס־געהייצטע אויוועננס און די פלאמען באַקען און פּרעגלען אהן רחמנות.

זיי זענען אריין אין פּארק און זיך אויסגעצויגען הינטער א בוים. ספּאָרט האָט איינגעקאָרטשעט זיינע הינטערשטע לאפּעס, אויסגעצויגען די פאָדערשטע, עטוואס פערזשמורעט די אויגען, ארויסגעשטעקט די צונג, אָנגעשטעלט דעם קאפּ גלייך אנטקעגען דער צופלאמטער זון און געחלום׳ט.

— נו, זאָג אליין, דזשייק — האָט סעם אָנגעהויבען נאָך א לאנגען שטילשווייגען — זאָג אליין, וואָס וועט זיין דער סוף? דער בראָנפען הרג׳עט דיך דאָך אוועק! גלויב מיר, ווען כ׳האָב דיך געזעהן ליגען מיט׳ן שמוציגען ניגער אויף דר׳ערד האָב איך חשק געהאַט דיר א קאָפּע צו טהון אין הינטען, יאו דעמעט!

דזשייק האָט גאָר נישט געענטפערט. ער האָט זיך אויפגעזעצט, אויסגעשטעלט די קניה ווי קראָקועס, זיי ארומגעגאַרטעלט מיט די הענד, אנגעשפּארט זיין מיעדען קאָפּ און זיך איינגעהערט.

— ווי לאָזט זיך א מענש אזוי אפּ? — האָט סעם ווידער אנגע־הויבען.

— שאַראַפּ! — האָט דזשייק איהם איבערגעריסען און האסטיג אויסגעצויגען די פיס — קוק, ווער ס׳רעדט! ס׳איז נישט דיין באָבעס־דאגה! כ׳בין לחלוטין נישט אויפגעלעגט דיך הערען פּרעדיגען, הערסט?

איך מיש זיך פיעל אין דיינע פריוואט אינטערעסען? דו מיינסט ס'איז א סוד, אז דו שלעפּסט זיך ארום מיט פּאָלי'ן? פונדעסטוועגען, מעגט איהרביידע ברעכען הענד און פיס, וועמען אַרט עס? פאר מיר איז זי געשטארבען! דו פאַרשטעהסט? דו פערשטאָפּטער מח, דו! ווען דו וואָלסט געוואוסט וואס דאָ קומט פאָר — האָט דזשייק געשריען און זיך געקלאפּט מיט דער פויסט אין האַרצען—וואָלסטו קיין מאָראל מיר נישט געפּרעדיגט, דו גאָט פערדאמטער, דו! דו האסט רחמנות אויף מיר, בעוויינסט מיך וואָס פון מיר איז געוואָרען און אליין קריכסטו מיט דיינע האַלאָבליעס, פערדאמטער „שיני" אין דער זעלבער בלאָטע אריין! האַ, נישט אמת? שפּיי אוים! דזשייק'ען וועסטו נישט נארען, ער האָט אן אָדלער־אויג, ברודער! עה, דו יונגעלע, יונגעלע — האָט דזשייק גאליג געזאגט און זיך צעוויעגט מיט'ן קאָפּ — כ'זיץ און קוק ווי דאָס קדחת ווארפט דיך, ווי ביזט נור וואס פערפלאמט געוואָרען ווי א נאריש מיידעל, ווען כ'האָב פּאָלי'ס נאָמען דערמאָנהט. און שוין באלד דריי שטונדען ווי דו שלעפּסט זיך נאָך מיר, ווי אַ הונד נאָך אַ צויג און האָסט אַלץ נישט דעם מוטה, דו פייגלינג, דו, צו זאָגען וואָס דו ווילסט! איך אָבער וויים וואָס דו ווילסט! זיך אויסשמועסען וועגען פּאָלי'ן, אמת? און דו וועסט נישט מיעד ווערען צו רעדען וועגען איהר אַ גאַנצען טאָג, וועסט זיצען אין דרייען אן איינגעקורטשעטער, מיט דער סליונע אין מויל און זיך איינהערען מיט לייב און לעבען צו יעדען וואָרט מיינס, אזא טבע האָט שוין דער מענש, און בשעת מעשה מסתמא קלערען אז אָט די פּאָלי וועט זיין דיינע! טאָ הער מיך אוים, מיין יונגעלע, הער וואס דזשייק שכור זאָגט דיר: שלאָג דיר פּאָלי'ן ארוים פון קאָפּ, הערסט? דזשייק איז מעהר מענש געווען פון דיר און זי האָט פון איהם געמאַכט א פּאיאץ, רעכענסטו, אז זי וועט מיט דיר חתונה האָבען? מכות! זי האָט אין זיך הינטיש בלוט, האָט זי אין זיך! אַזוינע פרויען האָבען נישט חתונה און טאָרען נישט חתונה האָבען, און אויב אפילו זי וועט מיט דיר חתונה האָבען וועט זי צומאָרגענס אַנטלויפען! און אלעק'ען מיינסטו האָט זי ליעב? ניקסי! זי האָט איהם פיינט ווי דעם טוידט און קריכט צו איהם ווי א ציגאנקע, אזא פאַרשוין איז זי!

סעם איז געזעסען אן ערענסטער, מיט א צועעפּענט מויל, א פּאָזע וואָס מאכט תמיד גוטמוטהיגע נאריש, און זיך איינגעהערט מיט לייב און לעבען צו דזשייק'ס רייד. דזשייק איז איהם איצט נאָך מעהר געפּעלען.

און ווי אלע גוטמוטהיגע יונגען, וואָס זוכען זיך תמיד אפּ א פריינד פאר וועמען דאָס הארץ אויסצוגיסען, האָט סעם אויך בעשלאָסען, אז דזשייק איז דער פּאסענדסטער און ביי זיך אין הארצען נאָך מעהר בעדויערט צו וואָס דער יונג שכור'ט.

אז דזשייק איז אנשוויגען געוואָרען האָט סעם איהם א קלאַפּ געטהון איבער דער קניה!

— ווען נישט דער ביטערער טראָפּען, דעמעט, וואָלסטו געקענט זיין א „לאָיער"!

— יאו בעט — האָט זיך דזשייק צולאַכט — ווייסט נישט, אלע גוטע בעל־מלאכות זענען שכורים!

דזשייק האָט אפּגעהוסט, זיך צוגעשמייכעלט און ווידער אנגעהויבען:

— כ'וועל דיר עפּעס דערצעהלען וועגען פּאָלי'ן ― וועסטו לאכען, שפּילסט זיך מיט איהר? הער א געשיכטע: פּאלי האָט געהאט א חבר'טע, נישט פאר דיינע צייטען, א יונגע, נישט קיין מיאוס'ע אלמנה. זי האָט געהאלטען א „ביוטי פּארלאר" אויף בראדוויי. דאָס ווייבעל האָט מיך געגליכען און איך, פארשטעהסטו מיך, האָב געהאט מיינע צרות, איז זי מיר אפילו אין קאָפּ אריין נישט געקראָכען. מיט אמאָל נעהמט פּאָלי מיט מיר איינ'טענה'ען, אז כ'בין זעהר א שלעכטער, כ'באגעה זיך מיט איהר חבר'טאָרען צו גראָב, אז עס איז א רחמנות אויף איהר און כ'האָב איהר געמוזט צוזאָגען, אז כ'וועל זיך באגעהן מיט איהר אנדערש. דערווייל האָט זי מיך גענומען איבערלאָזען מיט'ן ווייבעל אליין, האָט אויף קאָ־טאָוועס איינמאָל פערשלאָסען אונזער טהיר און אוועקגעגאנגען. דו ווייסט דאָך א מאן איז קיין חזיר, א ווייבעל הענגט זיך דיר אויפ'ן האלז, קושט דיך און אליין ביזטו נישט פון האָלץ, נור וואָס זאָל איך דיר לאנג ברייען — האָט מיר פּאָלי אפּגעשפּילט דערנאָך א נאכט, געהאַלטען אין איין וויינען, זיך געריסען די האָר, מיר געשפּיגען אין פּנים, געשריען, אז כ'בין פאלש און זאָ ווייטער. און אז כ'האָב מיך גענומען פארענטפערען האָט זי אויסגעשריען, אז זי ווייס אלץ, זי האָט דורכ'ן לעכעל פון דער טהיר אריינגעקוקט. נו, וואָס זאגסטו דערויף?

דזשייק איז אנשוויגען געוואָרען, אפּגעהוסט, א שפּיי געטהון אויף צוויי איילען פון זיך, צוריק אנגעשטעלט די קניה ווי קראַקוועס, זיי ארומגעגארטעלט מיט די הענד, אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און מיט אמאָל

דערהערט אזעלכע טעמפע קלעפּ, גלייך מען וואלט מיט שווערע האמערס געקאָוועט ברילעס בליי. דער בליי איז זיך צולאפען אונטער די קלעפּ אין דינע קיילעכדיגע רעדער. די רעדער זענען זיך צעוואקסען משונה'דיג גרויס, איינגעשלונגען איינער דעם צווייטען, געפייפט, גערעוועט, זיך איינגעשניטען אין מח, איהם מיטגעשלעפּט. ער איז געפלויגען העכער און העכער איבער די וואלקענס, געפיהלט ווי די לופט ווערט שיטערער, פערכאפּט דעם אטהעם, שטיקט און מיט אמאָל האָט ער זיך צעוויעגי־צולאָזט הענד און פיס, ארויסגעלאזט א קוויטש און באַץ פון א וואלקען אראָפּ! ער איז געפלויגען אלץ שנעלער און שנעלער, זיך געטראגען מורא'דיג גיך, געוועזן זיכער אז באלד, באלד קומט דער טוידט און אינ־סטינקטיוו דערפיהלט ווי אלס ציהט זיך ביי איהם אָן ביז צום פּלאצען, גרייט זיך צום לעצטען ווידערשטאַנד. ווי א פערוואונדעטע חיה, האָט ער זיך געכאפּט מיט די הענד, מיט די פיס, אפילו מיט די אויגען פאר יעדע זאַך, וואָס ער האָט אנגעטראפען אויף'ן וועג — איז אלץ אָבער צופאלען אונטער זיינע פינגער ווי איבערגעזעגטע שטרוי און ער איז נאָך שנעלער געפאלען. און פון דערווייטענס האָבען זיך געטראגען מחנות אינדיאנער מיט אויפטרייסלענדע קולות, זיך געריסען צו איהם. דזשייק האָט פון שרעק א געשריי געטהון, געכאפּט א שטרוי און זיי פארשטעלט דעם וועג. די אינדיאנער האָבען זיך א שטעל אָפּגעטהון, צוריקגעפאלען אויף מיילען און ווי פערשטיינערט געוואָרען. די פלוצלינגע שטילקייט האָט טעמפּ גע־קלונגען אין דזשייק'ס אויערען און ער האָט דערהערט קולות:

— ציהט איהם פאר דער נאָז, אָט אזוי! עפענט ס'העמד, גיכער! וואַסער, וואַסער!

ער איז אויפגעקומען מיט'ן געדאנק, אז ער לעבט, אז ער איז נישט געשטאָרבען און טיעף אפּגעזיפצט.

איבער איהם איז געשטאַנען סעם און איהם געצויגען פאר דער נאָז. א פרוי האָט איהם געעפענט דאָס מויל און אריינגעגאסען וואַסער פון א פלעשיל. א מאן האָט געארבייט מיט דזשייק'ס הענד ווי מיט איי־זענס פון א פּאָמפּ..

— אבי דערמינטער! — האָט זיך געהערט פון אלע זייטען.

ווייבער מיט „קערידזשעס" און אהן קערידזשעס זענען זיך צונויפגע־קומען פון אלע עקען פּארק, געשפּרייזט אזוי גיך ווי די שמאָלע קליידער

האָבען נור ערלויבט, געמאכט רחמנות פנים'ער, געלאזט טרעהרען און אז זיי זענען צוגעקומען און דערזעהן, אז דער חלש'ער זיצט שוין און שמייכעלט זענען זיי געבליבען מיט נעזער און געווים אין הארצען בעדויערט וואָס זיי האָבען פארפעהלט אזא אמוזירענדע זאך.

דער עולם איז זיך צוגאנגען.

— צו אלדע יאָהר — האָט דזשייק געשמייכעלט — א נארישע טבע צו חלש'ען.

— אז דו ביזט אליין שולדיג — האָט סעם אן ערנסטער געזאגט — דאָס טרינקען ליינט דיך אין דער ערד אריין!

— זיי קיין נאר נישט — האָט דזשייק גוטמוטהיג געענטפערט — דאָס איז דאָך די איינציגע זאך וואס איז געבליעבען אין לעבען! און דערצו האָט דאָך יעדער עפּעס וואס פער'שכור'ט איהם! אט האָסטו למשל א פּאָלי, א צווייטער האָט עפּעס אנדערש, נו, און אזוי ווייטער — — די גאנצע וועלט, ברודער, איז א סאלון! דער אונטערשיעד איז נור וואָס יעדער איינער האָט זיך זיין משקה, טהאט־אָל! און יעצט מיין ליעבער „באָי", פּאק זיך, כ'בין טוידט מיעד, כוועל זיך אביסעל צושפּארען.

— געה שוין, געה, ביזט דאך נישט געזונד — האָט סעם איהם גענומען בעטען — קום בעסער מיט מיר, כ,וועל דיך אהיימפיהרען!

— זיי קיין נאר נישט — האָט דזשייק געזאגט און זיך אומגעדרעהט מיט'ן פּנים צום בוים — דער טייפעל וועט מיך נישט נעהמען! „גוט־באָי!"

IV.

פּאָלאק דער „סאלון־קיפּער“ האָט א גאנצע נאכט נישט געקאנט
שלאָפען. ער האָט זיך געדרעהט ווי אן אלטער בער פון איין זייט אויף
דער צווייטער, געקרעכצט, אז עס איז דערשטיקט צו ווערען. יעדע ווײלע
האָט ער זיך אן איבערגעשראָקענער אויפגעכאפּט, ווי איינער וואָס האָט
מורא צו פערשפּעטיגען א צוג, און זיך איינגעהערט. ער האָט ארויסגענו־
מען פון הינטער׳ן קישען זיין טאָמבאנקענע „ציבעלע“, זיך איינגעקוקט
און פארגעסענדיג גלייך ווי שפּעט עס איז, האָט ער זיך צוריקגעלעגט. ער
האָט טאַקע נישט געקענט שלאָפען. עס האָט געשטיקט. די לופט איז
געווען געדיכט און עס האָט זיך געדאכט וואס מען זאל נישט ארויסלאזען
פון דער האנד וועט עס בלייבען הענגען. דאָס שטיקעניש אָבער איז נור
געווען א ביי־זאַך. שוין באלד צוויי וואָכען ווי פּאָלאק איז נישט געשלאָפען.
ער איז געווען פערליעבט ווי א אינגעל אין מיסעס ריטש. דעם אמת זאָ־
גענדיג, האָט ער זיך שוין גע׳שדכנ׳עט צו איהר איבער א יאָהר און פון
שדוך וואָלט אפשר גאָר נישט געוואָרען, דעןביידע זענען געווען צו ביטרע
אפּצונאַרען איינער דעם צווייטען. מיסעס ריטש האָט געוואלט א קליי־
ניגקייט: ער זאָל איהר אפּשרייבען א העלפט פארמעגען און דורכטרייבען
חוה׳ן, עפּיס א פּאַרדעכטיגטע מויד, א האלבע אידיאָטקע, כלומרשט אן
אייגענע, וואָס האָט געוואָהנט ביי איהם. פּאָלאק האָט פון דעם אלעם נישט
געוואָלט הערען, זיך געהאלטען פאר א געוואלדיגען חכם און שפּייענדיג
זיך אין פויסט אריין, (אזא טבע האָט ער געהאט) האָט ער זיך געטראכט,
צו וואס דארף ער דעם גאנצען טאַראראם, אז מיסעס ריטש וועט סיי־ווי־
סיי אין זיינע הענד אריינפאלען. געזאגט־געטהון, און פּאָלאק האָט אפּגע־
קויפט דעם ערשטען „מאָרטגיידזש“ אויף מיסעס ריטש „סטאָר“. אז עס
איז געקומען די צייט צו צאהלען די ערשטע ראַטע איז מיסעס ריטש גע־
וואָרען די חכמה און זיך געטראכט, אז זי וועט איהם צאהלען ס׳חולאת
מיט׳ן ריפּקוכען. זי האָט זיך אָנגעטהון א יום־טוב׳דיג קלייד, געלאזט דעם
קאָרסעט אין דער היים און אוועק צו פּאָלאק׳ען.

שפעט אין דער נאכט איז פּאלאק געזעסען איינער אליין, זיך גע־שפּיגען אין דעם פּויסט אריין און געטראכט, אז עס האָט נאָך געקאנט זיין ערגער. מיסעס ריטש אהיימקומענדיג האָט געלאכט אין די פּויסטען, אריינגעוואָרפען עטליכע סענט אין דער תלמוד־תורה פּושקע וואָס האָט געהאנגען אויף דער וואנט און צוריסען דעם וועקסעל.

פון דעמאלט אָן האָט פּאלאק א מינוט נישט געקאָנט לעבען אהן מיסעס ריטש, ארומגעגאנגען נישט טוידט, נישט לעבעדיג, זי אפּגע־וואָרט יעדען פארטאג און איהר געהאָלפען עפענען דעם „סטאָר“.

פּאָלאק האָט בעשלאָסען, אז היינט מוז ער מאכען א סוף און זיך אויפגעכאפּט נאָך פריהער ווי תמיד. ער איז פון היימליכקייט וועגען דורך עטליכע מאָל די שטוב און אריינגעקוקט צו חוה שלאָפט.

חוה איז געווען א מויד פון א יאָהר פופציג, מיט א שמים פנים'על, מיט א פּאָר טעמפּע, פייכטע אויגען. מען האָט זי זעלטען ווען געזעהן אויף דער גאס און נאָך זעלטענער געהערט רעדען. זי איז תמיד געזעסען אין שטוב, געדאוונט און געזאגט תחינות. וואס זי האָט געטהון ביי פּאָלאק'ען האָט קיינער נישט געוואסט, פונקט ווי קיינער האָט נישט געוואוסט ווער פּאָלאק איז. פּאָלאק אליין האָט אויך פיעל געהאלטען פון שווייגען, כאָטש ער האָט גערעדט א קימלן פון אכט שפּראך. אז ער האָט זיך שוין יא אמאָל צורעדט איז עס געווען פאר פייער און פאר וואסער, האָט ער אָבער געהאט א מעלה, אז מען האָט איהם וועניג פערשטאַנען, דען ער פלעגט פארטוישען די יוצרות, איבערגעהן פון איין שפּראך אויף דער צווייטער. וואָס מענשען האָבען יא ארויסגענומען פון זיינע שמועסען איז, אז חוה האָט אמאָל געמוזט זיין זעהר א שעהנע, האָט מיט איהם דורכ־געוואנדערט דריי פערטיל וועלט און לעבט איצט ביי איהם פון זכות־אבות, ווי ביי א פארמער אן אלטער הייזעריגער הונד. דעם לעצטען פערגלייך האָט ער תמיד איבערגע'חזר'ט און הפנים גרויס הנאה געהאט פון איהם. און אז די שרייפעלעך זענען ביי איהם אביסעל צו לויז געוואָרען און די צונג האָט פערלוירען דעם גלייכגעוויכט, האָט ער זיך תמיד אין דער צייט אליין א כאפּ געטהון, אריינגעהוסט אין דער פויסט אריין און אנשוויגען געוואָרען. מענשען מיט לאנגע צינגער האָבען זיך אפילו געשושקעט, אז חוה איז נישט בחנם אזוי פרום — זי איז מסתמא געווען פון די „הייליגע“. נור וועמעס באָבעס דאגה איז עס? פּאָלאק איז אן אנשטענדיגער יונג,

א מאָלער שפּילט ביי איהם קיין ראָלע נישט — האָט מען איהם טאקע אויסגעקליבען פאר'ן פּרעזידענט פון דער שוהל „אנשי ליץ".

מעהר וועגען פּאלאק'ן מיט חוה'ן האָט קיינער נישט געוואוסט.

חוה איז געווען די איינציגע אויף דער וועלט וואָס האָט געוואוסט פּאָלאק'ס אלע סודות. זי איז איהם באמת געטריי געווען, געהיט זיין געלד, ווי א הונד א ביין און ער האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט פארשטעלען, ער זאָל זיך מיט איהר ווען עס איז צוגעהן. און כאָטש פּאָלאק האָט אויף א פריהער געוואוסט, אז חוה וועט איהם קיינמאָל קיין עצה נישט געבען און אלעס וואָס זי ווייס וועגען איהם וועט בלייבען אן אייביגער סוד, זי וועט זיצען מיט איהר נארישען שמייכעל אויף דעם האלב־אידיאָטישען פּנים, שאָקלען מיט די ליפּען און תמיד זיין איינשטימיג מיט איהם, פונדעסט־וועגען איז עס ביי איהם געווען פּשוט א נויטווענדיגקייט מיט איהר זיך וועגען אלעם דורכצושמועסען און פּיהלען בשעת מעשה אן אינערליכע, אונבעשטימטע צופריעדענהייט, וואָס זי ווערט אלץ מעהר אידיאָטיש און זיין סוד שטארבט אָפּ מיט איהר.

האָט אָבער אמאָל פּאסירט אזא מעשה, וואָס עס האָט זיך פּאלאק'ען קיינמאָל נישט געחלום'ט. עס איז געשעהן א נס — דאָס אייזעל האָט אָנגעהויבען רעדען.

גלייך ווי פּאלאק האָט איהר דערצעהלט, אז ער געהט חתונה האָבען מיט מיסעס ריטש, האָט זי אויפגעהערט שמייכלען, צוגעדעקט דאָס פּנים מיט ביידע הענד און זיך צעוויינט אָהן טרערען אזוי אויסטערליש ווי א סאָווע. זי האָט זיך מיט אמאָל א ווארף געטהון צו פּאלאק'ס פיס, זיי ארומ־געכאפּט מיט ביידע הענט, גענומען קושען זיינע שיך, געבעטען און איהם געבעטען ער זאָל נישט חתונה האָבען, ער זאָל זיך דערבארמען און בלייבען מיט איהר. חוה זעהענדיג, אז איהרע רייד ווירקען אויף פּאלאק'ען האָט זי אינסטינקטיוו גענומען צו איהם שמייכלען און שיסען אויגען ווי א גאָסען־קאָקעטקע, דאָס איינציגע געוועהר, געגען וועלכען קיין מאנסביל און אפילו פּאָלאק אליין האָט אמאָל נישט געקאָנט ווידערשטעהן.

פּאָלאק איז בשעת מעשה עטוואס געריהרט געוואָרען, זיך באגעגענט מיט חוה'ס פערשייטען שמייכעל אויף איהר אויסגעווייקטען, מיט זעקלעך אונטער די אויגען, פּנים, וואָס האָט זי נאָך מיאוס'ער געמאכט, האָט ער זיך

גלייך געפּאסט און א געשריי געטהון אויף איהר ווי אויף א הונד, וואָס וויל מיטטלויפען מיט׳ן בעל הבית, וועלכער טרייבט איהם צוריק.

חוה איז גלייך אויפגעשטאנען, אנשוויגען געוואָרען און זיך אוועק־געזעצט אויף איהר שטענדיגען פּלאַץ. זי האָט געמאכט מיט די ליפּען און פּאָלאַק׳ן איז איינגעפאלען אז זי שילט איהם.

איצט ווען פּאָלאַק איז געשטאנען נעבען איהר בעט, האָט ער גע־פיהלט, אז ער איז אונגערעכט געגען חוה׳ן און בעשלאָסען זי אויפצו־וועקען און געבען צו פארשטעהן, אז כאטש ער וועט חתונה האָבען וועט זי ביי איהם תמיד בלייבען. און ער האָט זי גענומען וועקען:

— חוה, שלאָפסט, חוה?

חוה האָט זיך א כאַפּ אויף געטהון, געעפענט איהרע פייכטע, טעמפּע אויגען, געקוקט מיט איהר נאריש פּנים אויף פּאָלאַק׳ען און גאר נישט גע־זעהן. זי איז ביסלעכווייז געקומען צו זיך, ווי איינער וואס קומט אויף פון דער פאליגע, דערקענט פּאָלאַק׳ען וואס האָט אויסגעזעהן אין די ווייסע גאַטקעס ווי א גרויסער, ארומגעבונדענער זאַק מעהל און געפרעגט:

— ווילסט עפּעס?

פּאָלאַק אנקוקענדיג חוה׳ן האָט חרטה געקראגען, ער זאָל זיך פאר אזא שטיק פלייש מיט אויגען פארענטפערען און געזאגט:

—הייב דיך אויף, וועסט מיך איינרייבען!

ער האָט זיך איינגעוויקעלט אין א ליילעך און זיך אויסגעצויגען אויף דער סאראטענע קאנאפּע.

חוה איז אריין מיט א שיסעל קאלטע וואסער, געמאכט מיט די לי־פּען ווי א דזשאבע און גענומען איינרייבען מיט א שוואָם פּאָלאַק׳ם לייב, אז בלוט האָט שיעור נישט געשפּריצט.

פּאָלאַק איז געלעגען ווי גרויס ער איז געווען, האָט פעריסען מיט די הענד דאס ליילעך, זיך געדרעהט פון איין זייט אויף דער צווייטער און געקרעכצט מיט דער זעלבער הנאה ווי ווען מען שטעקט ארויס אויף א רגע אין א קאלטען צימער א נאקעטען פוס און מען כאפּט איהם גלייך אריין הינטער דער ווארימער פערינא.

אז חוה איז שוין אין גאנצען פארטיג געווען, איז זי געבליבען שטעהן ביי דער קאנאפּע, נערוועז גענומען צופּען איהר פארטוך און זיך צעוויינט דורך די פארקוועטשטע ציין גלייך א ווינד וואלט געוואָיעט.

— כ'וועל פאר דיר אלץ טהון, אלץ, וועסט זעהן, פונקט ווי אמאָל, אבי געה נישט צו איהר.

פּאָלאק איז געווארען אן אויפגעקאכטער, זי א שטופּ געטהון מיט'ן פוס פון זיך און זיך צושריען:

— שאראפּ! קיין ווארט נישט מעהר!

You hear? I am the boss here. That's all!

(דו הערסט? איך בין דער בעל־הבית דאָ און פארטיג!)

און זיך גענומען אנטהון.

חוה האָט נישט געענטפערט, זי האָט געקוקט אויף דעם זעלבען פלאץ וואו פּאָלאק איז געשטאנען און געמאכט מיט די ליפּען.

אז פּאָלאק איז שוין געווען פארטיג און געוואָלט ארויסגעהן, האָט ער א טראכט געטהאָן צו זאָל ער איהר עפּעס זאָגען צי נישט, נור איידער ער האָט צייט געהאט צו בעשטימען, איז ער מיט אמאָל א פאל געטהאָן אויף דער קאנאפּע. חוה האָט איהם ארומגעכאפּט וואָס כח נור, געשריען: „וועסט נישט געהן!" און ער האָט געפיהלט ווי א פייכטע צונג גלעט איהם איבער'ן פּנים, איבער די אויגען, לעקט פונקט ווי א הונד....

באלד האָט ער דערשפּירט א שטארקען ביס נעבען קארק. ער האָט זיך א ריס געטהון, אוועקגעשליידערט חוה'ן און אויפגעשפּרונגען. וואַ־רעמע שלענגלעך האָבען זיך געגליטשט איבער'ן האלדז, בלוט איז געררו־נען פון ביס און א אימה האָט איהם ארומגענומען.

חוה האָט זיך ווידער געוואָרפען אויף איהם.

פּאָלאק האָט דערפיהלט א שרעקליכען עקעל, דאָס בלוט האָט אין איהם גענומען קאָכען, האָט ער זיך א דרעה ארויסגעטהון פון איהרע הענד און זיך פערמאָסטען חוה'ן אין הארץ אריין, אז זי האָט זיך באלד איבערגעדרעהט.

ער איז ארויס פון שטוב און געהערט הינטער זיך א ווילד געוויין, א שוידערליך רעווען, אז דאָס בלוט האָט אין איהם גענומען פריהרען...

פּאָלאק האָט געשפּרייזט אזוי גיך ווי זיינע דיקע פאלקעס האָבען

איהם נור ערלויבט. ער האָט זיך געהאַלטען אין איין טאַפּען פאר'ן בים און פאר זיינע אויגען האָט זיך איבערגע'חזר'ט דאָס גאנצע בילד מיט אַלע קליינינגקייטען. ער האָט נאָך איצט געפיהלט ווי א נאַסע, ווילגאַטע צונג גליטשט זיך איבער זיינע באַקען...

ברר...

עס האָט איהם געוואָרפען ווי אין פיבער און ער האָט דערפיהלט ווי עפּעס א גליטשיגעס קריכט איבער זיין געזיכט — א זשאַבע... — זי איז געווים משוגע געוואָרען — האָט ער א טראַכט געטהון, און זיך אָפּגע־שטעלט — אז א משוגע'נער הונד בייסט שטאַרבט מען...

ער האָט געזעהן אַן אָפּענעם „דראָג־סטאָר" און איז אריין. פון לאַ־באָראַטאָריום האָט ארויסגעקוקט א פערשלאָפענער אפּטייקער אין א לייב־בעל מיט א האַלב איינגעמוליעטען פּנים צום ראזירען. דער אפּטייקער האָט אויף גיך אָפּגעווישט מיט א האַנטוך דעם זייף פון פּנים, איבערגעלאָזט א פלאַסטער מולאכץ נעבען אויער, ווי די ווייסליכע שוים פון א יויך, ארויפגעכאַפּט א רעקעל און איז אריין. ער האָט פּאַלאַק'ען בערוהיגט און איינגעשמירט דעם בים מיט יאָד.

פּאָלאַק איז געגאַנגען און געשאָלטען. ער האָט בעשלאָסען באַלד צו מאַכען א סוף, נאָכגעבען מיסעס ריטש אַלץ וואָס זי וויל, גיכער שטעלען א חופּה און נאָך היינט אוועקשיקען חוה'ן אין משוגעים־הויז.

נישט ווייט פון מיסעס ריטשס הויז איז איהם סעם אַנטקעגען גע־קומען. ער האָט אפילו חשק געהאַט איהם אויסצומיידען, דאָך נישט ווי־לענדיג זיך אָפּגעשטעלט, און כאָטש ער האָט געוואוסט אז סעם ווייס וואוהין ער געהט יעדען פריהמאָרגען, האָט ער פונדעסטוועגען געהאַלטען פאַר נויטיג איהם צו זאָגען א ליגען.

פּאָלאַק האָט לאַנג נישט געדאַרפט וואַרטען אויף מיסעס ריטש. זי האָט זיך גלייך בעוויזען אויפ'ן טרעפּעל, מיט איהר אויפגעקעמטען קאָפּ האָר ווי א דריי־גאָריגע געביידע.

נאָכדעם ווי מיסעס ריטש האָט זיך געקריגט מיט סעם'ען און די קינדער האָבען איהם נעגעבען געדעכט, האָט זי די נכפּה אויפגעגעסען. זי האָט זיך ארומגעקוקט, געזוכט פּאָלאַק'ען און אויך געטראַכט צו מאַכען נאָך היינט א סוף, נור באַמערקענדיג איהם האָט זי אינסטיקטיוו דער־

פיהלט, אַז זי איז די פרוי, זיך געמאַכט כלא ידע, ווי זי זעהט איהם נישט און גענומען שפּרייזען מיט אַזאַ פוילקייט אין די רונדע אַקסלען אין „סטאָר” אריין.

— גוט מאָרנינג, מיסעס ריטש!

מיסעס ריטש האָט כלומר'שט אַן איבערראַשטע זיך אַ דרעה אוים גע־טהון, געמאַכט אַ מינע גלייך זי וואָלט פּאָלאַק'ען מעהר נישט ערוואַרטעט דאָ צו טרעפען און זיך אָנגערופען:

— נו, זאָגט אַליין, מיסטער פּאָלאַק, איהר האָט דאָך מיר צוגעזאָגט נישט צו וואַרטען דאָ פּאַרטאָג? אויף מיין וואָרט, ווי איהר מאַכט מיר אַ מיאוס'ען שם! כ'דאַרף נישט מעהר ווי אריינצופאַלען אין אונזערע שכנים'ס מיילער!

— הערט, מיסעס ריטש — האָט פּאָלאַק אויסגעשאָסען — כ'רעד מיט אייך „פּליין, אפּען־דאַון”, כ'בין גרייט אייך אַלץ נאָכצוגעבען. דעם אמת זאָגענדיג, איז עס פאַר מיר אַ בעליידיגונג כ'זאָל אייך עפּעס פער־שרייבען. וואָס הייסט? אז איהר האָט מיט מיר חתונה איז אַלץ אייערס, איהר קומט אריין אויף אַלעם גרייטען. נור גאָר נישט, אַז די וועלט איז היינט קליגער און איהר שפּאַרט זיך איין, פערשרייב איך אייך העלפּט. וועגען דער מויד וואָלט אויך בעסער געווען זי זאָל זיין מיט אונז, איהר לעפּעל געקעכץ וועט זי זיך תמיד פערדיענען, נור גאָר נישט... אַז איהר וועט זיך שטאַרק איינשפּאַרען וועל איך זי ערגעץ אָנדינגען.... וואָס האָב איך קיין ליגען נישט געוואָלט זאָגען, יעס, כ'מיין די חתונה זאָל מען אָפּ־שטעלען וואָס גיכער, דען גלויבט מיר, ס'איז מיר שוין דערעסען דאָס לעבען; אַ הויז אָהן אַ בעל־הבית'טע געהט אַלץ קאַפּוט! כ'דאַרף דען אייך דערצעהלען?

מיסעס ריטש האָט די מעשה הנאה געטהון, נור זי האָט קאַלטבלוטיג געענטפערט.

— וואָס טויגען די רייד, מיסטער פּאָלאַק, איהר ווייסט דאָך אַז כ'מוז פריהער די טאָכטער חתונה מאַכען.

— וואָס מיר טאָכטער? — איז פּאָלאַק בייז געוואָרען — ווער וויים וועז אייער טאָכטער וועט חתונה האָבען? דאָס איז אַ געשיכטע אין דער

לאנגער באנק אריין! הערט זיך איין, איצט פועל'ט איהר ביי מיר אלץ, טא אויב איהר ווילט — מאכט קיין שהיות נישט...

מיסעם ריטש איז אביסעל ווייכער געוואָרען און זיך צושמייכעלט:

— גזלן, ווי געהט מען דאָס חתונה האָבען אין אזעלכע היצען?

— הא, הא, הא! — האָט זיך פּאָלאק צוכאכעט און גענומען שפּייען אין דער פּויסט אריין — לאנג לעבען זאָל זי!

דאָס פּאָרעל איז אוועק צום סטאָר.

V.

מיטאג־צייט איז מיסעס ריטש אהיים־געקומען פון סטאָר א הונגע־ריגע און א בייזע. זי האָט אויסגעשאָטען אויפ'ן טיש צוויי זעקלאך מיט פּע־נעס, זיי גענומען צעהלען און אויסגעוויקעלט טוטלעך צו האלבע דאָלאר אין יעדען.

ארטהור, אן אויסגעשמירטער, מיט א צושויבערט קעפּעל האָר, איז פון ערגעץ־וואו ארויס אין זיין נאכטיגען שלאָף־העמד ביז איבער די פיאַ־טעס. ער איז צו צו דער מאמע'ן, מיט איין פינגער גענומען קראצען דאָס צווייטע און גענומען וויינען אָהן טרערען:

— מאַ־א א פּעני! מאַ־א!

מיסעס ריטש האָט איהם א וואָרף געטהאָן א סענט:

— נא, ווער דערוואָרגען!

ארטהור האָט אויפגעהויבען דעם סענט, איהם אריינגעלעגט אין מויל און איז ארויס פון שטוב.

— גענוג זיך צו פוצען, גענוג! — האָט זיך מיסעס ריטש געווענ־דעט צו פאָלי'ן, וואָס איז געשטאנען אין שפּיגעל און זיך געקעמט די האָר — געה שוין אין סטאָר אריין, גיכער! און שיק הערי'ן אהיים, הערסט? ער האָט נאָך היינט נישט איבערגעביסען!

— כ'געה שוין, כ'געה — האָט פאָלי געענטפערט און זיך גענומען פּאָלירען די נעגעל.

— און וואו איז סעם? נאָך נישטאָ? — האָט מיסעס ריטש ווי צו זיך גערעדט — שוין מסתמא ברוגז, האָנאָרעווע מענשען! אז פער־שרפ'עט זאָלען זיי ווערען! סאָקערס! לעדיג־געהערס! ארבייט פאר זיי, ווער פערשווארצט און אלץ פאר'ן טייוועל!

עס האָט זיך געהערט א קלאַפּ אין טהיר.

— קאַם אין!

א פרוי פון א יאָהר פופציג אין א שייטעל, מיט ברוינע, פולע באַ־

קען, ווי די קאָרע פון גוט־אויסגעבאַקען געבייטעלט ברויט, איז אריין. די פרוי האָט געטראָגען אַ קאָשיקעל.

— זעה נור, זעה, אַ גאַנצע וואָך ווי כ׳וואַרט אויף איהר, אסור צו מען קוקט אַזוי אוים משיח׳ן — האָט מיסעס ריטש כלומר׳שט אַ ברוגז׳ע געזאָגט, איז צו צו דער שוועסטער און זיך מיט איהר גענומען קושען — כהאָב שוין היינט ווידער אַוועקגעשיקט דיר אַ קאַרטעל, מען האָט טענות צו פרעמדע, נו, און דאָ איז אַ לייבליכע שוועסטער קומט זי איינמאָל, ווען ס׳איז דריי טאָג ראש־חודש! אסור נישט שעהן, לאה! נו, מילא, די שוועסטער האָט דיר פּיליכט שלעכטס געטהאָן, כ׳וויים, היינטיגע צייטען! נור ווי קומט מען נישט צו אַ טאַטען?

— ווי דאָס רעדט, ווי דאָס מאָלט — איז פאָלי אריין אין דערמיט — לאָז די מוהמע אפּאָטהעמען!

— כ׳וועל מיך אַ מעשה אָנטהון! — האָט זיך מיסעס ריטש צו־שריען — די שטרויענע „ליידי" שטעהט נאָך, און איך האָב געמיינט, אַז זי איז שוין לאַנג אַוועקגעגאַנגען! לאָמיך שוין דיינע פּטור ווערען! הערדי האָט דאָך נאָך ניט איבערגעביסען! געה שוין, געה!

— נור ניט געשריען, מאַ — האָט פאָלי געענטפערט מיט אַ שמייכעל — דו ווייסט דאָך אַז איך שרעק זיך ווייניג! כ׳וועל פאַרטיג ווערען וועל איך געהן! דו האָלסט זיך היינט אין איין בייזערען, הפּנים אויף דער לינקער זייט אויפגעשטאַנען!

— נו, נו, פּטור, נישט געקריעגט זיך! — האָט זיך די מוהמע לאה אריינגעמישט, זיך דערמאָנט אַז זי האַלט נאָך דאָס קאָשיקעל אין דער האַנד און עס אַוועקגעשטעלט.

— אַז די זייטען, מיין טאָכטער, וואָלטען דיר אַזוי וועה געטהון, ווי זיי טהון מיר וועה, וואָלסטו אַזוי פיעל נישט גערעדט — האָט מיסעס ריטש געזאָגט, אריינגעלייגט די טוטלעך מיט׳ן געלד אין קלייד, עס עט־וואָס אויפגעהויבען און גענומען שפּרייזען מיט די זאָקען איבער די שיך אין אַ צווייטען צימער — ארבייט פאַר זיי, ווער אויסגעריסען, און דאָס גיט דיר צומאָל קיין גוט וואָרט נישט!

— כ׳וואָלט איהר נישט געענטפערט — האָט לאה געזאָגט צו פאָלי׳ן מיט אַזאַ מינע, ווי איינע זאָגט: כ׳וויים דען נישט, אַז דו ביזט גערעכט?

נור גאָר נישט! אז גאָט שטראָפט מיט אַ שלעכטע מאַמע, קאָן מען זיך עפּעס העלפען?"

— ווער האָט מיט איהר געשעפטען ווער? אז זי איז משוגע — האָט פּאָלי געזאָגט אויף דער מאַמע׳ן, זיך געזעגענט מיט דער מוהמע׳ן, געזאָגט „גוד־באַי" איהר אַלטען פּאַפּוגאַי און איז ארויס.

מיסעס ריטש איז אריין און זיך געווענדעט צו דער שוועסטער:

— ביזט דאָך אודאי הונגעריג, לאה, זאָג, וואָס זאָל איך דיר מאַ־כען צו עסען?

— פּאָרע זיך ליעבערשט נישט, סיידי, כ׳האָב, אויף מיין וואָרט, נור וואָס געגעסען — האָט לאה געענטפערט, ארויסגענומען בשעת־מעשה אַ האָר־נאָדעל און זיך גענומען קראַצען דעם קאָפּ — און אויב דו ווילסט נישט כ׳זאָל אַנטלויפען, טאָ זעץ דיך אַוועק!

— נו, מילא, מסתמא האָב איך זיך בעסער נישט פאַרדיענט — האָט מיסעס ריטש זיך געקלאָגט און געפיהלט, אז אין דער שוועסטערס געגענ־ווארט איז זי נישט מעהר די כוואַטסקע מיסעס ריטש, דער שמד־קאָפּ, ווי שכנים פלעגען זי רופען, נור אַ זינדיגע אשה, און זי האָט גערן אבגעקלאָגט זיך פאַר דער שוועסטער — ווילסט נישט, דאַרף מען נישט! נור גלויב מיר, אז כ׳וועל קומען צו דיר וועל איך אויך נישט עסען! כ׳האַלט טאַקע אָפּען שבת דעם „סטאָר" נור גאָט איז אַן עדות, אז ביי מיר איז כשר׳ער ווי ביי אַנדערע פרומע אידען!

— פּטור, פּטור — האָט זיך לאה געקרומט — פון יעדער נאַריש־קייט מאַכסטו אַ גאַנצען וועזען, נו, דאַרף מען צו דיר קומען? ! ביזט בייז, דו ווייסט דאָך, אז ביי אַ היימישע פרנסה קאָן מען פון שטוב נישט ארויס־געהן!

— נו, און אביסעל ווישניאַק וועסטו טרינקען, הא? — האָט מיסעס ריטש אַלס אין איינעם געמונטערט די שוועסטער — היימישער וויש־ניאַק, אַ מעדן, זאָג איך דיר!

זי האָט אראָפּגענומען פון פּאָליצע אַ פלאַש, אויסגעווישט מיט׳ן גראָבען פינגער אַ גלעזעל און איינגעגאָסען יצחק גאָלדבערג׳ס ווישניאַק.

לאה האָט דערווייל צושפּילעט די בלוזקע, ארויסגעשלעפּט אַ פּעקעל מיט בראָנשווייגער־צעטלעך און געלאָזט ליגען צוויי אויפ׳ן טיש. זי האָט

פערזוכט דעם ווישניאק, זיך געלאבט, געזאגט „צום געזונד" און פערבי־סן מיט א שטיקעל לעקאך.

— אמאָל פלעג איך כאָטש געווינען א סטאַווקע — האָט מיסעס ריטש כלומרש'ט געשמייכעלט, און אין האַרצען זיך געטראכט: „ביזנעס! כוועל באַלד בלוטען מיט א פאָר טאָלער!" — און היינט? הפנים קיין מזל נישטאָ! און מיט'ן געלד, לאה'שי, וועסטו מוזען ווארטען ביז די צווייטע וואָך.

— ווער מאָהנט דיך געלד, ווער? — האָט לאה זי איבערגעהאַקט,

— וועסט געבען די דריטע וועט אויך קיין מאַליער נישט זיין, פטור אַ דאגה האָב איך! האַ, וואָס האָב איך קיין ליגען נישט געוואָלט זאָגען, יעס, וואָס הערט זיך מיט פאָלי'ן? ס'האַלט טאַקע ביי א דרך? האַ? איז דאָך טאַקע אמת, אַז כ'בין א האַלבער נאַר — האָט זיך לאה האַלב פער־שטיקט צולאַכט — גלייך ווי כ'האָב נור ערהאַלטען דיין קאַרטעל, זאָג איך צו בינם'ען, אַז דאָס ווילסטו שואל־עצה זיין מסתמא וועגען פאָלי'ן. טאָ הער מיך אויס, סיידי, קיינע שהיות געמאַכט! תנאים געשריעבען און גלייך אַ חופה! אַבי פטור! מיט פייער, שוועסטערשי, שפיעלט מען זיך נישט! אַזעלכע מעשיות, ס'זאָל נישט געבראַכט ווערען איבער'ן מויל, טרעפען זיך ביי לייטען!

— אַז אָך און וועה — האָט מיסעס ריטש אָפּגעזיפצט און זיך אַוועק־געזעצט נעבען דער שוועסטער — אַז כ'בין עלענד ווי אַ שטיין, נישטאָ מיט וועמען קיין וואָרט אויסצורעדען, און ארויסרייסען זיך פון שטוב אויף אַ מינוט קען איך אויך נישט! וואָס, זיך אויס'טענה'ן מיט פאָלי'ן צו מיט הערי'ן? געה שוין, געה, אַז דאָס איז גאָר קיין קינדער נישט! שפיעלט זיך מיט אמעריקאנער קינדער! כ'האָב ביי זיי פונקט אזא פנים ווי די היהן וואס זיצט אויס קאטשקעלעך. די קאטשקעלעך שווימען אוועק און איך בלייב ביים קוואָקען! כ'וויים, ביי לייטען, אז מען האָט אַן אלטען טאַטע איז עס א שיינדעל! אַלץ דער טאטע! און דאָ? דו ווייסט דען נישט אַליין? ס'איז דאָך אַ טאַטע, מען טאָר נישט רעדען. נור גלויב מיר, עס איז נישטאָ מיט וועמען צום טיש צו געהן! און אַזוי ווערט מען פער־שווארצט, מען שלאָפט קיין נעכט נישט! מיינסט, כ'וויים נישט? מיר לעבען דאָך ערגער ווי בהמות! נישטאָ קיין שבת, קיין יום־טוב, כ'האָב אַזוי געדאַרפט האָבען די „פייפער־ביזנעס", ווי אַ לאָך אין קאָפּ! און אויב

כ׳וועל, אם ירצה השם, פון די שעהנע ביזנעס פּטור ווערען, וועל איך נישט איין פונט ליכט געבען אין שוהל אריין! נור דערווייל שוועסטער, זיי מיך נישט מקנא! פון אַלע זייטען צרות! אייגענע צרות, צרות פון דער שעה־נער טאָכטער, מיט איין וואָרט, ס׳טויג נישט!

— אַז דו ביזט אַליין שולדיג — האָט די שוועסטער זי איבערגעהאקט —פון יעדער נאַרישקייט מאַכסטו אַ ווענזען! מען ברויך נישט מעהר וויפיעל איך בין אויסגעשטאַנען, אויף קיין שום אידען געדאַכט, און פונדעסטוועגען איז נאָך דאָ כח צו לאַכען אויך! זיך געהן צולאָזען צום הארצען? איז דאָך אוים וועלט!

— וואָס ווייסטו וואָס — האָט מיסעם ריטש ווי זיך נישט צוגעהערט צו דער שוועסטער — געה צוריים זיך איבער דער טאָכטער, פּטר אָפּ די פּאָר יאָהר, זייץ אַ וויסטע אַלמנה און אַלס צוליעב וועם? וואָס, כ׳בין עפּעס אַן אַלטע אידענע צו אַ פּערזעהעניש? מענשען רייסען דאָך מיר די אויגען אוים, סטייטש, וואָס וועל איך אויסזיצען? דו ווייסט דאָך מיין וואוילאַטג ביי חיים פּיאַניצע, און אַז גאָט האָט מיך אויסגעהערט און איהם צוגענומען פאַר דער צייט, טאָ ווי לאַנג איז דער שיעור? און אַלץ צוליעב דער מויד! און דאָס גיט דיר צומאָלט קיין גוט וואָרט נישט! ביי אַנאַנדערער מאַמע וואָלט אַזאַ מויד אָפּגעשפּיעלט אַזעלכע לייטישע געלעכטערס? זיך ארומגעשלעפּט מיט אַן איטאַליענער? און היינט גע־פּעהלט איהר גאָר סעם? אַז אָך און וועה! גלויב מיר לאה, מיר זאָל דאָ האָר אויסוואַקסען — מיסעם ריטש האָט אָנגעוויזען אויף איהר דלאָן פון דער האַנד — אויב די „ליובע" וועט האַלטען לענגער פון אסתר־תענית ביז פּורים! דו שפּיעלסט זיך מיט איהר? אַז דאָס איז אין גאַנצען חיים׳קע מיט די ביינער! ער איז דען געווען בעסער? מען טאָר דאָך נישט זינדי־גען, ער איז דאָך שוין טוידט, נאָר דאָס האָט אין זיך געהאַט הינטיש בלוט! און פּאָלי איז פונקט דער טאַטע מיט די פּאָדקאָוועס, ווי אַ טראָ־פּען וואסער! נישט בחנם ציהט זי צום „תלוי".

— מיין עצה איז — האָט די שוועסטער זי איבערגעריסען — וואָס גיכער איהר פּאַרדעקען דעם קאָפּ, הערסט?

— אין אַמעריקאַ פּאַרדעקט מען קיין קאָפּ נישט! — האָט זיך מי־סעם ריטש צולאַכט — און מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס פּאַר־אַ גליק ס׳וועט

זי דאָ בעטרעפלען, ווען זי וועט חתונה האָבען מיט אזא אידישען איטאַל־יענער ווי סעם?

— נו, פטור! — האָט זיך לאה א קוועטש געטהאָן — העלף דיר בעסער! פאָלג מיך און מאַך קיין שהיות! סגעפעהלט דיר סעם'ס יחוס נישט? ער איז אַ ליטוואק? זאָלען מיר טאקע אזוי באגליקט ווערען ווי ס'זעען דאָ ליטוואקעס אָרענטליכע, כשר'ע אידען, וואָס זייערס א נאָגעל איז ביי מיר חשוב'ער ווי פיעלע פון אונזערע לאַנדסלייט! האָסט גע־הערט? וואס מיר יחוס? אין אמעריקא איז דער א יחסן וואס האָט א טאָלער אין פאַקעט! און ווי זאָגט מען עפּעס, שוועסטערשי, אז מען האָט קינדער אין די וויגען לאָזט מען לייטען צופריעדען!

— אַלס הייסט אַ יחוס — האָט מיסעס ריטש געשמייכעלט — דאָס זענען גאָלע רבנים, פון הקדש ביז דער מקוה! איין פעטער איז אַ „דע־טעקטיוו“, אַ צווייטער זיצט אין שער־הרחמים, שוין ס'דריטע יאָהר, און גלויב מיר, אסור פאר תהילים זאגען! נור גאר נישט! ווילסט סעם'ען? אָלל־רייט, לאָז זיין סעם, כאָטש אָך און וועה, וואָס פאר אַ פאַרדיענער ער איז, אַבי נישט דעם גוי, און כ'מיין אז איך בין שוין מיט איהר אויפ'ן דרך, איז אין מיטען, מיר נישט, דיר נישט, פאַלט זי אריין ווי א יון אין דער סוכה, צוכעכעט זיך און פרעגט מיך צי כ'וועל נישט זיין „דזשע־לאָס“. נו, וואָס זאָגסטו דערויף? ביזט עפּעס אַ מבין אויף אזא מויד? ווען אַ זייטיגער שטעהט דערביי, וואָלט ער געטראַכט מי יודע וואָס? וואָס פארע געשעפטען איך פיהר מיט'ן יונג? נור וואָס זאָל איך דיר לאַנג ברייען, עס האָבען איהר שוין קיין צרות נישט געפעהלט! כ'האָב אויסגעביימעלט צו איהר קאָפּ, צו איהר לייב און לעבען, און ס'האָט פיעל נישט געפעהלט, כ'זאָל איהר צו פראַסקען דעם פרעסער! נור גאָר נישט, כ'בין דאָך פאַרט אַ מאַמע! און ווי זאָגט מען: בלוט איז קיין וואַסער, האָט מיר טאַקע דאָס האַרץ געבלוטיגט....

הערריי איז אריין, עפּעס אַ ברום געטהאָן צו דער מוהמען אין דעם שייטעל, און מיט אַ האַלב־וויינענדיג קול האָט ער אַ געשריי געטהאָן:

— כ'שטאַרב עסען!

אז לאה איז אריבערגעקומען נאָך אַמעריקאַ האָט נאָך איהר זיידע ר' לייזער געלעבט, נאָך ווענען, איין גאָט וויים פאר וואָס, מען האָט דעם אייניקעל גערופען הערריי, פונדעסטוועגען האָט הערריי זי געהאַלטען

פאר א „גרינהאָרן“ און, כמעט ווי אַלע אַמעריקאַנער קינדער, געווען א קנאַפּער מחותן מיט דער גרינער מוהמען.

— מאַך איהם טאַקע עפּעס צו עסען, סיידי — האָט זיך לאַה אריינגעמישט — ס'הונגערט דאָך איהם!

מיסעס ריטש האָט זיך נישט אויפגעהויבען פון בענקעל, אויסגעדרעהט איהר קאָפּ צו הערריין און איהם גענומען אויספרעגען:

— וואָס ווילסטו עסען, וואָס? אפשר א גוט שטיקעל הערינג מיט בוימאייל? „קרים“ מיט „פּיקעלס“? זאָג!

— אז זי האָט האָט זיך אוועקגעזעצט, האָט זי זיך — האָט הערריי ווייגענדיג א געשריי געטהון — פרעג נישט, גיב! ס'האַרץ געהט דאָך מיר אויס!

— ער איז קראַנק זיך אַליין צו נעהמען! — האָט מיסעס ריטש געזאָגט, און זיך אויפגעהויבען.

— פּטור, פּטור — האָט לאַה זיך געקוועטשט, און זיך אויפגעשטעלט — אז פון אַלעם מאַכסטו א וועזען! יעס, כ'וועל זיך אהיימפּעקלען!

— וואָס היילסטו, וואָס? זייַ נאָך! — האָט מיסעס ריטש זיך געבעטען ביי דער שוועסטער, און דערלאַנגט הערריין א שיסעל סמעטענע מיט אוגערקעס.

— ניין, כ'מוז געהן, סיידישע, מיין אַלטער וועט נישט וויסען וואו כ'בין אהינגעקומען! נו, בלייב מיר געזונד!

— אז דו היילסט זיך יאָ, טאָ וואַרט זשע אויס, כוועל דיך בעגלייטען צו דער „קאַר“.

לאַה האָט זיך צורעכט געמאַכט דאָס שייטעל, געזאָגט הערריין „גוד־באַי“ און ארויס מיט דער שוועסטער.

מיסעס ריטש האָט אָפּגעשטעלט די שוועסטער נעבען הויז, זי אָנגענומען פאר א קנעפּעל פון דער בלוזקע און געשטאַמעלט:

— דו ווייסט דאָך, כ'מיין, וועסט נישט טרעפען צו וואָס כ'האָב דיך גערופען?

—נו, לאָמיר טאַקע הערען — האָט לאַה א נייגעריגע געזאָגט.

— מען האַקט דאָך מיר פּשוט די טהירען אָפּ!

— אז כ'וויים נישט וואָס דו זאָגסט — האָט לאַה זיך צושמייכעלט.

— דו פערשטעהסט, כ׳מיין — האָט מיסעס ריטש ווייעדער געשטאָ־מעלט — כ׳האָב נישט געוואָלט רעדען העררי זאָל הערען, בקיצור, דו ווייסט דאָך מיין מערכה! ווי לאַנג איז דער שיעור?

— כ׳וויים נאָך דערווייל גאָר נישט — האָט לאה זיך צולאַכט.

— כ׳רעד דאַכט זיך פארשטענדליך — האָט זיך מיסעס ריטש פער־לוירען — בקיצור, וואָס מיר שיסעלעך, דעקעלעך, כ׳וועל דיר פותר חלום זיין, כ׳האַלט ביי אַ שידוך!

— אַזוי הערט מען קלאָרע דבורים! — האָט לאה געלאַכט.

מיסעס ריטש איז געוואָרען לעבעדיגער, זיך צוגעגעבען קוראַזש און אריין אין דער ראָלע פון אַ כלה־מיידעל, ווען זי דערצעהלט איהרע חבר׳טעס וואָס פארא גליק עם שטעהט איהר פאָר, אין ס׳אַרא שמאַלץ־גרוב זי פאַלט אריין, מיט איין וואָרט, ווי גליקליך זי איז! און כלה־מיידלעך מוזען דאָך זיין גליקליך, אַז נישט וואָלטען העלפט געבליעבען פערזע־סען.

— יעס, וואָס וועל איך לאַנג ברייען — האָט מיסעס ריטש גע־טענה׳ט, געבלישצעט מיט די אויגען און זיך אַלץ מעהר פערגעסען — דער מאַן לאָזט מיך פשוט נישט לעבען. האַלט אין איין שיקען צו מיר שדכנים, קומט אַליין, און אין אמת׳ען וועל איך דיר זאָגען, אַז ער אַליין געפעהלט מיר אויך, נישט פון די פריצאַקעס! אַ באַזעסענער מענש, אַן עושר, האָט עטליכע הייזער, אויף׳ן „קאָרנער“ אַ סאַלון און דערצו איז עס אַ מאַן, ס׳איז דאָ עפּעס אָנצוקוקען, מיט וועמען צום טיש צוגעהן! און דער עיקר, שוועסטערשי — און זי האָט זיך צוגעבויגען צו לאה׳ם אויער — פערשרייבט ער מיר העלפט. נו, וואָס זאָגסטו, ביזט דאָך עפּעס אַן על־טערע שוועסטער?

— כ׳וויים — האָט לאה אַ הויב געטהון מיט די אַקסלען — מיר דאַכט זיך, אַז גלייכער וואָלט געוועזען פריהער פאָלי׳ן חתונה צו מאַכען.

— וועגען דעם איז גאָר קיין רייד נישטאָ — האָט מיסעס ריטש אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד ווי זי וואָלט נישט געוואָלט הערען דערפון.

— ביי מיר האָסטו אפילו גע׳פועל׳ט צו וואַרטען, אָבער, פארשטעהסטו מיך, אַ מאַן ביט אַ „ביזנעס“ קאָן מען צו איהם קיין טענות נישט האָבען. כ׳וויים, ווען ס׳האַלט מיט דער מויד אויף אַ דרך, וואָלט איך שוין נישט געקוקט, געוואַרט נאָך אַ צוויי חדשים, אַבי זי חתונה געמאַכט, גע׳פּטר׳ט

אן עול פון קאָפּ. אָבער, מענש, אז דאָ הויבט זיך נאָך גאָר נישט אָן! בקיצור, מיר האָבען בעשלאָסען שבת־צו־נאַכט צו שטעלען א חופּה, הערסט? כ'וועל נישט מאַכען קיין גרויסע פיקסע־פאַקסען, צונויפרופען א מנין אידען, מאַכען א גוטען „סאַפּער“ און פאַרטיג! ווי ס'פיהרט זיך געוועהנליך ביי „דזשאַדעס“. נו, וואָס שווייגסטו?

— כ'וויים, לאָז זיין מיט מזל, אין א גליקליכע שעה — האָט לאה געשטאַמעלט, זיך א וויש געטהון די פערלאָפענע אויגען און זיך גענומען קושען מיט די שוועסטער — הייסט עס דעם שבת־צו־נאַכטס האָבען מיר א חתונה! נא נא, בינם וועט גאָר נישט גלויבען!

— אצינד לאה'שי, האָב איך צו דיר א טובה, זאָלסט אריבער קומען פרייטאג און זיין ביי מיר שבת, ווייסט דאָך, מיר וועלען האָבען אלע אר־בייט איבער'ן קאָפּ.

— אָלל־רייט! כ'וועל קומען און בינם וועט צוקומען שבת־צו־נאַכט אליין, נו, בלייב מיר געזונד!

זיי האָבען זיך נאָך אמאָל צוקושט און זיך צוגאַנגען.

אז מיסעס ריטש איז אריין אין שטוב, איז שוין הערריו געלעגען ווי א ליעשע אויף די קאַנאַפּע און געשנאַרכעט.

— קיין וואונדער — האָט מיסעס ריטש אָפּגעזיפצט — א שיעור וואָס דער „באָי“ צופּראַצעוועט, דאָס קומט שוין בעצייטענס אָפּ חבוט־הקבר! כ'וועל אם ירצה השם פון די „ביזנעס“ אויך פּטור ווערען. שוין קירצער ווי ווייטער!

זי האָט ארויסגענומען פון אייז־שענקעל א ביפשטיק, איהם ארויפ־געלעגט אויף א דראָטענע שאַטקע, אָנגעצונדען דעם געז־אויוועז און גע־נומען בראָטען דאָס פלייש. א הונגעריגע און א מידע האָט זי זיך אוועק־געזעצט נעבען געז־אויוועז, געקוקט ווי דאָס מיט בלוט־אָנגעגאָסענע פלייש בלעזילט זיך און געהאַלטען אין איין שעלטען און רעדען צו זיך.

איצט אז מיסעס ריטש איז געזעסען איינע אליין אין שטוב און זיך נישט געדאַרפט פאַר קיינעם אויספּיינען, האָט זי געפיהלט, אז כמעט אלץ וואָס זי האָט דערצעהלט דער שוועסטער איז געוועזן א ליגען. אז דאָס נאַרט זי זיך אליין אָפּ! דער געשוואָלענער „סאַלון־קיפּער“ הויבט איהר

נישט אָן צו געפעלען! און אין אמת'ען, צי וואָס דארף זי זיין געלד? נישט צו פארזינדיגען, האָט זי, ברוך השם, איינגענם! און האָט לייכט געקאָנט קריגען א לייטישען מאַן, נישט עפעס א וועטעראן פון דער גאַנצער וועלט! קארג צרות איז זי אויסגעשטאַנען פון חיים'על פיאניצע, זיך פארשאָל־טען צעהן מאָל א טאָג דאָס לעבען, און אז גאָט האָט איהר בקשה אויס־געהערט...

דאָס שנירעל געדאַנקען האָט זיך מיט אמאָל ביי מיסעס ריטש אי־בערגעריסען. זי האָט פארשטעלט מיט'ן פארטוך די אויגען און זיך שטיל צעוויינט.

סעם איז אריין מיט ספּאָרטען, געוואָלט געהן צו זיך אין שלאָף־צי־מער, האָט איהם די בעל־הבית'טע פארשטעלט דעם וועג:

— הייסט עס טאַקע, אז דו ביסט אויף אָן אמת ברוגז, און ווארטסט מסתמא איך זאָל דיך איבערבעטען, פאַלען דיר צו די פיס, א נישט דער־לעבען וועסטו עס, הערסט? דערוויל בין איך עלטער, און אויב דו וועסט נאָך אמאָל אָפּנעהמען געלד אָהן מיין וויסען און זיך מאַכען כלא יודע וועל איך דיך אין גאַנצען דורכטרייבען! דארפסט מיך שוין קענען! און איצט ביזטו דאָך אודאי הונגעריג, טאָ זעץ דיך אוועק און מיר וועלען עסען.

סעם האָט געשמייכעלט.

מיסעס ריטש האָט ארויסגענומען א ברויט, א הערינג, צושניטען דאָס געבראָטענע פלייש אויף צווייען און זיך געזעצט מיט סעם'ען עסען.

און פונקט ווי א קינד וואָס רייסט זיך, וויינט און ס'דאכט זיך עס וועט נעהמען שעה'ן לאַנג ביז מען עט עס איינגעהמען, און אין דער־זעלבער רגע פארגעסט עס זיך און ס'ווערט מיט אָן אמת פרעהליך, אזוי האָט מיסעס ריטש נאָך'ן ערשטען שנעפּסעל זיך פארגעסען, געוואָרען לע־בעדיג און גענומען עסען מיטביידע באַקען.

— נו, סעמקע, וואָס זאָגסטו? ער איז דאָך היינט ווידער געווען, האָקט מיר אָפּ די טהירען! לאָזט פשוט ניט לעבען...

— ווער? מיסטער פּאָלאַק?

— ווער דען?

— אין וואָס געהט עס — האָט סעם געשמייכעלט — מען האָט חתונה!

כ׳פרעג ביי דיר קיין עצות נישט, געווים וועל איך חתונה האָבען, דיר אויף צו פלאצעניש!

— די טאָכטער האָט אין וועם ארײנצוגראָטען — האָט סעם ביי זיך א טראכט געטהון און גאָר נישט געענטפערט.

— ווען ער וואָלט נור אזוי פעט נישט געווען — האָט מיסעם ריטש ווייטער געדערט — כ׳האָב פשוט מורא, אזא מאשין קאָן זיך נאָך אמאָל צוגיסען! אזעלכע פארשוינען ווי זיי קומען ארײן אין די פופציגער פלאַ־צען זיי, קריגען די פּאַפּלעקציע!

— אזא שידוך, מיסעם ריטש, איז ווי געוואונשען! — האָט זיך סעם צולאכט.

— ווער שוין פערשטומט בעסער, ווער! כ׳וואָלט נור געוואָלט זעהן ווי דו וואָלסט זיך ארײנגעלעגט מיט א געזונדען קאָפּ אין א קראנק בעט.

סעם האָט ניט געענטפערט, אָפּגעגעסען, געפיהלט ווי די אויגען קלע־פען זיך איהם פון מיעדקייט, און איז ארײן צו זיך אין שלאָף־צימער. ער האָט זיך אויסגעצויגען אויפ׳ן בעטעל און באלד אנשלאָפען געוואָרען.

מיסעם ריטש האָט צוגערוימט די שטוב, אראָפּגעלאָזט דעם קלאָפּ־שלאָס און שטיל ארײן אין סעם׳ס צימער.

VI.

סעם איז געזעסען אויפ'ן פענסטער אַן אויסגעפּוצטער אין אַ העלען אנצוג מיט געלע פּאנטאָפעל און געפייפט אויף וואָס די וועלט שטעהט. מיידלעך און ווייבלעך פון די שכנ'ישע פענסטער האָבען זיך ווי צונויפגע־רעדט, אָנגעהויבען מיט אַמאָל אויסצוקלאַפּען פערשיעדענע זאכען, און אַזוי ממזר'יש געשאָסען „אויגעלעך" גלייך זיי וואָלטען גאָר נישט אויסען געוועזען. סעם האָט געוואוסט וואָס דאָס בעדייט, האָט ער מיט אַ צופריע־דענהייט פון אַ געזונטען, שעהנעם זכר, זיך צופייפט נאָך שטאַרקער, גע־וואָרען לאָבוסאָוואַטער. די אמעריקאַנער צנועות האָבען כלומר'ש בעליי־דיגטע גיך אריינגעכאַפּט די קעפּ און פון הינטער די גאַרדינען נייגעריגע זיך פערקוקט.

סעם איז געווען גוט געשטימט — געוואַרט אויף פּאָלי'ן, מיט וועל־כער ער האָט זיך געקליבען אויסצוגעהן.

אין דער טהיר האָט זיך בעוויזען דעם אַלטען משה'ס קאָפּ. ער האָט זיך ארומגעקוקט, און זעהענדיג, אַז אויסער סעמען איז קיינער נישטאָ, איז ער אַ דרייסטער אריין.

— האַללאָ, מויש! — האָט סעם הארציג אויסגעשריען און איהם אויסגעשטרעקט אַ האנד.

— האַללאָ האַללאָ! האָט משה געפּאָנפעט און דערלאַנגט סעם'ען שלום מיט צוויי פינגער. ער האָט מעשה יונגעל גענומען די סחורה פון סעם'ס ראָק, געמאַכט אַן ערנסטע מינע, אָנגענומען די וואַרע מיט'ן פלייש צוזאַמען און שקצה'דיג אויסגעשריען:

— פּשש, איינמאָל אַ וואַרע! — און זיך צולאַכט.

סעם האָט געשמייכעלט פון אַלטען'ס שפּאַס און דוצענדיג איהם, ווי אַלע אַמעריקאַנער ווען זיי רעדען אידיש, האָט ער געזאָגט:

— ווי געהטס, משה? מאַכסטו עפּעס גוטע „ביזנעס"?

דער אַלטער האָט זיך אָוועקגעזעצט, אויסגעוויקעלט אַ פּאַפּיראָס פון סטראַמאָניום־בלעטער, וואָס פערלייכטעט די אַסטמאַ, עטליכע מאָל פער־

צוינגען און אָנגעהויבען צו רעדען גלייך ער וואָלט פאַרטגעזעצט אן איבער־געריסענעם שמועס:

הייסט עס, וועגען וואָס שמועסען מיר? יעס! צו כ'מאַכ „ביזנעס", הא? אויף אַלע שונאי־ציון געזאָגט! צוריק גערעדט, וואָס קען אזא מענ־שעלע ווי איך, מ'שטיינס געזאָגט, מאַכען אין אַמעריקאַ? אז דאָ איז אַלס קאפּויר, מיט די פּיס ארויף! מיר ווייסען, דאכט זיך, ווי דער פּסוק זאָגט: „כשדים זה עם לא היה". פאַרגעסען, האַ, דו פּרא־אדם, דו? אָבער משה האָט אן אייזערנעם קעפּעל, חאַ, חאַ, חאַ! ער שפּיעלט זיך מיט מיר! יעס! זאָגט רש"י, אז כשדים מאכט: „קראַווצי, שעווצי, דאמסקע אי מענ־סקע" — דאַכט זיך גוט, הא? און מיר ווייסען דאָך וואָס פארע פּירות אונזערע שניידערם מיט שוסטערם זענען, פונדעסטוועגען, איז עס זייער אַמעריקאַ! וואו אַ פּרעזידענט אין אַ שוהל — מוז ער זיין אַ שניידער. ברויכסט ווייט צו זוכען? נעהם אָט דעם געשוואָלענעם, דעם פּרעזידענט פון אונזער שוהל, מיסטער פּאָלאַק מיין איך — איז ער דאָך אַ גאַנצער דזשענטעלמען, אסור טעפּט, און אין דער היים, פאַרשטעהסטו מיך איז דאָס געווען דאר ווי אַ כּארטעל, און קיין צוויי נישט געקאָנט צעהלען, פּלעגט אָפּשטעהען ביי מיר אין פּאָדערהויז שעה'ן, ביז ער האָט געקריגען אַ „סוטעל" אויסצופרעסען, חאַ, חאַ, ער שפּיעלט זיך מיט מיר!

— משה, האָסט אַ טעות — האָט סעם איהם איבערגעריסען — מיס־טער פּאָלאַק איז דאָך גאָר אַ ליטוואַק, ווי קומט ער צו דיר אין שטעדטעל?

דער אַלטער האָט זיך נישט פערלוירען וואָס מען האָט איהם געכאַפּט ביי אַ ליגען. ער האָט אַ שמייכעל געטהאָן און גענומען סעם'ען אויף זיכער.

— אז דו פאַרשטעהסט נישט, שוטה! צו זיין אין אַמעריקאַ אַ ליט־וואַק פּאַסט אויך צום רימעל! ס'איז ביזנעס! האַ, האַ, חאַ! אַ גאַליציאַ־נער קומט קיינמאָל ניט פון גאַליציע, נאר דו, ער קומט פון עסטרייך! שפּיעלט זיך מיט אונזערע אידעלאך! נור נישט דאָס בין איך אויסען, יעס! הייסט עס, אַמעריטשקע איז אַ שניידערשע מדינה! און נעהם למשל מיך? דאַכט זיך געווען אַ ביזנעס־מאַן און געהאַנדעלט נישט מיט אבי וועמען, און לשון האָט מיר, ברוך השם, אויך נישט געפעהלט, און אַ פּעדער געהאַט אין דער האַנד — וואָס מיינסטו, וואָס? אַ ליווערענט אין קייזערליכען הויף איז אַזוי לייכט צו ווערען? ער שפּיעלט זיך מיט מיר! פרעגט זיך וואָס? איז דער תירוץ, גאָר נישט! און דאָ בין איך אַ שלים־

מזל, קען א קאַץ א ווײדעל נישט צובינדען, און פון אַלעם געוואָרען א ניאַנקע אויף דער עלטער. מײן סײדי איז דאָך א דימענט און דערצו א בעל־תכלית׳ניצע, נו, האָט זי נישט געקאָנט זעהען ווי דער אַלטער טאַטע געהט ארום און כאַפּט דעם אָטהעם, האָט זי איהם פערשאַפט דרײ „דזשאַ־בעלעך״: פונאַנדערטראָגען איבער די הײזער א פּאָר אידישע צײטונגען, זיך ניאַנטשען מיט אַרטהור׳ען און אחרון, אחרון חביב, אויסלערנען דעם תנא־בר׳עק העררין מפטיר. וועסט דאָך פרעגען: סטײטש? היתכן? דער יונג איז דאָך שוין פונפצען יאָהר אַלט? פארזיכער איך דיך אַז ער מיט פּאַלי׳ן זענען געקומען פאר דער חתונה אויף דער וועלט און ער וועט צו אַכטצעהן אויך נישט קענען, אַז דאָס איז אין גאַנצען דער טאַטע חיים׳על פּיאַניצע, עליו השנאָבעל! און מײנסטו, בטבע איז עס געווען א שלעכטער יונג? אסור! ער פלעגט דאָס לעצטע העמד פון לײב אוועק־געבען, געהאַט אָבער א מיחוש — ער האָט נישט געטרונקען, כאַ, כאַ, ער האָט, ברודער לעבען, געגאָסען! און געזונד איז עס געווען ווי א דעמב! און מיט אַמאָל, נישט מיר, נישט דיר, אזוי פון דער העלער הויט און דער בחור האָט אויפגעהערט טרינקען אזוי אויפגעהערט אַז ער האָט אַפּילו דעם גערוך פון בראָנפען נישט געליטען. וואָס וועל איך דיר דאָ לאַנג ברײען, גלײך ווי דער יונג האָט אויפגעהערט טרינקען האָט ער גענומען אײנדארען און אין א משך פון אײן חודש איז אויף איהם א פערכאַפּעניש געקומען. דו פארשטעהסט? ס׳לעגט זיך אַפּילו אויפ׳ן שכל: נעהם, למשל, א דעמב איז וואָס מעהר ער ליגט אין וואסער, ווײקט זיך, אַלץ פעסטער איז ער. און ווי דו נעהמסט איהם נור ארויס פון וואסער און לאָזט איהם ליגען אויף דער לופט, עסט איהם די לופט דורך. דער דעמב נעהמט אײנדארען און דו קאָנסט איהם קרישלען מיט די פינגער. פארקעהרט, שוואַך האָלץ, ווי למשל, סאָסנאָווע, ווערט אַלץ שטאַרקער אויף דער לופט, מעגסט מיר גלויבען, כ׳בין אַמאָל א טישלער געווען, געארבײט בײ אַנטיטשנע זאַכען, כאַ כאַ, ער שפּיעלט זיך מיט מיר! דאָס זעלבע זעהסטו איז מיט א מענש, מיר פארשטעהען עס נישט! דען מ׳שטײנס געזאָגט, וואָס איז א מענשעל אין גאַנצען? סופו לעפר! אָט איז חיים געוואָרען אוים פּיאַניצע, דאַכט זיך גוט, הא? נעהמט ער און שטאַרבט אוועק!

עס האָט זיך דערהערט אַן אויסטערליש קול פון צווײטען צימער: האַללא, האַללא! פּאָלי, האַללאָ!

נו, סעמעלע — האָט משה זיך אויפגעשטעלט און א ווינק געטהון מיט די אויגען — מארש פון בעטעלע! דאָס קומט זי, פּאָלי, מיט איהר פּאָפּוגאַי. א וואויל קינד פּאָלי, אמת? נו, וואָס זאָגסטו צו מיין אייניקעל, הא? א יאָהר אויף מיר, ווי א מענש זי איז! און מיינסטו זי האָט קיין פעהלערען נישט? זי האָט אויך א פעהלער און א מיאוסען פעהלער, כאָטש איך טענה, אז א מענש אָהן א פעהלער איז גאָר קיין מענש נישט! צוריק־געריידט, נעהם טאָקע מיין חיים'ען. ווער ווייס? ס'קאָן זיין אז דאָס וואָס ביי אַלע איז א פעהלער, איז גאָר קיין פעהלער נישט! חיים איז קיין צדיק נישט געווען, האָט ער אָבער געהאַט א טבע צו מאַכען ביי יעדען גלעזעל א „שהכול" און עס קאָן זיין, אז אין דעם זכות האָט ער געלעבט און ווי באַלד ער האָט אויפגעהערט טרינקען, האָט ער דאָס לעצטע שטריקעל אי־בערגעריסען און געגאַנגען פאַר דער צייט פון דער וועלט! ביי פּאָלי'ן, זעהסטו איז שוין גאָר אויסטרעליש, קידער־ווידער, געהן און האָבען עסקים מיט אן איטאַליענער און דערצו נאָך אזא פארזעהעניש דאָס זעה־סטו, קאָן שוין מיין שכל נישט משיג זיין! נו, אצינד פּאַק איך זיך שוין ארויס, כ'האָב פיינד צו שטערען! אין די הינזיכטען, פארשטעהסטו מיך בין איך נישט פאַנאַטיש! אויך אַמאָל יונג געווען, כאַ, כאַ, כאַ!

עס האָט זיך געהערט א קלאַפּ אין טהיר.

— קאָם אין!

פּאָלי איז אריין אין א העל דורכזיכטיג קלייד מיט א גרינליכען פּאָ־פּוגאַי אויפ'ן אַקסעל. דער פּאָפּוגאַי האָט יעדע ווײלע געעפענט זיין קרומען קורצען שנאָבעל און געשריען: האַללאָ! האַללאָ!.

דער אַלטער משה, וואָס איז געווען א היימישער „מה יפית" יוד, נישט געהאַט קיין בושה און עס איז כמעט געווען אן אונמעגליכע זאַך ער זאָל זיך פון א זייטיגען מענשען בעליידיגען, אָט דער משה האָט ביי זיך אין שטוב דוקא געוואָלט מען זאָל איהם רעספּעקטירען און דער קלענסטער קרים פון דער טאָכטער צו פון אן אייניקעל האָט איהם בעליידיגט.

אז פּאָלי איז אריין האָט זי א קוק געטהאָן אויפ'ן „גרענד־פּא" מיט אזא אָבלאַכענדען שמייכעל, ווי זי וואָלט געזאָגט: איך בין אסור סעמ'ען מקנא, האָסט איהם שוין פערנודיעט.

דער אַלטער משה האָט זיך גליך אָנגעבלאָזען און גענומען ארויס־געהן. סעם האָט גיך ארויסגעכאַפּט א זילבערנע מטבעה און אריינגע־

שטעקט דעם אַלטען אין דער האַנד. דער אַלטער האָט בעדאַנקט מיט אַ מאָדנעם ברום און איז ארויס.

— מיר געהען שוין, סעמי — האָט פּאָלי אַ פּרעהליכע געזאָגט, איז צו צו סעמ׳ס רעקעל, וואָס האָט געהאַנגען אויפ׳ן ווענטעל פון אַ שטוהל און גענומען זוכען אין די קעשענעס נאָך־וואָרג פאר דעם פּאַפּוגאַי. סעם האָט זי אָנגענומען פאר איהרע נאַקעטע עלענבויגענס און זי לייכט אויפ־געהויבען:

— דזשי, אזוי לאַנג טהוט מען זיך אָן!

— דאָס הייסט ביי דיר לאַנג — האָט פּאָלי זיך צושמייכעלט, אַ דרעה געטהון מיט׳ן רעכטען פוס אזוי קונציג, אַז דער שליטץ וואָס איז געווען אין פראָנט פון איהר קלייד האָט זיך צועפענט און אַ שוואַרץ זיי־דענער זאָק ביז איבער די לידקע האָט ארויסגעקוקט. — דו ווייסט, אַלעק האָט אמאָל אין אַ פּראָסט אויף מיר געוואַרט אַ גאַנצען אָבענד און זיך נישט דערוואַרט — — איך ווייס טאַקע נישט — האָט פּאָלי זיך צו־לאַכט — נור דו האָסט עפּעס מעהר מזל פאר זיי אַלע.

— טאַקע? — האָט סעם מיטגעלאַכט און געקוקט אויף איהרע עט־וואָס שפּיציגע, ווי מיט גענזענע הויט בעצויגענע עלענבויגענס, וואָס מען זעהט אזוי אָפּט ביי זעכצען יעהריגע מיידלעך.

פּאָלי האָט אינסטינקטיוו געפיהלט, אַז סעם קוקט אויף איהרע עלענ־בויגענס, האָט זי זיך אַ ריס ארויס געטהון פון זיינע הענד, גענומען האַצ־קען מיט׳ן פויגעל ווי מיט אַ קינד און שטיפעריש געזאָגט:

— פונדעסטוועגען נעהם זיך נישט איבער! און אַז דו וועסט ווערען אַ שלעכט יונגעל איז „גוד־באַי, טשאַרלי!“ יעס, דו ווייסט, איך האָב דאָך היינט געקריגען אַ בריעף פון אַלעק׳ען.

— וואָס וויל ער ווידער? — האָט סעם כלומר׳שט גלייכגילטיג גע־פרעגט און געפיהלט בשעת מעשה ווי ער ווערט בלאַס.

— גאָר נישט! — האָט פּאָלי געענטפערט און הנאה געהאַט וואָס עס פערדריסט סעמ׳ען — כ׳האָב דעם בריעף צוריסען, „טהאַט׳ס אָלל!“ —

— און וועגען מיר שרייבט ער עפּעס? — האָט סעם געפרעגט און געשמייכעלט.

— געוויס, ער לאָזט דיך גריסען — האָט פּאָלי זיך צולאַכט — רעדט

אויף דיר אַלס בייז, סטראַשעט אַז ער וועט זיך מיט דיר אָבּרעכענען. דו האָסט דען מורא פאר איהם ?

— ווער האָט מורא, ווער ? — האָט סעם וואָילעריש געענטפערט — כ'בּין צו יעדער צייט גרייט אויסצוהערען פון איהם אַ פּרעטענזיע !

— און ווען ער רופט דיך ארוים אויף אַ „פייט", דעם אמת זאָג, וואָלסטו געגאַנגען ? — האָט פּאָלי אַן ערנסטע געפרעגט.

— און דו מיינסט טאַקע אַז כ'האָב מורא פאר'ן „גיני" ? טאָ הער : אַז דו ווילסט, רוף איך איהם נאָך היינט ארוים ! ער האָט קיין רעכט דיר בּריעף צו שיקען ! — האָט סעם אויסגעשריען — ווילסט, זאָג : אַלס צו־ליעב דיר, פּאָלי, אפילו אין פייער ...

— האַ, האַ, האַ, — האָט זיך פּאָלי צולאַכט — „גוד־בּאַי" ! און זיך געלאָזט צו דער טהיר.

סעם האָט זי אָנגעכאַפּט, צו געדריקט צו דער וואַנד, צוגעפּרעסט זיין בּאַק צו איהרער און געפיהלט ווי די פּערפיומען פער'שכור'ען איהם. ער האָט זי געקושט אויפ'ן קאָפּ און געפלאַפּעלט :

— ניטא פּאָלי, מיין קעצעל, זיי נישט בּייז ...

ער האָט זיך מיט אַמאָל בּעגעגענט מיט'ן בּלינדען אויג פון דעם פּאַפּוגאַי, וואס איז געשטאַנען ביי פּאָלי'ן אויפ'ן אַקסעל. דער פויגעל האָט לייכט געהויבּען די פליגעל, בּייז געקוקט און סעם'ען האָט זיך גע־דאַכט אַז אָט, אָט און דער פויגעל וועט מיט איין פארמעסט פון שנאָבּעל איהם אויסהאַקען אַן אויג. ער האָט אַ ציטער געטהון און דערפיהלט ווי איינער וואס פאַלט אין חלום פון אַ הויכען בּארג אראָב. פּאָלי האָט זיך ארויסגעריסען פון סעם'ס ארעמס און כלומר'שט אַ בּעליידיגטע זיך גע־בּייזערט :

— געה, געה, איך האָב דיך פיינד, האָסט תמיד אַזאַ שטעכיגע מאָרדע !

סעם האָט געפּלאַצט פון געלעכטער.

VII.

איבער דער לענג פון דער גאַס האָבען זיך געטראָגען יונגלעך און מיידלעך אויף „ראָלינג־סקייטס“, באַלאַנסירענדיג מיט לאַנגע שטעקענס. אויף אַ פריהער אין אַ ווייסע, לויזע בלוזע האָט זיך געטראָגען האַנד אין האַנד אַ זעכצעהן־יעהריג מיידעל מיט אַ בחור'ל אין קורצע הויזען. אַן אָטאָמאָביל איז דורך. דאָס בחור'ל האָט אָבגעלאָזט דאָס מיידעל, אַ כאַפּ געטהון זיך מיט איין האַנד פאר'ן אָטאָמאָביל און אַ צעפּריעדענער פער־שוואונדען. דאס מיידעל מיט'ן לאַנגען צאָפּ האָט זיך אויף אַ רגע אָב־געשטעלט, פון פערדראָס אַ קאָמאַנדע געטהון מיט דער האַנד, זיך געלאָזט אויף איהרע שטאָהלענע רעדלעך אין דער צווייטער זייט גאַס און די דריי־צעהן־יעהריגע קאַוואַליערען זענען איהר נאָך ווי ביהנען נאָך אַ „מאַטקע“.

די ברייטע אַספאַלט גאַס וואס האָט זיך געצויגען בערגעל איין, בערגעל אוים אויף מיילען, דאס מיידעל מיט איהר לאַנגען צאָפּ און מיט איהרע גראַציעזע בעוועגונגען האָבען סעם'ען גערייצט און ווילד געמאַכט. ער האָט חשק געהאַט אויפצוזוכען אַ פּעסטען, קיילעכדיגען שטיין, איהם אַ לאָז צו טהון איבער'ן גלאַטיגען אַספאַלט אַזוי, ער זאָל אַוועק אָהן אויפהער.

סעם האָט דערפיהלט ווי די פויסטען ציהען זיך ביי איהם אָן ביז צום פּלאַצען. ער האָט פערגעסען וואו ער געפינט זיך, געגאַנגען ווי אויף שטאָלצעס און הנאה געהאַט פון די קלעפּ וואָס ער גיט אַלעק'ען.

נעבען אַ „סטאָר“ האָט זיך געטריקענט אַ בלעכענע קאַן פון מילך, האָט סעם, אַזוי כלאחר יד, זי אַ בריקע געטהון מיט'ן פוס אין מיטען גאַס אריין
ט
און געגאַנגען ווייטער.

— ביזט משוגע געוואָרען? — האָט פאָלי זיך כלומרש געבייזערט.

סעם האָט זיך צולאַכט מיט אַ פול מויל און געזונטע געלבליכע צייהן, ווי מיט מאָך בעוואַקסענע פּיענקעס, האָבען זיך ארויסגעזעהן.

אַ „טיהם“ פון צעהן יונגלעך אין קאָלירטע לייבלעך אָהן אַרבעל מיט בלויזע צושויבערטע קעפּלעך, האָבען ערגעץ אויפגעזוכט אַ רייף, זי אָנגע־

האַנגען ביי אַ לאַנטערנע אין מיטען גאַס און געשפּיעלט מיט אַ גרויסע, בעצויגענע מיט לעדער פּילקע אין „בעסקעט־באָל“.

פּונקט ווי אַ פרומער יוד וועט נישט דורכלאָזען אַ קוש צו טהון אַ מזוזה, אַזוי וועט דער דורכשניטליכער, גוטער אַמעריקאַנער נישט דורכ־געהן גלייכגילטיג אין דער גאַס ווען אַ „באָל“ וועט פליהען אין דער לופטען.

סעם האָט זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטען פון דעם פערגעניגען, געוואָלט אויך אַ מצוה טהון און נישט טרעפענדיג מיט דער האַנד, האָט ער מכבד געווען דעם „באָל“ מיט׳ן פוס וואס כח נור. צווישען די יונגלעך איז געוואָרען אַ מהומה, זיי האָבען זיך אַ שאָט געטהון איינער אויפ׳ן צווייטען, זיך געריסען, געגוואַלדעוועט און סעם האָט אַ צופריעדענער זיך געגרייט שוין אַ צווייטען מאָל אויסצושטרעקען דעם פוס ווען ער האָט דער־הערט פּאָלי׳ס קול:

— כ׳געה אהיים! וועסט שוין אַ צווייטען מאָל וואַרטען כ׳זאָל געהן מיט דיר! אַז דו קאָנסט מיט אַ ליידי נישט געהן!

סעם האָט פון גרויס התפּעלות אָנגעכאַפּט פּאָלי׳ן פאַר דער האַנד, אריינגעמאַכט זיינע פינגער צווישען איהרע, געפיהלט ווי זיי בויגען זיך, קנאַקען און אַ שווייגעדיגער געשפּאַנט מיט איהר אַלץ פעסטער.

אַז זיי זענען אריין אין פּאַרק איז שוין געווען טונקעל. דער גאַנצער הימעל איז געווען בעדעקט מיט אַ רייצענדע קופּערנע רויטקייט, גלייך ערגעץ ווייט וואָלט מען פייערען געלעגט, פריירעס וואָלטען געברענט. אַ פער׳שכור׳ענדע פייכקייט, ווי דער שווערער אָבגעהאַקטער אָטהעם פון געליעבטע, האָט זיך געהויבען פון דער ערד, איינגעהילט אַלעם ארום. פער׳חלש׳טע פּאָרלעך זענען געזעסען הינטער די בוימער, זיך איינגעגעסען איינער דעם צווייטען אין די העלזער, אין די מיילער, זיך נישט דערשראָ־קען פאַר מענשענס טריט און גלייכגילטיג געקוקט אויף זיי, ווי אויף גע־גענאיבערדיגע בוימער.

פּאָלי מיט סעם׳ען האָבען געשפּרייזט אויפ׳ן ווייכען ווי סאַמעט גראָז, זיך געטוליעט איינער צום צווייטען, מיט הנאה געפיהלט ווי די פינגער ווערען אַלץ שטייפער און געזוכט מיט ברייט־צועפענטע אויגען אַ פּלאַץ וואו זיי זאָלען זיין אליין.

אויף אַ ברייטע מיט מאָך בעוואַקסענע סקאַלע האָבען זיי זיך אָבגע־שטעלט. שטיל, פון דערווייטענס האָט זיך געטראָגען אַן אָבקלאַנג פון

א „רעג־טיים“. ארום און ארום האָבען זיך געצונדען און געלאָשען גאָלד־פליגעלעך.

סעם האָט א כאַפּ ארום געטהון פאָלי’ן, זי אויפגעהויבען און געוואָלט זי ארויפזעצען אויף זיין אַקסעל. פאָלי האָט זיך מיט א מיידעלשען קוויטש ארויסגעריסען און פון גרויס איילעניש איז איהר שמאָלער פאַנ־טאָפעל אראָב פון פוס. סעם האָט געכאַפּט דאס לעטשעל, זיך גערייצט און געלאַכט. פאָלי האָט א הינקעדיגע און מיט א געמאַכטען געוויין איהם געבעטען ער זאָל איהר צוריקגעבען דעם שוך. זי האָט זיך מיט אמאָל א האַסטיגען דרעהאויס געטהון, אַנגעכאַפּט מיט א קוויטש סעם’ען פאר דער האנד און אין אויגענבליק זענען זיי ביידע געלעגען אויף דעם נאַסליכען גראָז און געפּיהלט ווי זייערע אָטהעמס ווערען אָבגעהאַקט און שווער.

— פּוססי, מיין פּוססי, כ’וועל דיך אויפעסען ! — האָט סעם געסאָ־פּעט און ווי א גרויסער, קודלאַטער הונד שפּיעלט זיך מיט זיין בעל־הבית און צייגט ארויס זיין געטריישאַפט מיט א געמאַכטען ביס, מיט א לעק, אזוי האָט סעם נישט געפינענדיג קיין ווערטער, זיך געשפּיעלט מיט פאָלי’ן בייסענדיג זי וואו ער האָט נור געטראָפען.

— ניטא, ניטא, ניטא ! כ’האָב דיך פיינד ! — האָט פאָלי זיך גע־צאַפּעלט ווי א פישעל און איהם ארומגענומען מיט ביידע הענד. ארום איז געווען שטיל, נור פון מאָל צו מאָל האָט מען דערהערט ווי א שיפען פון שלאַנגען—דאס האָט זיך א דאך־צוג ערגעץ דורכגעשלייערט. אויף א בערגעל זענען געזעסען א קאָמפּאַניע בחורים מיט מיידלעך ארומגע־רינגעלט מיט פייערדיגע „פאַנקס“, ווי מיט אכשוף קרייז. די „פאַנקס“ זענען געווען אריינגעזעצט אין דער ערד, די מוקען זאָלען ניט בייסען. א ווייסער סילועט איז מיט אמאָל אויסגעוואַקסען אין מיטען קרייז, א מאַך געטהון מיט א קליין באַנדעל צעוואָרפענע „פאַנקס“, ווי מיט כשוף שטע־קעלעך אין פערשיעדענע פייערדיגע געשטאַלטען ווי האַלבע רעדער, שלאַנ־גען האָבען געזויג־זאַגט אין דער לופט. עס האָט זיך דערהערט א שטילע, אַנגענעהמע פרויען שטימע :

קליפּ־קלאַפּ אין גאָלדען טהיר,
מיין זיס לעבען עפען מיר. —

א הברה אַמעריקאַנער „באָים“ זענען דורך דעם פּאַרק מיט א פויק פון אן אַלטען בלעכענעם קעסעל און מיט א לוסטיגען „רעג־טיים“ געזאַנג.

דער געזאנג האָט אַלעם פערהילכט, בּיסלעכווייז זיך גענומען פערלירען און אין אַ ווײַלע ארום איז נאָך שטילער געוואָרען. ערגעץ ווייט האָט זיך פון דער חמימה, דער הימעל געפּאַלדעוועט אין ווייכע בּליצען. אַ שטע־רען נאָך אַ שטערען איז געפאַלען צווישען די צוגויפגעגאָסענע אין דער ווייטקייט בּוימער.

שפּעט אין אבענד האָט פּאָלי דערפיהלט אז עמיצער שטעהט נעבען איהר און זי האָט זיך אויפגעשטעלט. זי האָט זיך אָבּגעטרייסעלט ווי אַ הינטעל וואס שפּרינגט ארויס פון וואסער און זיך אוועקגעזעצט אויף דער סקאַלע.

נעבען איהר איז געשטאנען אַ האַלב־נאַקעט יונגעל מיט אַ קעס־טעלע נאַש־וואַרג אין איין האנד און מיט פּעקלעך „פּאָנקס" אין דער צווייטער.

דאס יונגעל מיט אַ חוש פון אַ געניטען פּעדלער און פיעלייכט אַ צוקונפטיגען קאָנסול נאָך טערקיי, האָט אויסגעמיטען פּאָלי'ן און אונ־טערגעטראָגען זיין קעסטעלע דעם האַלב־שלאָפענדען סעם'ען:

— קויפט, מיסטער, פאר אייער לײַדי, מילך טשאָקאָלאַד, פינף סענט אַ פּעקיל! די „מאָסקיטדעס" בייסען היינט שרעקליך! — און דערלאַנגט פּאָלי'ן אַ פּעקעל „פּאָנקס".

סעם האָט געשמייכעלט. איהם איז דער קליינער „פּעדלער" גע־פעלען געוואָרען, זיך געטראַכט: „יעדער הונד האָט זיין טאָג" און איהם בּעצאָהלט דאָפּעלט. ער האָט זיך אויסגעצויגען ווי גרויס ער איז געווען, איינגענורעט זיין צופלאַמט פּנים אין דעם טהוי בּעדעקטען גראָז, געפיהלט אַ פרישקייט און געטראַכט אז ווען אַלעק וואָלט איהם איצט נישט גע־שטאַנען אין וועג וואָלט ער געווען דער גליקליכסטער. מיט איין שאַר פון זיין קערפּער איז ער געלעגען בּיי פּאָלי'ס פיס און זיי פּעסט ארומגענומען.

— פּאָלי, דאַרלינג, כ'בּעט דיך, שיק אָב אַלעק'ען דעם בּריעף! וועסט אָבשיקען?

פּאָלי האָט זיך ארויסגעדרעהט פון סעם'ס הענד און אַן ערענסטע געפרעגט:

— און אז כ'וועל נישט אָבשיקען?

סעם נישט ערוואַרטענדיג אזא ענטפער האָט זיך עטוואָס פער־לוירען, זיך געפונען געקרענקט און כאָטש ער איז געווען זיכער אז מיט

בייזען וועט ער ערגער מאַכען, האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטען און אויסגעשריען:

— און איך זאָג דיר, אז דו וועסט אָבשיקען אַלעק'ען דעם בריעף!

ער האָט זיך גלייך געכאַפּט אז ער האָט אַלעס קאַליע געמאַכט און געבליבען שטעהן ווי איינער וואס שטעלט איין די לעצטע סטאַווקע.

— אזוי, כ'וועל גאָר מוזען! נו, דאס זענען אַנדערע ווערטער! — האָט פּאָלי ביטער אַ שמייכעל געטהון, אָנגעטהון דאס לעטשעל און פערלייגט איין פוס אויפ'ן צווייטען — ס'הייסט טאַקע, דו מיינסט מיט אַן אמת, אז כ'בין פערליעבט אין דיר און כ'וועל מוזען פאָלגען אַלע דיינע קאַפּריזען, האַ? ניקסי, מיין „באָי"! שלאָג דיר אַרויס די אַלע נארישקייטען פון קאָפּ! און כ'וועל דיר אויסזאָגען אַ סוד — האָט פּאָלי שטילער געזאָגט און צוגעלעגט די האַנד צום מויל — הער זיך איין, דאס אַלעס איז מעהר נישט געוועזען ווי אַ שפּאַס, הערסט? נו, ווי געפעלט עס דיר? — האָט זי פערענדיגט און פון גרויס אויפרעגונג זיך אַ שטעל אויף געטהון.

— ס'געפעלט מיר שוין גאָר נישט — האָט סעם געענטפערט כלומרשט מיט אַ שמייכעל און זי ארומגענומען — געה, ביזט אַ קינד, וואס דו פּלאַפּלעסט אַלץ! — און ער האָט גענומען קושען איהרע הענד.

— אויב כ'בין יאָ אַ קינד — האָט פּאָלי אַן אַנגעכמורעטע געזאָגט און אַ שלעפּ ארויס געטהון איהר האַנד — האָב איך דאָך אודאי געהאַט דאס רעכט צו שפּאַסען!..

סעם איז ארויס פון געדולד.

— מיט מיר שפּאַסט מען נישט! וואס מיינסטו, וואס? זיך לאָזען ארומפיהרען ביי דער נאָז? איך בין נישט אַלעק, בין איך נישט! דו מיינסט אז כ'וויים נישט? — כ'וויים אַלעס!

— וואס ווייסטו? — האָט פּאָלי רוהיג געפרעגט און מיט אזא ביטול געשמייכעלט, ווי אַ גרויסער שמייכעלט ווען אַ קינד כאַפּט זיך איהם שלאָגען.

סעם האָט בעשלאָסען נישט צו ענטפערען, נור פּאָלי'ס שמייכעל האָט איהם אזוי אויפגערעגט, אז ער האָט אויף דאס נייע אויסגעשאָסען:

— אודאי ווייס איך! ס'איז אַ סוד מיינסטו!! דזשייק האַלט אין

איין טענה'ן, אז דו וועסט קיינמאָל נישט חתונה האָבען, אז דו, אז דו האָסט הינטיש בלוט אין זיך!

דאָ האָט זיך פאָלי פלוצלינג צולאַכט, געוואָלט עפּעס זאָגען, נור דאָס געלעכטער האָט איהר אזוי געשטיקט, אז זי האָט זיך אַזש געהאַלטען פאר די זייטען:

— און דו ווילסט דוקא מיט מיר חתונה האָבען? — האָט פאָלי קוים דערצווינגען דעם אָטהעם און זיך ווידער צולאַכט — זעהר שעהן, מיין יונגעל! אבי איך האָב געמיינט עס ליגט דיר אין דער לינקער פּאה נישט! אויב אזוי, זעהסטו, וועל איך דזשייק'ען אויף צופלאַצעניש מיט דיר חתונה האָבען. נו, ביזט צופריעדען?

סעם האָט זיך פערלוירען, נישט געוואוסט צי זי זאָגט אמת, צי זי מאַכט חוזק און געקוקט איהר גלייך אין די אויגען אריין.

פאָלי האָט אָבגעבראָכען אַ שטיקעל טשאָקאָלאַד, איז גראַציעז אונ־טערגעשפּרונגען צו סעם'ען און זיך מיט איהם גענומען שפּיעלען:

— מיר אַשטיקעל, דיר אַ שטיקעל, מיר אַ שטיקעל, דיר אַ שטיקעל, מיר—דיר, דיר—מיר — און צום טאַקט אונטערגעטראָגען דאָס שטיקעל טשאָקאָלאַד פון איהר מויל צו זיינס.

צום סוף האָט זי אַ שטופּ אריין געטהון דאָס שטיקעל טשאָקאָלאַד סעם'ען אין מויל אריין, איהם אָנגעכאַפּט פאר די אַקסלען און זיך קינדיש צולאַכט.

סעם איז געזעסען אַ צוטומולטער און געפיהלט זיך אזוי, ווי מען פיהלט געוועהנליך שטעהענדיג אונטער אַ שפּריץ וואו הייסע און קאַלטע וואסער גיסען זיך נאָכאַנאַנד.

— אַצינד בערוהיג זיך — האָט פאָלי געזאָגט און זיך צורעכט גע־מאַכט די האָר — זיי נישט בייז און גיעב מיר אַ האַנד, אָט אזוי!

סעם האָט נישט געענטפערט, געגאַנגען מיט פאָלי'ן אהיים און געווען צופריעדען וואס ער איז ווידער נעבען איהר, און כאָטש דאָס הארץ האָט איהם געזאָגט אז פאָלי וועט זיינע נישט זיין, אז פיעלייכט נאָך מאָרגען וועט זי אימיצער צונעהמען פון איהם, פונדעסטוועגען האָט דער געזונטער סעם דערפיהלט יענע פריידע פון אַ קראַנק קינד, וואס ווייס אז דער פאָטער נאַרט איהם ווען ער שענקט איהם זיין גאָלדענעם זייגער ער זאָל איינגעהמען די מעדיצין און איז פאָרט בשעת מעשה צופריעדען.

VIII.

פארנאַכט איז סעם געזעסען ביי זיין בעל־הבית׳טע אין „סטיישאנערי סטאָר" און זיך צוגעקוקט ווי זיינע חברים שפּיעלען אין „דיים". יעדע ווײלע האָט אַנאַנדערער גענומען דאס לעדערנע טעפּעל, עס פונאַנדער־געשאָקעלט, דריי מאָל אויסגעשפּיגען אויף מזל און עס אַ וואָרף געטהון אויף דער גלעזערנער צאָהל־באַנק.

די יונגען האָבען געשפּיעלט מיט מיסעס ריטש, וועלכע האָט אויסגע־צאָהלט די געווינסען מיט סיגאַרען און נאַש־וואַרג. זי איז געשטאַנען אַ צוויאַכמערטע, עטוואס אויסגעבויגען די פּלייצעס, געקוקט מיט ביידע אויגען די חברה זאָלען נישט מאַכען שקר׳ס און מורה האָבענדיג מען זאָל דערווייל עפּעס נישט אונטערגעשלאָגען האָט זי זיך יעדע ווײלע אומגע־קוקט. ווי איינער וואס שרעקט מען זאָל איהם נישט אַ פּלאַם טהון אין געזעס אריין.

סעם האָט עס בעמערקט און זיך פונאַנדער געשמייכעלט. ער האָט זיך פּער׳גנב׳עט הינטער מיסעס ריטש, וואוילעריש אריינגעשפּיגען אין דער לינקער האַנד, אָנגעשטעלט די רעכט און זיך כלומר׳שט געקליבען צו לעגען מיסעס ריטש אַ חתימה. די יונגען מיט סליונע אין די מיילער האָבען ממש גע׳חלש׳ט ער זאָל וואס גיכער אַ כמאָל טהון.

מיסעס ריטש האָט אינסטינקטיוו געפּיהלט אַז עמיצער שטעהט הינטער איהר, האָט זי זיך אַ דרעה־אויס געטהאָן, דערזעהן סעם׳ען און מיטגעשפּאַסט:

— מעהר וואָלט דיר שוין קיין צרות נישט געפעהלט, פּאַסקודניק דו! — און זי האָט זיך אויסגעגלייכט.

סעם האָט אַמאָך געטהון מיט דער האַנד, צוגעקנאַקט מיט דער צונג: „אי, ווען זי כאַפּט זיך נישט!" — און זיך אַ צופריעדענער אוועק־געזעצט.

אַ פּאָליסמאַן ווערמען עס איז דערעסען געוואָרען זיך צו באַקען אויף דער גאַס האָט פון לאַנגווײלינקייט אריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין „סטאָר".

ער האָט בעטראַכט דעם עולם און זיך פונאַנדער געשמייכעלט, ווי איינער זאָגט: „אַז כ׳וויל, חברה, קאָן איך אייך אריינפאַנגען אין שער הרחמים, נור גאָר נישט!“

— העלאָ, קעפּטען! — האָט מיסעס ריטש וואוילעריש אַ זאָג געטהון דערזעהענדיג דעם פּאָליסמאַן און גלייך גענומען איינגיסען אַ גלאָז קאַלטע וואסער — כ׳האָף, איהר וועט זיך נישט אָבזאָגען פון אַ גלאָז קאַלטע סעלצער מיט סאָק, האַ? „סטעפּ אין!“

דער פּאָליסמאַן איז שמייכלענדיג אריין אין סטאָר. ער האָט אויסגעטרונקען מיט איין ציה אַ גלאָז וואסער, מעשה קאָמאַנדיר בעטראַכט דעם עולם און שפּיעלענדיג זיך מיט׳ן „קלאָב“ האָט ער זיך געווענדעט צו דער חברה:

— קיפּ אָפּ, באָיס! קיפּ אָפּ!

די חברה האָבען ווידער גענומען שפּיעלען.

דער פּאָליסמאַן איז געשטאַנען אַ ווײלע, זיך גע׳ישוב׳ט און צום סוף אויך איינגעשטעלט אַ צעהן־סענט־שטיק. ער האָט אַ וואָרף געטהון די ווערפעל און פערשפּיעלט.

מיסעס ריטש האָט איהם בסתר צוריקגעגעבען די פּאָר סענט, איהם נאָך מכבד געווען מיט אַ סיגאַר און געדאַנקט גאָט וואָס זי ווערט פון איהם פּטור.

סעם׳ען האָט געלאַנגווײליגט. ער איז געזעסען און געטראַכט וועגען פּאָלי׳ן, מיט וועלכער ער איז שוין דעם צווייטען טאָג געווען ברוגז. די חברה אין סטאָר האָבען זיך אָנגעשטויסען אַז עס איז נישט גלאַטיג וואָס סעם זיצט עפּעס היינט איינער אליין און שווייגט—האָבען זיי צוגעשיקט דעם דורכגעטריבענסטען צווישען זיי, ער זאָל אַ טאַפּ טהון דעם דפק.

דער יונג האָט „דורכ׳געדזשיגעט“ עטליכע מאָל דעם סטאָר — טאַם־טאַ־טאַ־ראַם־טאַם! טאַם־טאַם! זיך אָבגעשטעלט נעבען סעם׳ען, אַרויסגענומען אַ סיגאַרעט מיט אַ גאָלדענעם שטאָפּסעל, איהם אָנגעקלאַפּט עטליכע מאָל אָן שאַכטעל, מכבד געווען סעם׳ען מיט אַ צווייטען און זיך אוועקגעזעצט.

— הער זיך איין, סעם, יעס, וואס איז דער מעהר, מען זעהט עפּעס פּאָלי׳ן נישט? זי פיהלט נישט גוט?

סעם האָט פערשטאַנען מיט וואס דאס שמעקט, האָט ער אַ לאַנגען

ציה געטהון דעם סיגארעט, בילעכווייז ארויסגעלאָזט דעם רויך און גע־טראַכט וואס צו ענטפערן.

— וואס פאַלט דיר איין, וואס? זי האָט פשוט קיין צייט נישט! וואס מיינסטו? א מיידעל פאר א חתונה, איז זי טאַקע פערנומען....

— וואס איך הער? — האָט דער יונג א פערוואונדעטער געשמייכעלט, פערריסען זיין קורץ אויסגעבויגען ווי א זאָטעל נעזיל און ס'איז מיט א מאָל פון דער נאָז ביז צום מויל אויסגעוואקסען אזא שטח, כאָטש נעהם און ווארגעל אוים א בלאַט לאָקשען. אזוי, אזוי נו, וואס שוויינסטו, וואָס, דו דעמעט, שטעק אריין א האנד—ווערסט כאָטש בעטען אויף דער חתונה, דו — — ?

— ווי דען, ווי דען!

— איין זאך טהוט מיר הנאה — האָט דער געלער געקלאפּט סעמ'ען אויף דער פלייצע — וואס דער „גיני” איז געבליבען מיט א נאָז!

ער מיינט טאקע, עפּעס גרעסערע קנאַקערם ווי דער „גיני זענען גע־בליבען מיט נעז!

— אזוי? אָהן געלעכטער, סעם, מאך מיך טאקע קלוג — האָט דער געלער זיך געמאכט תם'עוואטע — וואס אזוינס האָט פּאָלי אין דיר געפונען? זי האָט לייכט געקאנט קריגען א „פּראפעשאנאל”. האסט מזל, גאַד־דעמעט, טהאטס אָלל!

— יו בלאק הער! — האָט סעם וואוילעריש געענטפערט און אפער־געוואָרפען זיינע פים מיט די געלע האלבע שיך און געלע זיידענע זאָקען— ווען דו וואָלסט געוואוסט ווער עס האָט זיך אַלץ צו פּאָלי'ן גע'שדכ'ענט וואָלסטו נשתומם געוואָרען! קענסט דאקטאר פריד?

— נו?

— ער שיקט איהר נאָך היינט בריעף!

— און זי?

— זי עפענט זיי צומאָל נישט, צורייסט און פערטיג!

— אזוי?

— טרי טשירס, באָים! — האָט א יונג אויסגעשריען.

אויף דער שוועל איז געשטאַנען פּאָלי אין א ווייסע „ראָשען” בלוז, געשנורעוועט פון ביידע זייטען מיט בלויע זיידענע טאשמעם און מיט א בלויען מאטראָז קאָלנער.

די יונגען האָבען זיך גלייך אויסגעשטעלט אין צוויי שורות ווי די זעלנער, גענומען לייכט „דזשיגען" מיט די הויכע אָפּצאַסען, קנאַקען מיט די פינגער און פּאָלי אַ שיינענדיגע, מיט איהרע גרויסע, שוואַרצע אויגען איז דורך ווי אַ גענעראַל, וואַרפענדיג שמייכלען רעכטס און לינקס.

אַ יונג אין אַ בלויע העמדעל מיט אַ זיידענעם קעפּ איבער'ן רעכטען אויער איז ארויס אין מיטען „סטאָר" און מיט אַ שטימע פון אַ „קעמפּיין" רעדנער האָט ער אויסגעשריען:

— פּי! עי! יו! על! וואי!

און אַלע האָבען אונטערגעכאַפּט:

— פּי! עי! יו! על! וואי! פּאָלי, פּאָלי!

זיי האָבען פערגעסען אָן אַלעס, געטאַנצט פון איין פוס אויפ'ן צווייטען, געקנאַקט מיט די פינגער און עס האָט אויסגעזעהען ווי אַ מחנה אינדיאַנער וואָלטען געפּראַוועט עפּעס אַ הייליגען טאַנץ.

סעם איז געשטאַנען, קיין אויג נישט אַראָבגעלאָזט פון פּאָלי'ן און געקוואָלען. אַ קלייניגקייט! זיי ווערען דאָך אַלע פערכאַפּט פאַר איהר?

מיסעס ריטש האָט געוואוסט אַז איצט וועט שוין קיינער מעהר נישט שפּיעלען, האָט זי בעהאַלטען דאָס לעדערנע טעפּעל און אַ בייזע געשאָלטען:

— מען האָט זי דאָ געדאַרפט, צו אַלדע וויסטע יאָהר! אָן אָנשיקעניש! און איהר — האָט זי זיך געווענדעט צו די יונגען — זייט אַביסעל שטילער, ביי מיר איז קיין טאַנץ־זאַל נישט!

— נור זיך נישט געבייזערט, מיסעס ריטש, איהר וועט נאָך איצט מעהר לייזען — האָט אַ געלער יונג מיט אַ אָבגעגאָלטען קאָפּ געזאָגט און געקויפט אַ פּעקעל טשאָקאָלאַד.

פּאָלי האָט זיך געמאַכט נישט הערען די מאַמעס געוואָלדען, זי האָט געקייעט טשאָקאָלאַד, געשוועבט ווי אַ פויגעל פון איין יונג צום צווייטען, גראַציעז געהויבען איהרע אַקסלען, יעדען עפּעס איינגערוימט און דער עולם האָט געהאַלטען אין איין לאַכען.

סעם איז געשטאַנען אין אַ זייט און בעמערקט אַז פּאָלי מיידט איהם אויס, האַלט נישט פאַר נויטיג זיך אָבצושטעלען נעבען איהם. זי איז עטליכע מאָל פערביי זיין נאָז, זיך געמאַכט איהם נישט זעהען, צום סוף האָט זי זיך אַ פּלוצלינגען דרעה אויס געטהון, ווי איינער וואָס דערזעהט

א נישט ערוואַרטעטען גאַסט און גריסענדיג איהם מיט דער האַנד, האָט זי געגומען טענה'ן מיט א צווייטען.

סעם האָט דערפיהלט א מאָדנע שנאה צו פּאָלי'ן און איז בלאַס געוואָרען. איהם האָט זיך געדאַכט אז אַלע קוקען אויף איהם, ווייסען אז ער איז אויסגעשפּיעלט און ער האָט שטאַרק חשק געהאַט אָבצוטהון עפּעס אזוינס אז אַלע זאָלען נור וועגען איהם רעדען און טראַכטען.

סעם איז אָבער א מזיק געווען, און פּונקט ווי א גנב וואָס דערשמעקט דער ערשטער אז ער איז אריינגעפאַלען און איידער וואָס, ווען ווערט ער דער חכם, יאָגט אויך און שרייעט: „כאַפּט א גנב!“ — אזוי האָט סעם זיך א בים געטהון אין דער אויבערשטער ליפּ און געוואָרען מיט אמאָל לעבעדיג. ער האָט געוואוסט מיט וואָס אוועקצונעהמען די אויפמערקזאַמקייט פון פּאָלי'ן—האָט ער זיך א שטעל אוועק געטהון אין מיטען „סטאָר“ און געגומען נאָכמאַכען א וואָדעוויל פּאַיאַץ. ער האָט א ציה איין געטהון די אויגען ווי שמאָלע, שאַרפע מאַנדלען, וואָס קומען זיך, דאַכט זיך, צונויף, ערגעץ הינטער דער נאָז, געמאַכט א נעביך פּנים'על און זיך פאַרגעשטעלט אַלס דער נאָבעלער „לאָנדרי־מען“ טשון־טשו־גו. אויף אַן עכט כינעזישען ענגליש האָט ער אויסגערעכענט זיינע פערדיענסטען פאַר אמעריקא. ער האָט אָבגעגעבען א שבח דעם הייליגען קאָנפוציוס, קלאַפּענדיג דעם שטערען זיעבען מאָל אין דער פּאָדלאָגע, וואָס ער האָט זיך בעמיהט פאַר זיינע „הימעל־קינדער“ און געגעבען חכמה דעם „נישט ריינעם“ נור פּאָרט נאָבעלען קאָלומבוס צו ענטדעקען אמעריקא. אז נישט וואָס וואָלטען נעבעך אזוי פיעל „הימעל־קינדער“ געטהון? און אמעריקא איז א „קאָנטרי“ פון „האַררי־אַפּ“—האַלט מען טאַקע אין איין שוויצען. די מענער קאַנען א וועלט פערפּלייצען! און די ווייבער? זאָל דער הייליגער קאָנפוציוס שומר ומציל זיין!

דער עולם איז אזוי בעגייסטערט געוואָרען פון סעם'ס דרשה, אז ער האָט פערגעסען ס'איז דאָ א פּאָלי אויף דער וועלט, געקייכט פאַר געלעכטער און עטליכע מאָל אויפגעהויבען סעם'ען.

א פּוילישע דיענסט מויד מיט א פעט מילכיג פּנים איז אריין אין סטאָר. זי האָט זיך אפּנים פערשעהמט פאַר די יונגען און מאָדנע גענומען שפּרייזען, גלייך א שטעקען וואָלט זיך איהר געפּלאָנטערט צווישען

די פיס. זי האָט געגעבען מיסעס ריטש אַ גלעזערנע קרוג און געבעטען סאָדא־וואסער.

— אָט איז אַ שעהן מיידעל — האָט פּאָלי שפּאסיג געזאָגט — „גאָ עהעד, באָיס" מאַכט „לאָוו" צו איהר!

אַ יונג האָט זיך גלייך צוגעשאַרט צו דער דיענסט, איהר געגעבען צוקערלעך, געמאַכט קאָמפּלימענטען און זעהענדיג אַז די שקצה לאַכט מיט אַזאַ שעפּסען געלעכטער פון זיינע חכמות, האָט ער אויך די הענד גענומען צו הילף. און וואו אריין צו קניפּען האָט נישט געפעהלט!

די „מאַריכנא" האָט זיך כלומרש געוועדט און זייענדיג זיכער אז די „אמעריקאַנצעס" פערשטעהען נישט קיין פּויליש, האָט זי גערעדט אַזעלכע רייד אַז אַ קאָזאַק וואָלט רויט געוואָרען און פון גרויס הנאה אריינגעלאַכט זיך אין בוזעם אריין אַזש צום וויינען.

ווען די מויד האָט שוין געוואָלט ארויסגעהן האָט סעם איהר דורכ־געקרייצט דעם וועג און זיך אַ כאַפּ געטהון פאר אַ פוס. די מויד האָט אַ קוויטש געטהון, זיך צוגעזעצט און די גלעזערנע קרוג איז צופאַלען אויף שטיקלעך.

— מזל־טוב! מזל־טוב!

עס איז געוואָרען אַ טומעל.

מיסעס ריטש האָט געמאַכט קולות, געזידעלט סעם'ען, געטריבען פון „סטאָר" ארויס און גענומען אויפווישען דאס וואסער און אויפקלויבען די שטיקלעך גלאָז.

די „מאַריכנא" האָט אויסגעגלאָצט אַפּאָר אויגען, געקוקט דאָ אויף מיסעס ריטש, דאָ אויף דער צובראָכענער קרוג און געהאַלטען ביי פּור־נאנדערוויינען זיך.

— נו, וואס שטעהסטו, וואָס, ווי אַן אָנגע'מלאכה'ענטער — האָט מיסעס ריטש אַ שטופּ געטהון סעם'ען — דו קאָמעדיאַנט מיינער! איצט זיי זשע מוחל און קויף איהר אַ „פּיטשער"!

פּאָלי האָט זיך געקייקעלט פון געלעכטער.

סעם האָט ערגעץ דערטאַפּט אַ קרוג, זי אָנגעגאָסען מיט וואסער און משלח געווען די דיענסט.

די מעשה מיט דער קרוג האָט סעם'ען עפּעס מאָדנע צוטרייסעלט.

עס איז איהם מיט אמאָל אומעטיג געוואָרען און ער האָט זיך אוועק־געזעצט.

פּאָלי האָט עס בעמערקט.

— „באָים“, ווער נעמט מיך נאָך „קוני“? — האָט פּאָלי קאָקעטיש געפרעגט — כ'האָב גאָר קיין חשק נישט דאָ זיך צו פרעגלען...

אַלע האָבען זיך געכאפּט פאר די קעשענעס, זיך עלעגאנט פער־נייגט, וואוילעריש געקלונגען מיט די ממתקים און יעדער איינער איז גרייט געווען כאָטש שוין כאפּען אַן אָטאָמאָביל און פליהען

— און דו, „בייבי“ — האָט פּאָלי סעמ'ען אַ פּאַטש געטהאָן מיט איהר ווייס־זיידענע הענטשקע אין פּנים אריין — וואס איז דער מעהר מיט דיר? וואס ביזטו עפּעס מיט אמאָל אזוי שטיל געוואָרען?

— ער טרויערט נאָכ'ן צובראָכענעם „פּיטשער“ — האָט זיך איינער אָנגערופען.

— ער איז פערליעבט! — האָט דער געלער אויסגעשריען, אַ גנבה'־שען ווינק געטהון מיט די אויגען און בשעת מעשה אַ דרעה געטהון מיט די אויערען ווי אַ פערד.

— טאַקע? — האָט פּאָלי סעמ'ען געפרעגט.

— טאָ לאָז ער ווייזען די צונג! — האָט אַ צווייטער אַן עצה געטהון.

סעם האָט אליין נישט געגלויבט ער זאָל זיך קענען אזוי פערלירען, געוואָרען מיט אמאָל בלאַס, געפיהלט ווי ער ווערט אַן אויפגעקאָכטער, געמיינט אַז אַלע האָבען זיך צונויפגערעדט, לאַכען פון איהם און ער האָט געטראַכט צו זאָגען פּאָלי'ן אזוינס עס זאָל איהר פינסטער ווערען אין די אויגען. ער האָט אָבער אַ נארישען שמייכעל געטהון און ארויסגע־שטעקט אַ צונג ווי אַלעדער.

פּאָלי איז עטוואס רויט געוואָרען, גענומען סעמ'ען שלאָגען איבער'ן פּנים מיט איהר זיידענע הענטשקע און געשריען:

— אָ, יו פרעש טהינג!

סעם האָט זיך איינגעבויגען און וועלענדיג פּאָלי'ן אויסמיידען האָט ער אַ שפּרונג געטהון אָן אַ זייט, זיך פארטשעפּעט אָן אַ טשוואַק און געמאַכט אַ געוואַלד־רים ווי אַ דלת אין זיין נייעם ראָק.

— נישט אנדערש, ווי משוגע — האָט מיסעס ריטש געקוויטשעט —

אַז די מויד איז ווילד, ריהט נישט ווי דער סמבטיון! האָט ער צוברּאָכען אַ קרוג, זיך צוריסען דעם ראָק, געה האָב טענות, אַז מענשען זענען „ביזי״!

— ס׳מאַכט נישט, מיסעס, מען וועט קויפען אַ צווייטען! — האָט סעם גוטמוטהיג געענטפערט.

פאָלי האָט אויף גיך איינגעפעדימט אַ דינע נאָדעל, איז צו צו סעם׳ען און איהם גענומען פאר דער האַנד:

— ביזט בייז סעם? אַז כ׳בין אויף מיין וואָרט נישט שולדיג!

זי האָט איהם געגעבען אַ שטיקעל פאָדעם צו קייען פאר אַן עין־הרע און גענומען אויף גיך פערניייען דעם רים.

סעם האָט אַן אַלעם פערגעסען. ער איז געשטאַנען אַ גליקליכער מיט עטוואָס צושפרייטע הענד און פיס, געווען יעדע מינוט גרייט ארומ־צונעמען פאָלי׳ן און געפיהלט דערביי ווי איינער וואָס האַלט אַ קאַשע־קעל אייער און שרעקט ער זאָל נישט צוקוועטשען.

ער האָט געפיהלט ווי פאָלי׳ס זיידענע האָר קיצלען זיין פּנים און יעדעס מאָל ווען עס קומט איהר אוים אָבצורייסען דעם דרים שפּארט זי אָן איהר קניע אן זיינע.

די חברה זיינען געשטאַנען ארום און זיך געוויצעלט.

סעם איז מיט אַמאָל בלאַס געוואָרען און געפיהלט ווי ער טריי־סעלט זיך אין גאַנצען—אַלעק איז אריין אין סטאָר.

אַלעק איז געווען אַ ניעדריגער, ברייטביינינגער יונג ווי אַ פיען. זיינע שווארצע, רירעוודיגע אויגען, וועמענס שארפען בליק זעלטען ווער עס האָט געקאָנט אויסהאַלטען, זיין קליינער, בעוואַקסענער ביז אין דער העלפט מיט האָר, שטערען און די טעטואירטע אַנקערס אויף זיינע הענד האָבען עדות געזאָגט אַז דער בחור האָט שוין נישט איין חטא בעגאַנגען. ער האָט געטראָגען אַ העלען אַנצוג מיט אַ ווייסען, געקעסטעלטען קעפּ.

— האַלאָ, אַלעק! האַלאָ! — האָט זיך געהערט פון אַלע זייטען.

אַלעק האָט זיך מיט אַלעמען בעגריסט, געוואָרפען אַ בליק אויף פאָלי׳ן מיט סעם׳ען. ווי דער לעצטער איז געשטאַנען מיט צושפרייטע הענד, האָט זיך איהם געדאַכט אַז סעם פערמעסט זיך צו אַ טאַנץ. ער האָט זיך נישט וויסענדיג געמאַכט און געבעטען אַ סיגאַר.

מיסעס ריטש האָט בעמערקט אין זיינע אויגען אַז ער איז נישט

ניכטער, האָט זי איהם געוואונשען ער זאָל פער'שרפ'עט ווערען מיט'ן סיגאר צוזאמען און זיך אָפּטשעפּען פון איהר טאָכטער.

פּאָלי האָט געענדיגט נעהען, אויסגעגלייכט דעם שניט מיט די פינגער און זיך געווענדעט צו די יונגען:

— נו, באָיס, ווי גלייכט איהר מיין „דזשאב"?

— פיין, עקסעלענט! — האָבען אַלע אויסגעשריען און געקוקט דאָ אויף אַלעק'ען דאָ אויף סעם'ען, וויסענדיג אַז די בעגעגעניש וועט גלאַט נישט אָבגעהן.

— האללאָ, פּאָל! דו דערקענסט שוין נישט קיין בעקאַנטע?...

— אָ, אַלעק, האללאָ, כ'האָב דיך אסור געזעהען — האָט פּאָלי כלומר'שט אַן איבעראַשטע געזאָגט—ווי געהטס? פאר וואָס זעהט מען דיך גאָר נישט?

אַלעק האָט נישט געענטפערט. ער האָט ארויסגענומען אַ קליין יעוועלירעל מיט אַ גאָלדען קייטעלע און עס פּאָלי'ן געוויזען.

— אָ, ווי שעהן דאָס איז? — האָט פּאָלי אויסגעשריען און בעטראַכט דאָס יעוועלירעל וואָס איז בעשטאַנען פון אַ גאָלדען קרענצעל סאמעטלעך, געזעצט מיט פּערעל און אין דער מיטען אַ ברילִיאַנט ווי אַן ארבעס. — זאָגט, איז עס ניט שעהן? — האָט זי זיך געווענדעט צו דער חברה און עס זיך אָנגעטהון.

סעם האָט דערפיהלט ווי דאָס בלוט וואָס האָט אין איהם גענומען קאָכען בשעת אַלעק איז אריינגעקומען, האָט איהם מיט אמאָל אַ קלאַפּ געטהון אין פּנים אריין. ער האָט זיינע אייגענע אויערען נישט געגלויבט. איז דאָס מעגליך אַז פּאָלי זאָל אַזוי רעדען צו אַלעק'ען אין זיין געגענווארט? און ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט פּאָלי'ן אין די אויגען אריין, ווי ער וואָלט דערמיט געזאָגט: פערגעס זיך נישט, איך בין אויך דאָ...

— ס'געפעלט דיר? — האָט אַלעק זיך געפרעגט.

— אָ, דזשי! — האָט זי פּאַטעטיש אויסגעשריען און אַ בליץ געטהון מיט איהרע שווארצע אויגען.

— אויב עס געפעלט דיר, טאָ נעם עס! — האָט אַלעק אַ ברום געטהון.

— דו מאַכסט שפּאַס — האָט פּאָלי געצויגען די ווערטער און געווען זיכער אַז דאָס יעוועלירעל בעלאַנגט שוין צו איהר.

זי האט בעמערקט ווי די מוטער ווינקט צו איהר זי זאל דאס נישט נעמען, שרייעט „לאו“ און כאטש זי האט נישט פערשטאנען וואס דאס מיינט, האט זי זיך געשטויסען אז מען הייסט נישט נעמען.

פאלי איז צוגעגאנגען נעהנטער צו אלעק׳ען.

— דו מיינסט מיט אן אמת כ׳זאל עס נעמען?

— בעליידיגסט מיך פאלי — האט אלעק א בלאסער געזאגט — דו מיינסט אז איך בין עפעס „קאיק“ וואס מאכט פינפצעהן דאלאר א וואך? איך בין אלעק—בין איך!

ער האט ארויסגעכאפט צוויי פולע הענד מיט פאפיערען־געלד.

— נא, אויב דו ווילסט גיב נור א פיפס און האסט צוואנציג אזעלכע יעוועלירלעך און נאך בעסערע, דען איך בין אלעק!

ער האט א וואָרף געטהון א פולע האנד פאפיערען־געלד אויף דער צאהל־באנק און צייגענדיג מיט׳ן פינגער האט ער זיך געווענדעט צו מי־סעס ריטש:

— זעהסט, פאר דערפאר קאן איך אבקויפען דיין גאנצען סטאר און איך שענק עס דיר אוועק! דען איך בין אלעק! וואס שטעהסטו? קלויב עס צונויף!

מיסעס ריטש איז רויט געווארען, זיך געקווענקעלט א ווײַלע און ווארפענדיג איהם דאס געלד אין פנים אריין האט זי אויסגעשריען:

— דהע העלל, מיט דיין געלד!

אלעק האט געשמייכעלט, געהייסען מאכען א ווארע, געסטראשעט אז ווער עס וועט אויפהויבען א פאפיערעל וועט ער די בעבעכעס ארויס־נעמען און אופיגעקליבען דאס געלד. ער האט זיך א נערוועזער געווענדעט צו פאלי׳ן:

— קום פאר א שפאציער!

— איך ברויך דיך צו האבען! — איז מיסעס ריטש אריין אין דער מיטען.

— אלל־רייט, — האט פאלי געענטפערט און זיך נישט צוגעהערט וואס די מוטער זאגט — כ׳געה! — און זי האט זיך געווענדעט צו סעמען — קום סעם מיר וועלען זיך דורכגעהן.

סעם וועלכער איז געשטאנען ווי אויף הייסע קוילען אין זיך יעדע רגע געקליבען צו ווארפען אויף אלעק׳ען, איז אזוי צוטומעלט געווארען

פון פּאָלי׳ס פראגע, אז עס האָט איהם גענומען איבער א מינוט ביז ער האָט פערשטאַנען וואס זי וויל פון איהם. ער האָט פערקוועטשט די פויסטען און געענטפערט:

— כ׳געה נישט!

פּאָלי האָט א שמייכעל געטהון.

— דערויף האסטו געדארפט אזוי לאנג צו קלעהרען? — און זי האָט זיך געווענדעט צו אַלעק׳ען — אָל־רייט, אַלעק, אז ער וויל נישט, געהן מירביידע:

— דו וועסט נישט געהן! — האָט די מוטער געשריען.

— מיסעס ריטש, פארוואס האָט איהר מורא צו לאָזען אייער טאָכ־טער צו געהן מיט מיר? דערפאר וואס כ׳בין נישט קיין יוד? דערפאר וואס דער „סאן אָף ע׳ גאַן“, סעם, סטראשעט אז כ׳וועל פּאָלי׳ן נאָך דער חתונה פערקויפען? ווייל כ׳בין א „גיני“?

אַלעק איז פון גרויס רגזה געוואָרען א פערפּלאָנטער, די אויגען האָבען זיך ביי איהם פערקאַטשעט און רויט געוואָרען, די נאָז־פליגעל גע־ציטערט, דאס מויל האָט זיך צועפּענט און אין גאנצען האָט ער אויסגע־זעהען ווי א רויבערענדער קראַטער.

ער האָט זיך גענומען קלאפּען מיט ביידע פויסטען אין דער ברוסט אריין.

— כ׳שווער אייך, מיסעס ריטש, אז אויב איהר ווילט ווער איך מאָרגען א יוד! און כאָטש כ׳בין א „גיני“, בין איך טויזענד מאָל בעסער פאר סעם׳ען דעם פערדאמטען ש. — — ז

דאס לעצטע וואָרט „שיני“ האָט ער נישט דערזאָגט, האָט א סאָפּע געטהון און אַלע האָבען געמיינט אז ער וואָרפט זיך אויף סעם׳ען.

סעם האָט דערפיהלט אז ס׳ווערט איהם פינסטער אין די אויגען און ער האָט זיך א ריס געטהון צום איטאַליענער.

— דו זוכסט א פּרעטענזיע, דו הינטישער זוהן?! קום ארויס אויף דער גאַס, גיכער, דו גאָט־פערדאַמטער דו! — און איהם אָנגעכאַפּט פאר׳ן קארק.

חברה זענען גלייך אריין אין דער מיטען, זיי פונאנדערגעשייט. ביידע סיי סעם, סיי אַלעק האָבען זיך געריסען איינער צום צווייטען.

מיסעס ריטש האָט געקוויטשעט:

— כ׳וועל מיר א מעשה אָנטהון! גנבים, „באָמס“, ארוים! כ׳געה רופען א פּאָליסמאַן!

זי האָט איינגעטונקען א סמאַטע אין וואַסער און גענומען קלאַפּען איבער די קעפּ.

אַלעק האָט עפּעס איינגערוימט פּאָלי׳ן און ארוים מיט דער גאַנצער חברה אויף דער גאַס.

מיסעס ריטש האָט נאָך אַלץ געשריען:

— דו וועסט זיך גאָר א וויסט יאָהר אויסרעכטען, דו כאַנטע, דו! ברעך הענט און פּיס, ארוים פון מיין שטוב! כ׳וויל דיך מעהר נישט קענען, נישט קוקען אין דיין טרפה׳ן פּרצוף אריין! געה צום איטאַלענער, געה, אבי פון מיינע אויגען ארוים!

פּאָלי האָט נישט געענטפערט.

סעם האָט זיך נישט צוגעהערט וואס מיסעס ריטש זאָגט, ער האָט אויפגעשטעלט זיין קאָלנער פון רעקעל, כאָטש אין דרויסען איז געווען א שרעקליכע היטץ און איז ארוים.

IX.

סעם האָט געשפּאַנט איבער'ן טראָטואר א צוטראָגענער, די הענד אין די הויזען קעשענעס און זיך געהאַלטען אין איין שילטען. ער האָט מיט אמאָל דערפיהלט אז אַלץ ארום איהם איז איהם ענג געוואָרען, אז פאר איהם און אַלעק'ען איז דאָ קיין פּלאַץ נישטאָ מעהר און איינער מוז אונבעדינגט אראָבגערוימט ווערען. צו מיינסטען איז סעם בייז געווען אויף פּאָלי'ן. ער איז געווען איבערצייגט אז אין אַלעם איז זי שולדיג, אז ווען זי וואָלט אַלעק'ען נישט געגעבען א געלעגענהייט וואָלט ער קיינמאָל קיין חוצפה געהאַט אָבצושפּיעלען אזא חתונה. סעם האָט אַלעק'ען כמעט ווי נישט בעשולדיגט. א מאַנספּערשוין — האָט ער מיט זיך גע'טענה'ט — איז נישט מעהר ווי א הונד, אַז מען צייגט איהם א פינגער וויל ער די גאַנצע האַנד. ער וואָלט אויך בעסער נישט געווע־זען, פונדעסטוועגען איז ער זיכער געווען, אז היינט, מאָרגען און אויב ער וועט זיך טרעפען מיט אַלעק'ען וועט איינער פון זיי געווים די קאָ־פּיטעם אויסציהען. איהם איז איינגעפאַלען, אז די געזונדסטע זאַך וואָלט פאר איהם געווען ווי ער געהט און שטעהט צו פערלאָזען ניו יאָרק, כאָטש ביי זיך איז ער זיכער געווען אז ער וועט עס נישט טהון, אַז אויב ער וועט אפילו אוועק, וועט ער זיך פון מיטען וועג אומקעהרען, בלויז דערפאר אז אַלעק זאָל נישט מיינען דאס דער „שיני" האָט זיך איבערגעשראָקען און געמאַכט פּליטה.

ער איז אויך זיכער געווען אז פּאָלי ליעבט קיינעם נישט—נישט איהם און נישט אַלעק'ען. און וואס מעהר ער האָט וועגען דעם געטראַכט אַלץ מעהר האָט ער זיך איבערצייגט אַז פּאָלי איז א שלעכטע, זעהר א שלעכטע, אַז זי האָט אין וועמען צו זיין גערעכט, אַז דאָס שפּיעלט זי זיך מיט זיי—פונדעסטוועגען ווען פּאָלי קומט איצט צו איהם וואָלט ער מיט איהר אַנטלאָפען וואו דער פעפער וואַקסט.

ביי סעם'ען האָט דער מח געאַרבייט אַזוי קלאָר און שנעל ווי ער אַרבייט געוועהנליך נאָך א פרעהליכע נאַכט ווען עס פעהלען נישט עט־ליכע גלעזלעך אייז־וויין. יעדע קלייניגקייט האָט זיך ביי איהם איבערגע'

הוזר׳ט בולט׳ער און שאַרפער, בליצענהאַפט געשפרונגען פון איין זאַך צו דער צווייטער. עס זיינען איהם אויפ׳ן זינען ארויף דזשייקס ווערטער, אַז פאָלי שפיעלט זיך מיט איהם, אַז זי וועט קיינמאָל נישט חתונה האָבען, דען זי האָט אין זיך הינטיש בלוט.

סעם האָט זיך מיט אַמאָל צולאַכט. ער האָט זיך דערמאָנט ווי דזשייק אין זיינע אויסגעדריוועלטע הויזען האָט זיך אַראָפגעקייקעלט מיט׳ן ניגער פון אַלע טרעפּלעך אויפ׳ן טראָטואַר. דאס געלעכטער האָט איהם עטוואָס אויסגעניכטערט און ער האָט בעשלאָסען גלייך זיך ארי־בערצוכאַפּען צו דזשייק׳ען.

אַן עלטערע איטאַליענערקע אין אַ נאַציאָנאַלע קרינעלינע מיט אַ שטרויען חוזק־קאַפּעליושעל, פונקט ווי מען טהוט אָן פערד אין די גרויסע היצען, האָט אַן איינגעשפּאַנטע געשלעפּט אַ שפּיעל־קאַסטען אויף צוויי רעדער.

אַ מיידעל ווי אַן אויסגעגאָסענע אָהן אַ טאַליע האָט איהר נאָכגע־טראָגען אַ צימבעלע. די איטאַליענערקע האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען טראָטואַר, גענומען שפּיעלען עפּעס אַן אַלטען וואַלס און דאס מיידעל האָט אַקאָמפּאַניערט.

דאס מיידעל מיט איהר פוילקייט און די קייליכדיגע פּלייצעס, מיט איהר אָבגעברענט בחן׳ט פּנים, מיט איהרע גרויסע, פערוואָלקענטע אויגען האָט אונערוואַרטעט גענומען אָבשטעלען אַלע דורכגעהער, גלייך זיי וואָלטען געטראָפען געוואָרען פון אַ שטיל שיסענדע ביקס. און נישט איין גאַליציאַנער אָדער אונגאַרישער פּעדלער מיט פּאות האָט פערשאַרצט זיין שוואַרצען, שטרויענעם קאַפּעליוש און נכשל געוואָרען אין איהר בליק.

פון די ארומיגע הייזער האָבען זיך גענומען ארויסשיטען מיידלעך אין קורצע, ווייסע קליידלעך, זיך געפּאָרט זיך געשלאָסען אין קרענץ, גראַציעז און ריטמיש געהויבען די פיסלעך און צוגעזונגען אויף זייערע קינדישע קול׳עכלעך. אַ פּאָרעל איז דורך. דאס מיידעל האָט נישט געקענטביישטעהן דעם נסיון, האָט זי גענומען געהן צום טאַקט טאַנ־צענדיג. דער יונג האָט מיט איין האנד ארומגעכאַפּט דאס מיידעל פאר דער טליע, זיך פערמאָסטען צום טאַנץ און אָפּגעהענדיג אַזוי עטליכע טריט זענען זיי פערשוואונדען מיט אַ געלעכטער.

סעם איז געוואָרען אויפגעהייטערטער. ער האָט חשק געקראגען א טשעפּע צו טהון די איטאַליענערין און אין דער זעלבער צייט האָט ער ווי פאר עפּעס זיך געשראָקען. און נישט בחנם! סעם האָט געוואוסט אז די שעהנע „גינישע“ מוידען, וואס שמעקען מיט „ווערזשעטייבעלס“ און האָבען דאַכט זיך קיין בייזע גאַל נישט, קאנען, פונדעסטוועגען, פאר דער מינדעסטע זאך ארייננזעצען א מעסער. ער האָט זיך בעגעגענט מיט איהרע גרויסע אויגען, זיך צוגעגעבען קוראזש און אויסגעשריען:

— בעללא סיניאָרא!

דאס מיידעל האָט ארייגעלאַכט אין צימבעלע אריין און שטארקער גענומען פּויקען.

סעם האָט כמעט אן אַלעם פערגעסען, געוועזן גליקליך, שוין חרטה געקריגען צו וואס ער געהט צו דזשייק׳ען. ער האָט ארויסגעכאפּט א „ניקעל“, אויסגעשריען: קאַפּ־שלאק און איהם א וואָרף געטהון אין דער לופט. ער האָט זיך געלאָזט געהן צו דזשייק׳ען. ער איז געגאנגען גיך, זיך מיט אמאָל געפיהלט בכח א וועלט איינצולעגען און כמעט צופריעדען געוועזן וואס ער האָט זיך צונויפגעטראָפען מיט אַלעק׳ען.

איצט האָט ער געוואוסט, וואו ער איז אין דער וועלט און בעשלאָסען צו שלאָגען מיט אלע כפרות. ער איז געוואָרען ווילדער, און פונקט ווי א יונגער זשערעבעץ צובריקעט זיך ווען מען לאָזט איהם ארויס אויף דער פריי, אזוי איז סעם דורך דעם טראָטואר מיט ברייטע אָרעמס און נישט איינעם א שטורך געטהון אין א זייט.

בארג אראָב טראָטואר איז געשטאַנען א „פושקארט“ מיט „גראָ־סערי“ זאַכען, האָט סעם׳ען דאס הארץ נישט געלאָזט דורכגעהן און האָט עם פערטשעפּעט. דאס וועגעלע האָט גענומען פליהען בארג אראָב און דער גראָסערי־יונג איז א ווייסען פארטוך מיט פלאַכע הינקעדיגע פיס פון צו פיעל געהן איז נאָכגעלאפען און געשריען: אי, אי, ס׳איז נאָך די אייער! ס׳איז נאָך די אייער!

סעם האָט זיך צולאַכט, פערלאָפען אויף א פריהער און אָבגעשטעלט דעם פושקארט. עס איז איהם אפילו איינגעפאלען צו געבען א פייער־אלארם אויך — האָט ער זיך ארומגעקוקט, געזעהען עס איז צו ליכטיג און געשפּרייזט ווייטער.

ער איז ארויף צו דזשייק'ען, גערונגען עטליכע מאָל, געקלאַפּט אין טהיר וואס איז געווען בעשלאָגען מיט אַ אָבשטעהענדע בלעך, נור קיינער האָט נישט געענטפערט. סעם האָט בעשלאָסען אַז עס איז דאָרט מסתמא קיינער נישט דאָ, האָט ער אָביסעל פון פערדרוס וואס ער האָט קיינעם נישט געטראָפען גענומען אויסקלאַפּען אין דער אָבשטעהענדע בלעך ווי אין אַ פּויק אַ מארש.

— אַ קלאַפּען זאָלסטו קאָפּ אין וואנד! — האָט ער געהערט אַ קול פון אינוועניג.

ער האָט זיך עטוואס דערשראָקען, אַ ציה ארויף געטהון די אַקסלען, צועפענט דאס מויל און ארויסגעלאָזט אַן אַי,־אַי־אַי!

און פּונקט ווי אַ יונגעל וואס טהוט אַ קוועטש אַן עלעקטריש קנעפּעל פון אַ פרעמדע טהיר און מאַכט פּליטה מען זאָל איהם נישט כאַפּען, אזוי האָט סעם געוואָלט אָבציהען.

— צו אַלדע שווארצע יאָהר, אַ העזה דאס האָט צו קלאַפּען אין פרעמדע טהירען!

סעם האָט זיך אויסגעדרעהט, דערזעהען ווי פון דער צועפענטער טהיר רוקט זיך ארויס אַ געזונטע, באָרוויסע ווייבעל מיט אַ קינד אויף דער האַנד. דאס ווייבעל האָט מיט איין האַנד צוגעהאַלטען די טהיר, אַ בלישטש געטהון מיט איהרע קליינע, שווארצע אויגען און איינציהענדיג דאס שנעבעלע ווי אַ יונג הזיר'על האָט זי זיך צוקוויטשעט:

— אַ די הענד זאָלען דיר אָבגעדאַרט ווערען, דו באָמטשיסקע! האָסט געהערט אַמאָל? אַ קלאַפּעניש אויף זיין קאָפּ! דיין גליק וואס „מיינער" איז נישטאָ — איז זי זיך פערגאַנגען אַלץ העכער און דאָס שנעבעלע האָט זיך געבעלעזעלט — אַז נישט וואָלט ער דיר דעם מח צופּלעט, געוויזען ווי ר'נאָך צו קלאַפּען אין פרעמדע טהירען! קוק איהם נור אָן! ווי עס שטעהט און גלאָצט מיט די אויגען! דאס קאן קיין צוויי נישט צעהלען! אַרויס פון דאנען, דען כ'רוף אַ פּאָליסמאַן, דו כאָלערע־טשיסקע!

סעם האָט זיך פון אזא ברוך הבא עטוואס פערלוירען, נור זעהענדיג ווי דעם קינד איז מיט אַמאָל געפעלען געוואָרען דער מאַמעס נאָז און ווי דער קליינער האָט זי אָנגעהויבען מיטביידע הענטלעך צו מעלקען,

אזוי אַז זי איז אזש פערפּלאָמט געוואָרען, האָט ער פערגעסען אַן אַלעם און האָט זיך צושמייכעלט.

די מוטער האָט אַ פּנים מורא געהאַט אָבצולאָזען מיט דער האַנד די טהיר, איז זי נאָך בייזער געוואָרען, זיך נישט געקאָנט קיין עצה טהון, געשריען: „לאָז אָב ממזר!“ און געוואָרפען דעם קאָפּ ווי אַ ניסענדרע קאָבילע. דעם קינד איז די המצאה געפעלען געוואָרען, האָט ער זיך צוגודערט אויף זיין שטייגער און מיט אַ קינדישע שמחה ארומגעכאַפּט די מוטער מיטביידע הענטלעך.

דאס ווייבעל האָט זיך צולאַכט.

— אַל בעטש יו, עס פּאַסט אייך פיעל שעהנער ווען איהר לאַכט! — האָט סעם גוטמוטיג געזאָגט.

דאס ווייבעל האָט זיך צופינטעלט, עטוואָס רויט געוואָרען און ווי זי וואָלט זיך אָט איצט דערמאָנט אַז זי שטעהט מיט אַ מאַנסביל, האָט זי מיט איין אויג, אזוי כלאחר יד, בעטראַכט איהר הלוך, אריינגעשאַרט די באָרוויסע פיסלעך הינטער דער טהיר און איינשנורעלענדיג נאָך שטייפער איהר שנעבעלע האָט זי געזאָגט:

— נישט געטראָפען ס׳ארט, מיסטער־לעבען! מיר קענען אייך! מאַכט ליבערש נישט קאַליע קיין רייד, אומזאָנסט אייער טרחה! — האָט זי פערענדיגט און אַ צופריעדענע געוואָלט פערמאַכען די טהיר.

— ענטשולדיגט, לידי, איהר האָט אַ טעות! — האָט סעם געזאָגט — איהר האָט נישט וואס מורא צו האָבען, כ׳וועל אייך אסור בע׳גנב׳ענען! דאס בין איך געקומען צו אייער „באָרדער“, צו דזשייק׳ען.

— טפוי! — האָט זי אַ שפּיי געטהאָן — האָסט געהערט אַמאָל! מיינע וויסטע חלומות — — — איהר האָט דאָך באַלד געקאָנט זאָגען דאס זעלבע! נו, נעמט נישט פאַר אומגוט, מיסטער איהר ווייסט דאָך היינטיגע צייטען טאָר מען נישט זיין צו קלוג, עס זאָל אזוי נישט טרעפען ווי עס טרעפט! אָט האָט מען מיינע אַ שכנה׳טע אזוי ר׳נאָך בע׳גנב׳עט עס איז אריינגעקומען אַ מאַן, כלומרש דער געז־מאַן, זיך געפּור־קעט ביים געז־מיטער און איהר ארויסגעריסען די דיימאָנדס פון די אויערען! יעס, וואס האָב איך געוואָלט זאָגען? איהר דאַרפט דזשייק׳ען? כ׳מיין צו וואס דאַרפט איהר איהם? ס׳איז טאַקע נישט מיינע „ביזנעס“

נור עס וואָלט שוין צייט געווען דער יונג זאָל קריגען א „דזשאב" — האָט דאס ווייבעל געהאלטען אין איין מאָהלען.

— פליעז, לאָזט מיך אריין צו איהם — האָט סעם געשמייכעלט.

— וואס הייסט? — האָט זי געזאָגט און אָבגעלאָזט די טהיר — מיט'ן בעסטען פערגעניגען! אָבער איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, דזשייק איז איצט נישטאָ, נור אז איהר ווילט זייט זשע מוחל און ווארט צו אביסעל, ער דאַרף באלד אָנקומען.

סעם האָט זיך געקווענקעלט צי ער זאָלט אריין, נור בענגענדיג זיך מיט דעם ווייבעלס שווארצע אויגען, מיט איהר רירעוודיגע קיילעכדיגע פלייצעס, האָט ער א טראכט געטהון אז מען דאַרף נישט זיין קיין יאָלד און איז אריין.

זי האָט איהם אריינגעפיהרט אין דזשייקס צימער און איהם געגעבען א שוועבעלע.

— אז איהר ווילט צינדט אייך אָן די געז. כ'מוז א קוק טהון צום „סאפער". איהר ווייסט דאָך אז א מאנסביל קומט א היים און די שיסעל איז נישט גרייט — האָט זי זיך צולאכט און קאָקעטיש ארויס פון צימער.

ביי סעם'ען האָט זיך עפּעס געבאָמבעלט אין מח, ער איז עטליכע מאָל דורך דעם צימער, א שפּיי געטהון און אוועקגעלעגט דאס שוועבעלע.

דער צימער האָט געשמעקט מיט געקאָכטע וועש, מיט זיסע, געבראָטענע קארטאָפעל. מעהר ווי א בעטעל, וואס האָט אויסגעזעהן ווי א נאָרע אין א תפיסה און א שטוהל מיט אזא גלנאציגע פארב וואָס האָט א טבע זיך איינצוקלעפּען אין געזעס אריין—איז אין צימער גאָר נישט געווען.

סעם איז צו צום פענסטער. דורכ'ן אָפענעם פענסטער, וואס איז ארויסגעגאנגען אין א שמאָלען פּיער־עקיגען הויף, ווי אין א ריעזיגען קאסטען, האָט זיך געהערט ווי א הייזעריגער פאָנאָגראף זינגט:

א בריוועלע דער מאמען,
זאָלסטו נישט פערזאמען — —

צוויי „יענטעס" פון געגענאיבערדיגע פענסטער זענען געזעסען אין די בלויזע העמדער מיט איבערגעוואָרפענע פארטוכער, געשמאַק זיך קאלופּעט די נעז און זיך דורגעשמועסט אויף דער העכסטער אָקטאווע,

אויף א טיעפען, „טשורנעם" ליטווישען לשון, ווי זייערע „באַיציקעם אושפּיעוואַיען אין שקוהל".

עפּעם אן אלטע איטאליענערין מיט צופּאַטעלטע קודלעם ווי א מכשפה האָט זיך ארויסגעבויגען פון איהר פענסטער ביז איבער דער העלפט, געוויזען א ווייבעל א קליין קעצעל, געמאַכט מיט די הענד, גע־לאכט און געגודערט אויף איהר לשון. דאס ווייבעל האָט א פּנים גאָר נישט פערשטאַנען, געהויבען מיט די אַקסלען, נאַריש מיטגעלאַכט און, איין גאָט ווייס פאר וואס, זי האָט געהאַלטען אין איין איבער'הזר'ען אויף גוי'איש: „דא, קראסיווי קאָטיאָנאָק! קראסיווי!" און גלייך זיך געווענדעט צו א שכנה:

— זי זאָל אזוי וויסען פון איהר קאָפּ, צי כ'ווייס וואס זי דבר'ט צו מיר?!

קינדער האָבען ארייגעקאַטשעט אין מיטען שמאָלען הויף א באַרעל מיסט, עם אונטערגעצונדען און א געדיכטער רויך, ווי טונקעלע שטיקער צוריסענע וואַטע, האָט זיך גענומען שפּארען ארויף. די ווייבער זענען געבליבען זיצען ביי די צועפּענטע פענסטער, איינגעאַטהעמט דעם שמע־קענדיגען ווייררוך ווי קיינמאָל גאָר נישט און גע'רכילות'ט אויף וואס די וועלט שטעהט. און אז דער רויך האָט זיך שוין פעסט פערקליבען א יודענע אין נאָז אריין, אז זי האָט פערריסען דעם קאָפּ און א נאָס גע־טהון, האָט די שכנה'טע פון געגענאיבער אונטערגעכאַפּט:

— איהר זעהט, מיסעם לעבען, כ'זאָג קיין ליגען נישט! אָט האָט איהר גענאָסען דערויף!

— אָ־האָ, זעה נור, זעה, ווי פאַלסטו אוים צו פערבלאָנדזשען אהער? — האָט דזשייק אויסגעשריען ווען ער האָט געטראָפען ביי זיך אין צימער סעם'ען.

— און איך האָב געמיינט אז כ'וועל זיך שוין נישט דערוואַרטען אויף דיר — האָט סעם געזאָגט און איהם אריינגעשטעקט שלום — האללאָ, דזשייק! ווי געהטס? דו ווייסט איך האָב שוין שיעור קיין קלעפּ נישט געכאַפּט פון דיין מיסעם, וואס פרעגסטו — —

— וואס הייסט? — האָט איהם דזשייק איבערגעשלאָגען מיט א קלאָפּ אין דער פּלייצע — געוואָלט מאַכען קוצעניו־מוצעניו?

— ס׳וואָלט אסור קיין עולה געווען — האָט סעם שמד׳יש געענט־פערט — און גלויב מיר אז דערפאר וואָלט זי מיך שוין גאָר נישט גע־שלאָגען!

— מיט וואס ביזטו אזוי זיכער? — האָט דזשייק לאַבענדיג גע־פרעגט.

— דו לאַכסט דאָך, הא? זאָג איך דיר פערלאָז דיך אויף סעם׳ען אין די ענינים, פערשטעהסטו מיך, בין איך א מזיק! מעגסט הערען: כ׳קלאפ עטליבע מאָל אָן אין דער טהיר און מען ענטפערט נישט, מיין איך קיינער איז נישטאָ און וויל שוין אוועקגעהן. נור ווי געהט מען דאס אוועק אָהן א לעצט־געלד? פוילט זיך מיינער נישט און טהוט א טערעבעניץ אין דער טהיר, אז זי האָט זיך אזש אונטערגעהויבען, גיט זיך די טהיר אָן עפען און דיין מיסעס איז ארוים. וואס זאל איך דיר דערצעהלען, עס האָבען מיר שוין קיין צרות נישט געפעהלט, זי האָט מיך אָנגענומען פאר א גנב, ווי געפעלט דיר דאָס?

— כא, כא, כא! — איז זיך דזשייק פערגאנגען — ער שפיעלט זיך מיט איהר? נו, נו?

— וואס נו, כ׳האָב געזעהען אז כ׳וועל שוין דאָ גלאט נישט אָב־שניידען, האָב איך זיך אויסגערעדט, כ׳וויים אליין נישט פאר וואס, ווענען יענע זיעבען גוטע זאכען און איך זעה ווי דאס ווייבעל צופינטעלט זיך— נו, ווער איז גערעכט?

כא, כא, כא! — איז זיך דזשייק פערגאנגען נאָך העכער — נו, וואס שטעהסטו? זיץ! — און איהם אונטערגערוקט א שטוהל.

סעם האָט זיך אוועקגעזעצט און דזשייק מיט פערלייגטע הענד אויף אהינטער האָט גענומען שפאנען איבער׳ן צימער.

סעם וואס איז אהערגעקומען מיט דער דעה אלץ דזשייק׳ען צו דער־צעהלען איז געזעסען ווי אויף שפילקעס און זיך געקליבען אלעס אין איי־נעם אויסצושיסען. איהם איז אָבער שווער געווען צוצוזוכען אן אָנהויב, צו מאכען אן התחלה. און יעדעס מאָל ווען ער איז שוין פערטיג געווען און געוואָלט ארוים מיט לשון, האָט ער זיך בענעגענט מיט דזשייק׳ס אויסגעדארטע, ציטערדיגע, ווי מיט קוועק־זילבער אָנגעגאָסענע פיגור, און די רייד זענען איהם געבליעבען שטעהן אין גרגרת.

דזשייק האָט זיך אָבגעשטעלט, ארויפגעלעגט זיין רעכטע האנד אויף סעמ׳ס אַקסעל און גוטמוטהיג געפּערגט:

— אָהן געלעכטער, סעם, זאָג, ס׳ארע גוטע יאָהר האָבען דיך מיט אמאָל אהערגעבראכט?

סעם האָט זיך א ווײלע גע׳ישוב׳ט און ס׳איז איהם אויפ׳ן אָרט איינגעפאלען א ליגען:

— כ׳וועל דיר זאָגען דעם אמת, מיר האָבען זיך אזוי פּעררעדט, אז כ׳האָב שוין באלד פערגעסען צו וואס איך בין געקומען. יעס, דו ווייסט, כ׳האָב דאָך פאר דיר א „דזשאַב“, פאר דיר וועט ער זיין ווי געווינשען, בלויז דריי שטונדען א טאָג צו ארבייטען — —

— זעהר שעהן פון דיין זייט, מיין ליעבער סעם — האָט דזשייק איהם איבערגעהאקט, בשעת מעשה ארייגעמאכט די הענד אין די הויזען־קעשענעס און זיי א מאָדנעם ציה ארויף געטהון, אז עס האָט זיך אויסגעדאכט די הויזען הענגען און טריקענען זיך — נור ווי דו קוקסט מיך אָן וועל איך שוין אָבלעבען מיינע פּאָר יאָהר אָהן א „דזשאַב“.

— און פון וואנען נעמט מען צו „פּופּלען“? — האָט סעם געפרעגט.

— הא, הא, — האָט דזשייק זיך צולאכט — דאס טענה׳ן דאָך אלע, „יו בלאק הער!“ ער האָט ענטדעקט אמעריקא! נור זיי קיין קינד נישט, הער מיך בעסער אוים: דו וועסט אויך מודה זיין, סעם, אז עס איז גאָר נישטאָ אזא מענש ער זאָל זיין צופריעדען מיט זיין פאך. און מען האָט, ברודערקא, גאָר נישט מורא פאר׳ן מאָרגענדיגען טאָג אויך, דען פון הונגער איז נאָך קיינער נישט געשטאָרבען! יעדער איינער רעדט וועגען זיין ארבייט מיט שוים אויפ׳ן מויל, האלט אין איין דריזגען מיט די קאָפּיטעס און פון דעסטוועגען געהט ער אין שפּאָן. ווייסטו פאר וואס? טאָ הער וואס דזשייק זאָגט: שוין טויזענדער יאָהרען ווי מען האקט דעם מענש אין קאָפּ אריין אז ער מוז ארבייטען, אז ארבייט מאכט זים דאס לעבען און נאָך אזעלכע חכמות ביז דאָס האָט זיך אזוי איינגעגעסען אין מענשען, אז ארבייטען איז פּשוט ביי איהם געוואָרען א בעדערפעניש, פּונקט ווי עסען און שלאָפען. און אז עס טרעפט זיך א מענש טרייסעלט זיך פונאנ־דער און הערט אויף צו ארבייטען קוקט מען אויף איהם ווי אויף א משוגע׳נעם, בעקאנטע בעדויערען און ווייכען אוים און אָט פאר די בע־קאנטע שעהמען מיר זיך! מענשען ווילען נישט פערשטעהן — האָט

דזשייק האָט זיך צוהיצט און געקלאפּט מיט א פויסט אין דער צועפּענטער האַנד אריין — ווילען נישט פערשטעהן אזא איינפאַכע זאַך, אַז יעדער האָט פונקט אזא רעכט נישט צו אַרבייטען, ווי יאָ צו אַרבייטען. דען שטעל דיר פאָר — דאָ האָט זיך דזשייק אויסגעגלייכט און גענומען שפּאַנען איבער'ן צימער — שטעל דיר פאָר, ווען כ'האָב זיך היינט אויפגעכאַפּט איז שוין געווען גרויסער טאָג, מיין צימער, אָט די קאַנורע אפילו, האָט זיך געטוקט אין זון. כ'בין געלעגען און זיך געפיהלט אזוי פריש, כאָטש נעם און פליה ארויס דורכ'ן פענסטער! פונקט ווי אַ קעצעל שפּיעלט זיך מיט אַ קנויל פאָדעם, האָב איך זיך געשפּיעלט מיט די זילבערנע שטויבלעך וואס זענען אויסגעוואקסען נעבען מיין בעטעל. אלם ארום האָט ביי מיר אויסגעזעהן שעהנער, יום־טוב'דיגער — — ווערסט לאַכען, נור פון תמיד אָן האָב איך פיינד אַ שפּין, אפשר דערפאר וואס מיין מוטער האָט מיר תמיד נאָך קליינערהייט געזאָגט אַז אַ שפּין איז אַ מצוה צו דער'הרג'ענען, דען זי האָט געבראַכט פייער צו פערברענען דאס בית המקדש. נור ווי די זאַך זאָל נישט זיין, האָב איך פיינד אַ שפּין און וואו כ'זאָל זי נישט טרעפען מוז איך זי דער'הרג'ענען. און היינט אין דער פריה, זעהסטו, האָב איך אַ לענגערע צייט זיך איינגעקוקט ווי אַ שפּין האָט געוועבט אַ פאָדעם, זיך אויפגעהויבען, זיך אראָבגעלאָזט, אַ פנים זיך גע'חנ'דעלט צו אַ צווייטע שפּין וואס איז געזעסען אין דער מיט פון אַ שפּין־וועב און זיך געוויעגט. און די שנאה איז פערשוואונדען. און אפילו די שפּין אליין האָט ביי מיר געהאַט מלא חן! ווייסטו פאר וואס דאס אַלעס איז געווען? ווייל כ'האָב קיין זאָרג געהאַט, געווען פריי— און פערקעהרט, ווען כ'וואָלט היינט געדאַרפט געהען אַרבייטען, וואָלט איך זיך מסתמא אויפגעכאַפּט אַ נישט־אויסגעשלאָפענער, ווי אַ רוח זיך אָנגעטהון, שטעהענדיגערהייט אריינגעכאַפּט דעם „ברעקפעסט“, מיט פערגעניגען דער'הרג'עט די שפּין און געלאָפען אין פערשטיקטען „שאַפּ“ אריין, געהאַלטען אין איין טראַכטען ווי ר'נאָך צו געפעלען דעם „פאָרמאַן“ און אזוי אַ טאָג פאר אַ טאָג, אַ טאָג פאר אַ טאָג — —

דזשייק איז אנשוויגען געוואָרען, געשפּרייזט איבער'ן צימער.

די אלע שטיקלעך געדאַנקען וואס האָבען ביי סעם'ען ערגעץ טיעף דאָרט געדרעמעלט, האָבען מיט אַמאָל ערוואַכט און ער האָט דערפיהלט אז דזשייק זאָגט אמת. איהם האָט פערדראָסען פאר וואס ער האָט

דזשייק'ען אָבגענארט און זיך צוגעבענדיג קוראזש האָט ער גענומען אַלעם דערצעהלען.

סעם האָט דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע וואס ס'האָט זיך אָבגע־שפּיעלט צווישען איהם, אַלעק'ען און פּאָלי'ן. ער האָט לאַנג גערעדט, יעדע ווײלע אָנגעהויבען פון אָנהויב, אריינגעמישט זייטיגע זאכען, זיך געהיצט, איבערגעגעבען פון מאָל צו מאָל זיינע געפיהלען מיט אַן אונ־דרוקבאר ווארט און מיט א שפּיי, פונדעסטוועגען האָט איהם ס'הארץ נישט געלאָזט דערצעהלען דעם גאַנצען אמת און נישט ווילענדיג איז אויסגעקומען אז פּאָלי האָט איהם טאַקע אין דער ערד, נור דערפאר האָט ער זי אויך אין דער ערד. פרעגט זיך וואס? איז כאָטש הרג'ע איהם וויל ער נישט אז א יודישע טאָכטער זאָל זיך ארומשלעפּען מיט א „גיני".

דזשייק האָט א פעראינטערעסירטער אַלעס אויסגעהערט און זיך פונאַנדערגעלאַכט:

— בנאמנות, א וואויל מיידעל! לאַנג לעבען זאָל זי! האַ, האַ, האַ! נו, נו, און זי? זי איז אודאי געשטאַנען און געקוואָלען ווי דו האָסט זיך געריסען צו אַלעק'ען, האַ? און גלויב מיר, ווען דו ברעכסט איהם אָן די ביינער, וואָלט איהר הנאה געטהון, דען דו שפּיעלסט זיך מיט פּאָלי'ן! דאס איז א וואזשנער פויגעל! אזא מויד, פערשעהסטו מיך, דארף מען „לינטשען" און אַלע וואס דרעהען זיך ארום איהר וויסען עס, שעפּטשען אין דער שטיל דאס זעלבע און פון דעסטוועגען פויזט מען פאר איהר אויף אַלע פיער, מען קריכט פון דער הויט איבערצושטייגען איינער דעם צוויי־טען, אבי מעהר איהר צו געפעלען. און איך בין בעסער געווען מיינסטו? נאָך היינט אפילו ווען כ'טרעף זי, פיהל איך ווי הענד און פיס ווערען ביי מיר אָבגענומען, דען אזא טבע האָט שוין דער מענש! דען וואס זאָלסט נישט זאָגען, אַן אינטערעסאַנטע מויד איז זי! זי האָט אין זיך משוגע'נע שטיק, אוסטערלישע קאפּריזען. זי איז א מכשפה און פון דעסט־וועגען איז יעדער איינער ווילינ צו קריכען פאר איהר אין פייער! און גלויב מיר, אז קיינער קען זי נישט, אַלע וואס דרעהען זיך ארום איהר טענה'ן אז פּאָלי איז א יונג. א טעות, ברודער, זעלטען צו געפינען אזא ליידענ־שאפטליכע מויד ווי זי איז! זי לאָזט דאָך נישט דורך קיין איין „בייז־באָל גיים". און דו מיינסט טאַקע אז זי איז אזוי שטאַרק פעראינטערע־סירט אין דער שפּיעל? ניקסי! איהר געפעלען די מיאוס'ע, ווי רויע

„ביעף־סטייקס“, צוויאווירענע, פּנים׳ער פון די שפּיעלער. זי האָט דאָך אַלעק׳ען פיינד, לאַכט פון איהם אז ער שמעקט ווי אַלע איטאַליענער מיט „בארבער“ און „ווערזשעטייבעלס“ און פונדעסטוועגען אז זי דער־זעהט זיינע ברייטע פּלייצעס צוקאָכט זיך אין איהר דאס הינטישע בלוט. און מיט אן אמת׳ען, האָב איך אויך נישט שטארק ליעב קיין „גיני“, זיי פּערליעבען זיך שוין עפּעס צו פיעל אין אונזערע מיידלעך און כ׳האָב גלאט פיינד א מאַן וואס לאָזט זיך מל׳ע זיין צוליעב א מויד!...

דזשייק איז אויף א ווײלע אַנשוויגען געוואָרען און ווידער אָנ־געהויבען:

— דהע העלל, כ׳האָב זיך היינט צורעדט ווי א יודענע, ס׳איז מיר שוין טרוקען אין האלז, „קאם אָן באָי“, גיעב מיר א פּאָר סענט, כ׳וועל אריינכאַפּען א „פּיטשער“ ביער.

סעם האָט איהם געגעבען און זיך אויסגעצויגען אויפ׳ן בעטעל.

— און דו צינד אָן די געז! — האָט דזשייק געזאָגט און ארויס פון צימער.

סעם האָט זיך קיין ריהר נישט געטהון, פערמאַכט די אויגען און געפּיהלט אז דזשייק איז גערעכט. מען דארף זיך ארויסשלאָגען פון קאָפּ די אַלע נארישקייטען און פערלאָזען ניו יאָרק.

דזשייק איז אריין, א בורטשע געטהון פאר וואס סעם האָט נישט אָנגעצונדען די געז און אליין אריינ אָן געטהון א שוועבעלע אָן דער וואנד.

נאָך דזשייק׳ען האָט זיך אריינגעשארט א הויכער, דארער יונג מיט אן אָנגעפּאַקט מויל פלייש. ער האָט הילכיג געקייעט, זיך געווישט די הענד אָן זיינע לייווענטענע אויבער־הויזען וואָס זיינען געווען אויסגע־שמירט מיט כל־ערליי פארבען און עס האָט אויסגעזעהן אז דער יונג קלויבט זיך אָבצוטהון א שווער שטיקעל ארבייט.

— טשאַרלי — האָט זיך דזשייק געווענדעט צום יונג — זעהסט, דאס איז מיין פריינד סעם — און אויסדרעהענדיג זיך גלייך צו סעם׳ען האָט ער געצייגט מיט׳ן פינגער אויפ׳ן יונג — און דאס איז מיין באָס טשאַרלי!

— פּליעז טו מיעט יו!

טשארלי האָט געענטפערט מיט א פייף פון זיין דארע לאַנגע נאָז,

וואָס האָט אויסגעזעהן ווי א צוגעקלעפּטע, זי אוועקגעשטעלט אין מיטען פּנים און ווי נור ער האָט זי אָבגעלאָזט איז זי גלייך א גלאַנציגע צוריק־געשפּרונגען אָן א זייט.

— נו, דזשייק — האָט טשארלי געזאָגט — ווי זעהט מען שוין א גלעזעל ביער?

אויף דער שוועל האָט זיך בעוויזען טשארלי'ס ווייבעל מיט'ן קינד אויף דער האַנד.

— קום שוין, קום, וואו ביזטו דאָ אריינגעקראָכען, וואס — האָט זי כלומרש א שלעפּ געטהון דעם מאן ביים ארבעל און אליין אויך גע־בליבען שטעהן.

— לאָז געמאַכט — האָט טשארלי געשמייכעלט — אז דער באָרדער טריעט — — הא, הא!

— איך זאָג אייך סעם, איהר זאָלט איהם נישט געבען — האָט דאָס ווייבעל קאָקעטיש געזאָגט — ס'איז א שיעור וואָס ער גיעסט אין זיך אריין! א גאַנצען טאָג ליעגט מען מיט די „פּיינטערס" אין סאלון און מען טרינקט ביער!

— נאָנסענס, — האָט דזשייק געשמייכעלט — איהר שרייט דאָך אז אייער מאַן איז צו דאַר, טאָ גיט איהם וואס מעהר ביער, וועט איהר זעהען ווי ער וועט ווערען פעט.

— הא, הא, הא, געראָכט! — האָט טשארלי געלאַכט בויגענדיג דעם קערפּער ווי א הויכער יונגער בוים ווען עס בלאָזט א ווינד, און האָט אריינ־געצויגען א גלעזעל ביער.

דאס קינד האָט זיך צוואוויינט. דאס ווייבעל האָט קונציג צושפּילעט איהר לויזע בלוזע, פערשטעלט מיט דער האַנד און געגעבען דעם קליי־נעם צו זויגען. באַלד האָט זי זיך פערגעסען, זיך פונאנדערגעלאַכט און אָבגעלאָזט די האַנד.

— נו, אז דו האָסט זיך שוין יאָ צולעגט ווי ביים טאַטע אין וויין־גאָרטען — האָט טשארלי אָנגענומען די ווייב ביי דער האַנד און גע־וויזען אויף איהר צושפּילעטע בלוזקע — טאָ קום שוין טאַקע ארוים!

אלע האָבען זיך צולאַכט.

— שאַראַפּ, יאו פרעש חזיר, יאו — האָט דאָס ווייבעל זיך פער־שעהמט און ארוים.

שטארלי איז נאָך געשטאַנען אביסעל, אליין געקוואָלען פון זיך און מיט א פעטען שמייכעל געטהון:

— ס'וועט גאַר נישט העלפען, מען וועט זי מוזען געהן איבער־בעטען!

— א וואוילער יונג, טשארלי, הא? — האָט דזשייק געזאגט און אָנ־געגאָסען צוויי גלעזער ביער.

זיי האָבען אויסגעטרונקען. דזשייק האָט גלייך ווידער אָנגעגאסען די גלעזער נור סעם האָט מעהר נישט געוואלט טרינקען. ער האָט זיך אויס־געצויגען אויפ'ן בעטיל.

דזשייק איז געוואָרען לעבעדיגער.

— יעס, וואָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגען, שטעה! אַי, אַי, ארויס פון זינען, יעס, מעגסט הערען! געהענדיג האָב איך זיך עס דערמאָהנט: איינמאָל בין איך מיט פאָלי'ן פערבלאָנדזשעט עפּיס אין א אידישען טעאטער אויף דער באוערי. וואָס האָט מען דעמאלט געשפּיעלט געדענק איך נישט, נור א בעוואוסטער אידישער עקטער קעללער האָט געשפּיעלט די ראָלע פון א אידישען קיסר. און דער קיסר איז דוקא געגאנגען אנגע־טהון ווי אַן אקראָבאט אין טריקאָ. געווים, האָט ער אויך געהאט מעדאַלען, א שווערד, ווי עס פּאסט פאר א קיסר! און דער עיקר, האָט ער געטראָ־גען א פּאָר לאַנגע זיידענע זאָקען און א פּאָר פּאָלקעס, הא, הא, הא, איינ־מאָל פּאָלקעס, ווי ביי אַן אטלעט האָבען זיך דורכגעזעהן די זאָקען. פּאָלי איז גאָר ענטציקט געוואָרען פון דעם עקטער, זיך גלייך פערליעבט. גע־וואָרען זיין „פּאטריאטקע" און איך נאר האָב געמיינט, אז דאָס שפּיעלען געפעלט איהר. טראַכט איך מיר, בין איך זיך ווייטער בדלות, אז זי פארשטעהט וועניגער וועט זי זיין א בעסער ווייב. און איך בין איינשטי־מיג מיט איהר. אין א פּאָר טעג ארום שלעפּט זי מיך ווידער איהם זעהן, מיינער געהט! דאָס מאָל האט ער גאָר געשפּיעלט א שדכן און טאקע ניט שלעכט געשפּיעלט. כ'זעה די מויד קאָן נישט איינזיצען, שלעפּט מיך אהיים, דאָס שפּיעלען געפעלט איהר נישט. פארשטעהסטט, דו „דעם פול", יאו, געווים איז א קיסר מיט פּאָלקעס און דער עיקר מיט פּאלקעס אינטע־רעסאנטער פון עפּעס א הויקערדיגען שדכן! הא, הא, הא!

דזשייק האָט דערטרונקען דאָס ביער פון „פּיטשער", זיך אווקגע־

זעצט נעבען סעם'ען אויפ'ן בעטיל און זיך צולאכט מיט א הילצערן גע־לעכטער.

— הא, הא, הא! דיך דארף זי גלייכען, סעם, ביזט א געזונד אינגעל!

סעם האָט געפיהלט ווי דזשייק נעהמט איהם ארום און א ווארימע פארע וואָס האָט געשמעקט מיט ביער, בראָנפען און טוכלע אייער האָט איהם א שלאָג געטהון אין פנים אריין. עס האָט איהם דורכגעשווידערט און ער האָט זיך אויפגעשטעלט. דזשייק וועלכער איז געבליבען ווי אין א היהנער־פלעט, איז צו זיך געקומען, און זעהענדיג אז סעם איז נישטא נעבען איהם האָט ער זיך א האסטיגען זעץ אויף געטהון:

— דו הינטישער זוהן, דו! דו מיגעלסט זיך צו ליגען מיט דזשייק'ען! מיט דזשייק שיכור! דו גאָט פערדאמטער „שיני", דו! עס שמעקט נישט, הא? דו פערפוילטער העכט! ווער האָט נאָך דיר געשיקט, ווער? ווי לאַנג איז ווי דו, פערשטאָפּטער מח, דו שיך־פוצער, ווי דו האסט פון דערווייטענס דערזעהען דזשייק'ען, ביזט אונטערגעלאָפען און זיך געדרעהט פאר מיר ווי א הונד מיט'ן עק און מיר אונטערגעטראָגען א „פייפער"? ווייל דזשייק איז געווען א גוטער „קאָסטאָמער", הא? געצאהלט פינף סענט א שטיק!

— צו אלדע וויסטע יאָהר, וואָס שרייסטו, וואָס קאָכסטו דיך — האָט איהם סעם איבערגעשלאָגען — כ'וויל נישט ליגען, „טהאטס־אָלל"!

— בייזער זיך נישט, קום אהער — איז דזשייק מיט אמאָל געוואָרען ווייכער — דו קענסט דאָך דזשייק'ן! כ'בין קראנק! ווען דו וואָלסט געוואוסט, דעמעט, ווי דא ברענט (ער האָט אָנגעצייגט אויפ'ן הארץ), ווי אלץ אין מיר שרפ'עט קארטשעט זיך פון היץ, הא, הא, הא, דו פער־שטאָפּטער מוח, דו מיינסט דאָך געווים אז אלקאָהאָל ברענט אין מיר? א טעות! דער אלקאהאל האלט נור אויף דאָס פייער, אז נישט וואָלט איך שוין לאַנג פארברענט געוואָרען — — קום אהער סעם, גיעב א' האנד, אָט אזוי! און איצט זאָג מיר מיט אן אמת, ביזטו דזשייק'ס חבר? הא? וואָס שווייגסטו? אָל־רייט, אָט אזוי האָב איך דיך ליעב!

דזשייק האָט גענומען קושען סעם'ען די הענד. סעם האָט זיי ארויס־געריסען:

— סטאָפּ, דזשייק, אז נישט געה איך שוין אוועק!

— אָל־רייט, מיין „באָי" — האָט דזשייק געוואקעלט מיט דער

צונג און אָנגעהויבען שטילער צו רעדען — אָל־רייט, הער זיך איין: כ׳פיהל אז כ׳וועל שוין לאנג נישט אָנטרייבען, מיך אַרט נישט! נור איין זאַך וועל איך דיך בעטען, הערסט, איין זאַך: ברענג זי אהער — — —

— וועמען? — האָט סעם זיך געפרעגט.

— דארפסט נישט זיין „דזשעלאָס!" וואָס פאר א קאָנקורענט בין איך דיר! דו מיינסט, כ׳וויים נישט, אז ס׳שטינקט פון מיר, אז דו האסט נישט געקענט ליגען נעבען מיר? טאָ וואס האסטו מורא? ברענג זי — — זען דו װאלסט געוויסט ווי איך האָב זי פיינד און פונדעסוועגען... כי, כי, אַר — האָט ער זיך צעוויינט — פאָלי׳ן מיין איך — —

סעם האָט דערפיהלט ווי עס שטיקט איהם אין האלדז, ווי עפּעס שפּאַרט זיך און רייסט זיך אין די אויגען. ער האָט גענומען דזשייק׳ען בערוהיגען.

דזשייק האָט זיך צוגעבויגען צום סעם׳ס אויער און גענומען שעפּ־טשען:

— דו ווייסט, זי פלעגט דאָך קומען צו מיר יעדען פארטאָג! דו גלויבסט נישט? מעגסט גלויבען, דזשייק זאגט קיין ליגען נישט! זי איז אריינגעקומען אזוי שטיל, זיך אוועקגעזעצט אויפ׳ן בעטיל יזון מיר גענומען גלעטען די האָר. און אז איך האָב זיך געקלאָגט פאר איהר, דאָס די האָר קריכען מיר אויס, האָט זי געלאכט, געזאָגט אז כ׳רעד מיר איין, אז מיינע האָר זיינען די שעהנסטע, אז איהר האנד זעהט זיך נישט ארויס — — טאַפּ אָן, ועסטו זעהן ווער עס איז גערעכט!

דזשייק האָט אָנגעכאַפּט סעם׳ס האנד און זי ארויפגעלעגט אויף זיין קליין פּליבעל. סעם האָט א שמייכעל געטהון און געפיהלט ווי עס ווערט איהם קאַלאַמוטנע אויפ׳ן הארצען.

— דו לאכסט, הא? א קלאָג צום געלעכטער! — און דזשייק האָט שטיל גענומען כליפּען.

און פּונקט ווי אן אלטער רוסישער שיכור, וועמעס פאָטער איז שוין א האלביאהר־הונדערט טוידט, ליגט עריגץ אין א רינשטאק און וויינט וואָס דער „באטקא" איז געשטאָרבען, אזוי איז דזשייק געלעגען אויפ׳ן בעטיל און געכליפּעט וואָס פּאָלי האָט איהם אוועקגעוואָרפען.

סעם׳ען איז מיט אמאָל געוואָרען ענג דאָס שטובעל. ער האָט מעהר נישט געקאנט איינזיצען און האָט זיך ארויסגע׳גנב׳עט. אויף דער גאס

האָט געקאפעט א רעגענדיל. ער האָט זיך געשלעפט איבער די לעדיגע גאַסען און געקלעהרט, אז עס א מיאוסע, נאַרישע וועלט. אָט איז דזשייק דאַכט זיך געווען א לייט אין וואָס? ווייטער האָט ער נישט געקאנט ציהען דעם געדאנק. אפגעריסענע בילדער, שטיקלעך געדאנקען האָבען זיין מח גיך מיעד געמאכט און ער האָט שוין וואס גיכער געוואָלט זיין אין דער היים, זיך אריינגעווארפען אין בעטיל און שלאָפען.

נישט ווייט פון זיין הויז האָט ער דערהערט א פערשטיקט געוויין ווי פון א קינד. דאָס געוויין איז זיך פערגאנגען אלץ העכער און העכער, און אַז ער איז צוגעקומען נעהנטער האָט ער דערזעהן ווי א „בול־דאָג“ מיט אַ פלאטשיק, קיילעכדיג פנים ווי א שיסעל, האָט געהאלטען א קאַץ פאר׳ן גערדיג און זי געווארגען. די קאַץ האָט ווילד געמיאַקעט, געדראפעט מיט די לאַפקעס, נור דער בול־דאָג האָט זי פעסט געהאלטען, זיך איינגעביסען מיט זיינע שארפע ציין דער קאַץ אין האלז און געסאָפּעט מיט זיין פלאַ־טשיגע, וואסערדיגע נאָז, ווי ער וואָלט געליטען פון א כראָנישען קאַטאַר.

סעם האָט זיך אפגעשטעלט. דער ערשטער געדאנק, וואָס איז איהם געקומען אין קאָפּ אריין איז געווען אז ער דארף זיך אזוי אפרעכנען מיט פאָלי׳ן. ער האָט א ציטער געטהון און גענומען אוועקטרייבען דעם הונד. דער בול־דאָג האָט פעסט געהאלטען די קאַץ מיט די לאפעס און געעפענט זיין יאפע אויף סעם׳ען. סעם האָט גענומען פייפען נאָך א פאליסמאַן פאַרשפעטיגטע פאָרלעך זיינען ארויס פון קאָרידארס, פארצויגען גלייך א געשפרעך וועגען די בייזקייט פון בול־דאָגס און נייגעריגע זיך צוגעקוקט צום „פייט“. די קאַץ האָט זיך שוין קוים געווערט, געכארכעלט מיט׳ן העלזיל און געפאכעט מיט׳ן לעצטען אטהעם. סעם איז געוואָרען אַן אויפ־געקאָכטער. ער האָט מיט אַמאָל אָפגעריסען אַ ברעט פון אַ גערטענדיל און גענומען כמאליען דעם הונד וואו ער האָט נור געטראפען. דער הונד האָט זיך געוואָלט א ווארף טהון אויף סעם׳ען, נור זעהענדיג נאָך מענשען האָט ער אָפגעצויגען, זיך אפגעשטעלט אין עק גאַס און מעשה הונד בעטראַכט וואָס ער האָט אפגעטהון. די קאַץ האָט נאָך געזשיפעט. סעם האָט זי אריינגעטראגען אין א קאָרידאר, זיך געלאזט כמעט ווי לויפען אהיים און געקלעהרט:

— ווען א מענשען־פרעסער שטיקט אזוי מיינס א קרוב, וואָלט איך אויך געשטאַנען און געווארט אויף אַ פאָליסמאַן?

X.

אז סעם איז אריין אין שטוב האָט ער זיך באַגעגנט מיט פּאָלי'ן. זי איז געגאַנגען אין דער מוטער'ס ברייטע „קאָמאָנע", דעם צאָפּ אויסגע־פלאָכטען ווי פאר'ן שלאָף און זיך געמאַכט אייז־וואסער. סעם איז עט־וואָס צומישט געוואָרען, געוואלט אריין צו זיך אין צימער און נישט ווילענדיג א פרעג געטהון:

— מען שלאָפט שוין?

פּאָלי האָט נישט געענטפערט, אויסגעטרונקען דאס וואסער און א מאַך טהוענדיג מיט דער האנד און מיט'ן קאָפּ צו סעם'ס צימער האָט זי איהם געצייגט ער זאָל איהר נאָכגעהן.

זי האָט אנגעצונדען די גאז, זיך געזעצט אויף סעם'ס בעטיל און צייגענדיג מיט דער האנד אויף א פּלאַץ נעבען זיך האָט זי אן ערענסטע געזאָגט:

— זעץ דיך!

ספּאָרט וועלכער איז געשלאָפען אין א ווינקעל האָט זיך אויסגע־טשוכעט, עטוואס אויסגעצויגען דעם לאנגען קערפּער און מיט א שמחה אריין סעם'ען צווישען די פיס. סעם האָט דעם הונד פון חבר'שאַפט וועגען געגעבען אַ פּאָר לייכטע קלעפּ איבער'ן האלז און איבער'ן רוקען. דער הונד איז גאָר מלא שמחה געוואָרען פון בעל־הבית'ס קלעפּ, זיך אויפ־געשטעלט אויף צוויי לאַפּעס און כלומרשט גענומען בייסען סעם'ס האנד. סעם האָט ארויסגעפיהרט דעם הונד אין פאדערהויז, זיך אוועקגעזעצט און מיט אונגעדולד געוואַרט וואס ווייטער וועט זיין

— הער זיך איין סעם, יעס — האָט פּאָלי אָנגעהויבען און שטאַלץ פעריסען דעם קאָפּ — כ'האָב אויף דיר געוואַרט!

— וואָס איז דער מעהר?

— דו פרעגסט נאָך, הא? אליין ווייסטו נישט! יעס, מיר מוזען זיך איינמאָל פאר אלע מאָל אויסשמועסען, הערסט?

— ווי דען — — געווים! — האָט סעם געשמייכעלט.

— דו לאַכסט דאָך, הא — האָט פּאָלי געגומען שטאַמלען — נור איך זאָג דיר גאַנץ ערנסט, דו זאָלסט דיר ארויסשלאָגען אלע נארישקייטען פון קאָפּ, הערסט? כ'האָב זיך גמעאַכט א שפּאַס און דו האסט זיך איינגע־רעדט א לונג־און־לעבער ביי דער נאָז! מיר זענען קיין פּאָר נישט! און דערצו האָב איך דיך נישט ליעב, טאַקע מיט אַן אמת נישט ליעב! וואָס קומט מיר דערפאר? — האָט זי פארענדיגט און זיך א שטעל אויף געטהון.

דערפאר האָסטו אלעק'ען ליעב! כ'מיין, זיינע גאָלדענע יעוועליר־לעך!

פּאָלי איז צו צום שפּיגעל, וואָס האָט געהאנגען אויף דער וואנד, זיך פארעכט די האָר, געכאַפּט א קוק אויפ'ן פּנים אויך און מיט א פּיער־טעל שמייכעל האָט זי זיך צוריק געזעצט אויפ'ן בעטיל.

— געוויס האָב איך איהם ליעב און זיינע יעוועלירלעך אודאי! — האָט זי זיך צושמייכעלט, נור וואָס האָט דאָס צו טהון מיט „סיטי־האָל“? יעס, סעם, אזוי איז עס! הער זיך איין: די בעסטע זאַך וואָלט פאר אונז געווען אום אויסצומיידען אונאנגענעהמליכקייטען, דו זאָלסט אוועק פון אונז! מענש, אז דו קענסט מיך צומאָלט נישט! זעהסט, ליעב האָבען א קבצן פארשטעה איך נאָך אָבער חתונה האָבען דארף מען נור מיט א רייכען! אפילו מיין מאַמע האָט נישט חתונה מיט איהר געליעבטען! — און זי האָט זיך צולאַכט.

ביי די לעצטע ווערטער האָט סעם שוין נישט געקאָנט איינזיצען, ער האָט פערשטאַנען, אז דאָס מיינט פּאָלי איהם, האָט ער אויסגעשניטען מיט דער פויסט א קרייז און אויסגעשריען.

— ס'איז א פערדאמטער ליגען! און הער זיך איין, פּאָלי: ביזט אזא כאָלערא ווי דיין מאַמע! און וואָס מיינסטו, וואָס? ווער „קערט“ פאר דיר? געה צום טייפעל מיט'ן איטאַליענער צוזאַמען, הערסט?

פּאָלי האָט איהם פארשטעלט מיט דער האנד דאָס מויל.

— וואָס שרייסטו אזוי? מען וועט דאָך מיינען, כ'וויים וואָס? „אַל בעט יאו“, די מאַמע קוקט אריין?

זי איז בוויגיג צו צו דער טהיר מיט די שויבען אין דער מיטען, איינגע־פרעמט איהר פּנים צווישען די הענד און דורכגעקוקט.

סעם האָט זיך שוין גענומען איינשטילען, פארגעסען אז פּאָלי איז

א שלעכטע, חשק געהאט צו פערלויפען פון הינטען און זי כאפען אויף די הענד.

זי האט ליכט געעפענט די טהיר, צוגעלעגט אן אויער, פערביסען די אונטערשטע ליפּ און ווי א דיריגענט פון אן ארקעסטער האט זי א מאך געטהון מיט דער האנד און מיט'ן קאָפּ, אז מען מעג אנהייבען שפּילען און געהייסען האט עס: מען שלאָפט ווי די מתים.

פּאָלי האט אביסעל מעהר ארויפגעדרעהט די געז, נאָכאמאָל צו צום שפּיגעל און אין גאנצען א שמייכלענדע זיך אוועקגעזעצט.

— הער, סעם, זאָג מיט אן אמת, האסטו מיך טאקע ליעב, שטארק ליעב? אזוי, זעהר, זעהר שטארק? — — — הא, הא, הא! און זי האט זיך צולאכט, ארויסגעבלעקט א קליין ראָזע צינגעל און עס גענומען ווארפען ווי א יונגעל ווען ער כאפּט אריין א הייסע קארטאָפעל אין מויל—וואָהר כ'בין א משוגע'נע?

סעם האט זי א כאפּ געטהון צו זיך אויף דעם שוים און גענומען איינוויעגען ווי א קינד.

זי האט זיך א ווײַלע געטוליעט אין סעם'ס ארעמס און מיט אמאָל איהם גענומען איבערשרעקען:

— מען געהט, מען געהט! די מאמע געהט! — און ווי א פישעל זיך א גליטש ארויסגעטהון פון זיינע הענד.

זי איז צו צו דער טהיר, זיך עטוואס איינגעהערט און קאָקעטיש גענומען שפּאנען איבער'ן צימער ווי א יונגער אפיציער פאר זיין ראָטע.

— פערמאך די טהיר! — האט זיך סעם גענומען בעטען.

— ווי הייסט? מען טאָר נישט!

סעם איז אויפגעשפּרונגען, צוגערוקט צו דער טהיר א נייע־מאשין, וואָס איז געשטאנען אין א זייט און כמעט אין גאנצען אראָפּגעדרעהט די געז.

— ניין דאָס נישט! — האט פּאָלי פּראָטעסטירט — וואָס'רע פּנים וועל איך האָבען ביי דער מאמע? — און זי האט גענומען צוריק ארויפ־דרעהען די געז.

סעם האט זיך מיט איהר גענומען אמפּערן און אין שטוב איז מיט אמאָל געוואָרען פינסטער. ער האט זי געכאפּט אויף די הענד, זיך איינ־געגעסען אין איהרע ליפּען אין די באקען און וואו נישט?

— לאָז מיך אָפּ — האָט זיך פּאָלי ביי איהם גענומען בעטען — ס'איז מיר נישט בעקוועם, אוי דער צאָפּ! רייסט מיר אָפּ דעם צאָפּ! נו, כ'וועל דיר אליין געבען א קוש, גוט?

סעם האָט זי אפּגעלאזט.

זי איז גיך ארויס פון שטוב, אריינגעבראכט א שוועבעלע, אָנגע־צונדען די געז, געעפענט דאס מויל און קלאפּענדיג זיך מיט דער האנד איבער די ליפּען האָט זי ארויסגעלאזט אזעלכע מאָדנע קינדישע קולות, אז סעם'ען האָט זיך אזש געוואלט איינשלונגען זי.

זי איז צו צו סעם'ען, איהם ארומגעכאפּט מיטביידע הענד, אויס־געשריען: נאַ! איהם געטהון א לאנגען, הייסען קוש און אפּגעשפּרונגען. זי האָט געטאַנצט פון איין פיסעל אויף'ן צווייטען, גראציעז געהויבען איהרע פּלייצעס, געקלאפּט מיט די ווייסע ציין ווי מיט שנירען פּעריל און געלאכט.

סעם האָט געפיהלט ווי דאס קדחת ווארפט איהם, ווי אלץ אין איהם ציהט זיך אָן און ער האָט זי א האסטיגען כאפּ געטהון אין זיינע ארעמס, און גענומען מיט איהר שפּאנען איבער'ן צימער. ער האָט חשק געהאט זיך א ווארף צו טהון אויפ'ן בעטיל, האָט ער דערזעהן דעם קליינעם פּליר־שענעם קאָוויאָר וואס איז געלעגען נעבען בעט אויף דער פּאָדלאגע און זיך אויסגעצויגען אויף איהם.

XI.

שבת־צו־נאַכט האָט פּאלאק, דער סאלון־קיפּער, מקדש געווען מיסעם ריטש כדת משה וישראל. ווי אויף אלע אידישע שמחות איז אויך דאָ די חופּה גלאַט נישט אפּגעגאנגען. דער נור וואָס אויסגעבאקענער שוואָגער ר׳ בינם האָט געשריען, אז מען מוז מאכען א שנוי אין דער חופּה, אז דאָס איז א בפירוש׳ער דין. רעווערענד לעווין האָט גע׳טענה׳ט, אז די שנוי איז שוין אין דער כתובא גופא — וואו מען זאָגט ארמלתא אנשטאַט בתולתא און דערצו פערשרייבט מען איהר אנשטאַט מאתים־מנה. אַ ווארט צו א וואָרט און מען האָט זיך שוין גענומען פאר׳ן יחוס. צום גליק איז מיט אַמאָל אויסגעוואקסען אַ פארטוך מיט אן אויסגעברענט לאָך. דער אל־טער משה האָט גלייך דאָס פאַרטוך אויפגעצויגען אויף די פיער דרענג־לעך, דעם חתן איז אַראָפּ א שטיין פון הארץ און דער רעווערענד האָט אין אַ מזל׳דיגע שעה אפּגעגעבען חופּה וקדושין.

באַלד נאָך דער חופּה האָט זיך פּאָלאק דערפיהלט היימישער, זיך גענומען מאַכען בעקוועמער און אראָפּגעווארפען זיין געפּאסטע טאַקסידא. דערנאָך האָט ער אויסגעטהון די ווייסע וועסט און ווער ווייס, וואו ער וואָלט זיך אפּגעשטעלט ווען דער שווער ר׳ משה וואלט איהם עפּים נישט איינגערוימט אויפ׳ן אויער. דער סאַלון־קיפּער האָט זיך הארציג צולאַכט און געבליעבען זיצען אין זיין ווייס, שטייף העמד, וואָס האָט זיך גענומען בלאָזען און יעהרען ווי א מילטער מיט טייג.

א מנין אידען עובר־בטל׳ניקעס, וואס מען טרעפט יעדען פריה־מאָרגען אין דער שוהל פון „אנשי־ליץ“, זענען געזעסען ארום טיש אין זייערע גלאנציגע, אלפּאגענע רעקלעך, עוסק געווען באכילה און זיך כלומרשט איינגעהערט וואָס רעווערענד לעווין, א נעט אידעל, אָנגעטהון לויט דער לעצטער מאָדע, מיט א זיידענעם שאַל אויפ׳ן האלז (הפּנים אַמאָל א חזן געווען) דרשנ׳ט. רעווערענד לעווין איז געזעסען ווי עס פּאַסט זיך פאר זיין שטאנד, ווי א האָלצערנער מיט עטוואס פערזשמורעטע אויגען. ער האָט ארייגערוקט, אזוי, כלאחר־יד, יעדען איינעם פון די

געסט זיין קארט, וואו ס'איז געשטאַנען שווארץ אויף ווייס, אז דר. רעווערענד לעווין פון דער שוהל „אנשי־ליץ“ איז א מוהל־מומחה און, איין גאָט ווייס פאר וואס, א פּראָפעסאָר־לינגוויסט. דער סאַלון־קיפּער האָט אפילו אליין צוגעגעבען, אז רעדען קאָן טאקע אונזער פּראָפעסאר קיין איין שפּראך, נישט אויסער דייטש (ער האָט גערעדט א דייטשען יודיש) נור דערפאר איז ער אָבער א מזיק אין „גרעמער“ און אז גרעמער איז א הארבער ענין ווייס דאָך יעדער.

מיסעס ריטש אין איהר ווייס־זיידען חופּה־קלייד, מיט א לאנגע, ברייטע שירץ פון אויבען האָט באדינט דעם עולם. איהרע שווארצע בלישטשענדע אויגען האָבען נישט געהאט יענע בעהאלטענע שרעק פון א כלה־מיידעל, וואָס קאָן קיינעמ'ס בליק נישט פערטראגען און עס מאַכט זי אזוי אונבעהאָלפען און פיעל מאָל נאַריש. פארקעהרט, איהרע אויגען האָבען שוין צו פערשיינט געקוקט און ווי זיך גערייצט מיט יעדען איינעם: לעקיש, אין אז דו וועסט קוקען פון היינט ביז מאָרגען וועט דיר עפּיס העלפען?

סעם, וועלכער האָט אויסגעפּילט דעם מנין, איז געזעסען אין א זייט מיט'ן אַלטען משה'ס אַ קאמעראד, וועמעס פרישקייט פון די באקען איז אין גאנצען אריין אין דער שפּיץ נאָז. דער איד איז געווען אן ארייג־געהער אין די רייכסטע אידישע הייזער, געוואוסט יעדענס יחוס, אַש פון דער אלטער היים, געפיהרט „פּאָטשט“ פון איין מאדאם צו דער צוויי־טער, געווען א בקי אין אלע סודות — פון דער קיך ביז דעם שלאָף־צימער, אַביסעל אונטערגע'שדכנ'ט און דער עיקר פון דעם אלעם געשטאָרבען צעהן מאָל א טאָג פון הונגער. ער האָט געהאלטען אין איין אויסרעכענען פאר סעמ'ען פּאַלאק'ס עשירות, נישט פערגונען וואָס מיסעס ריטש פאלט אריין אין אזא שמאלץ גרוב, געלויבט פּאָלי'ן אין הימעל אַריין און געאַרבייט מיט סעמ'ען ער זאָל איהם שיקען צו מיסעס ריטש.

— צווישען אונז גערעדט — האָט דער שדכן איהם געשושקעט אויפ'ן אויער און זיך געטאַפּט מיט איין פינגער די פערפלאַמטע נאָז — פּאַסט דו טאַקע נישט פאר מיסעס ריטש, נישט דיין גאָל, נור גאר נישט! ווען שדכנים וואָלטען געווען אזוי פּארטיקעל, וואָלטען אידען קיין שדוכים נישט געטהון — האָט זיך דער שדכן צולאַכט — זאָרגט נישט, סעם,

כ׳וועל נעהמען ארבייטען אין עסק, דער אַלטער משה וועט צוהעלפען און מען וועט אים ירצה השם אויספיהרען!

סעם האָט געשמייכעלט, קיין אויג נישט אראָפּגעלאזט פון פאַלי׳ן, וועלכע האָט זיך ארומגעדרעהט אַן אויסגעפּוצטע און זיך בלומרשט משמח געווען אויף דער מוטער׳ס חתונה. פאַלי האָט אפילו צוגעזאגט אוועקצופאָהרען מיט די קינדער צו איהרס א מומע אויף נאכט, האָט זי אָבער חרטה געקריגען, זיך איינגע׳עקשנ׳עט און געבליבען. דאָס הארץ האָט סעם׳ען געזאָגט, אז פאַלי איז נישט בחנם אזוי פרעהליך — אז זי האָט געוויס עפּיס אפּגעטהון א שפּיצעל און ער האָט איהר נאכגעקוקט אויף טריט און שריט.

דער אַלטער משה אין א פּרינץ־אַלבערט פון סאביעסקי׳ס צייטען, בענייעט מיט ברייטע, אָפּגעשאָסענע פון אלטקייט טאַשמעס, אין א פּאָר קאַמאַשלעך פון איין שטיק, מיט ברייטע נעז, שמאָלע העלזליך און מיט אזא מאָדנעם, אייזערנעם גלאַנץ, גלייך מען וואָלט זיי אויסגעשמירט מיט׳ן פאליש וואָס מען פּוצט אַן אייזערנעם אויווען — האָט נישט גע־קאנט איינציזען אויף איין אָרט, געלאָפען פון קיך אין שטוב אריין, זיך גע׳מחיה׳עט מעשה מחותן און דורכלופענדיג האָט ער א געשריי געטהון צום שדכן:

— נו, מרדכי, וואס מאכסטו, וואָס געהסטו נישט צום טיש?

— כ׳וויס, כ׳וואלט געמאכט א שנאפּס דאָס הייסט פריהער א שהכול

—האָט מרדכי דער שדכן אויפ׳ן אָרט געענטפערט, געשיבערט מיט די פּלייצעס, געשמייכעלט און זיך געריבען איין האנד אין דער צווייטער.

דער אַלטער משה האָט געמאכט פּלאַץ ביים טיש:

— נו, מרדכי?! און דו סעם? קאם אָן, נישט באַלאמוטשעט!

דער פּולמים מיט פיש וואָס איז געשטאַנען אין מיטען טיש האָט שפּאצירט פון איין האנד צו דער צווייטער. יעדער איז זיך געזעסען קאַלט־בלוטיג, זיך געוואָרפען אזוי, פון דער זייט, א בליק אויף א שטיק אנגע־פּילטע פיש עס געהיט און מיט אמאָל, נאַ, א פּרעמדער גאָפּעל האָט עס ארויסגעכאפּט.

דער עולם האָט געקייעט.

— נו, דאָקטער — האָט זיך מיסעס ריטש געווענדעט צום רעווערענד

— ווי שמעקען אייך מיינע פיש?

— פיין, אויסגעצייכענט, מיסעם ריטש! אַ, אַי בעג יאָר פּארדאָן!"
ס'גיעבט מעהר קיין מיסעם ריטש — האָט דער רעווערענד זים געשמיי־
כעלט — יא, מיסעם פּאָלאַק, די פּיש זיינען פּארטרעפליך, ווי זאגט מען
אין אידעש־ זיי האבען טויזענד־טעם!

— הערסט, דזשאָ, וואָס דער דאָקטאָר זאָגט — איז מיסעם ריטש
צו צום מאַן און זיך א שטעל אוועק געטהון ווי א פּעסטונג — נו, ווי
שמעקען זיי דיר?

— פיין, פיין — האָט דזשא געענטפערט, געגלעט דער ווייב פאר
דער נאַקעטער האנד, געזשמורעט מיט די פערלאָפענע פון פעטקייט אוי־
גען און שיעור נישט אויסגעגאנגען פון מתיקות.

דער אַלטער משה וואס איז געזעסען ווי אויף שפּילקעס, געמאַכט
א שנאַפּס נאָך א שנאַפּס און געזוכט א געלעגענהייט זיך צו לאָזען הערען
אין אריין דעם רעווערענד אין דער מיטען.

— וואָס האָב איך דאָ פיעל צו טענה'ן, צו א שטיקעל היימישען
סענדאַק קומט עם נישט! וואָס ווייסט איהר, וואָס? ביי אונז אז ס'פלעגט
אָנקומען א פרייטאג סענדאַק, האָט מען געוויסט, אז ס'וועט זיין א גע־
פּאַקטע השכמה; אז דא איז אלס קאַפּויר! סענדאַק איז קיין סענדאַק,
אידען קיין אידען און אפילו רבנים קיין רבנים נישט!

— אלס די זעלבע מעשה — האָט מיסעם ריטש כלומרשט געשמיי־
כעלט און זיך גערוקט מיט איהרע נאַקעטע עלענבויגענס אלס נעהענטער
צום מאַן — ווי איהר קוקט אָן מיין טאַטע לעבט ער נישט בשלום מיט
„אַנקעל סעם".

די עבר־בטל'ניקעס מיט די איינגעהויקערטע פּלייצעס, מיט די אויס־
געשטרעקטע קעפּ האָבען געהאלטען אין איין שמייכלען און דאכט זיך
געווען איינשטימיג מיט אַלע.

— מיין שווער האָט דערלעגט די באָבעס־ירושה צו אמעריקא —
האָט זיך בינם אנגערופען — פרעגט איהם נור וויפיעל קופערנע קרייצער
ער האָט אהערגעבראכט?

דער עולם האָט געלאַכט.

מיסעם ריטש מיט דער שוועסטער האָבען אריינגעבראכט דאָס
פלייש.

— וואָס איך האָב אהערגעבראכט איז קיינעמס „ביזנעס" נישט —

האָט דער אַלטער שטאָלץ געענטפּערט — ס'איז געווען צייטען ווען מענ־שען האָבען זיך געוואונשען צו האָבען מיין קליין־געלד, נור נישט דאָס בין איך אויסען! יעס, איהר אַלע שפּרינגט דאָך קדוש פאר אמעריקא און איך זאָג אייך, אז ס'איז א פערשאָלטענע מדינה! נעהמט, למשל, אין דער היים א נגיד, לעבט ער דאָך ווי א קיסר! א האלבע שטאדט דרעהט זיך ארום איהם, ציהט פון איהם חיונה, מיט איין ווארט, ער לאָזט פון זיך הערען! און דאָ? דאָס ווייס איך דאָך פון קיין טאָג און פון קיין נאכט נישט! יאָגט אפּ די פאָר יאָהר און ווער ווייס איהם, ווער קען איהם? אמת, ער וואָהנט טאַקע אין „רומס“ מיט סטיעם־היעט, נור ווער האָט דאָס נישט קיין „סטיעם־היט“ אין אמעריקא? הא, הא, אפילו דער מיסטער „דזשעניטאָר“ — — אז דאָ זיינען אלע „מיסטערס“! אמעריקא־נער גליקען!

— אָבער האַלט, האַלט — האט דער רעווערענד אנגעכאפּט דעם אַלטען משה פאר'ן ארבעל, דערטרונקען א גלאָז ביער און אזוי חוצפּה'דיג געשמייכעלט ווי ער וואָלט געזאגט: קוקט מענשען און שווייגט, כ'מאַך גלייך פון אַלטען כעפּרא דארעא. — ר' משה, פון וואן נעהמט איהר דאס, אז אידען זענען היער קיין אידען נישט?

— נו, נו, — האָט משה פערקאטשעט זיין שטייפען קאפּעליוש — גיט מיר טאקע א איד ער זאָל נישט מחלל שבת זיין? און אז איהר ועט שוין יא געפינען אזא איד, זאָלט איהר ויסען, אז זיינע קינדער זיינען מחלל־שבת! אז ווען דער טאטע זינגט זמירות זיצען די קינדער אין די „שעפּער“ און „טערכענען“ מיט דער נאָדעל! כ'דארף אייך דערצעהלען מעשיות, מיסטער לעווין, איהר ווייסט דאָך בעסער פון מיר! אז די לופט איז דאָ טריף!

— אבער, ר' משה — האָט דער רעווערענד אָנגעהויבען.

— כ'פארזיכער אייך, מיסטער לעווין — האָט דער אַלטער זיך גע־היצט און איהם איבערגעהאקט די רייד — כ'פארזיכער אייך, אז נאָך אין א פּאָר יאָהר ארום וועט איהר אין אמעריקא קיין שוהלען אויך נישט האָבען! וואָס ברויכט איהר מעהר, איהר זעהט עפּיס א סך פון די אמערי־קאנער יונגוואַרג אין שוהל? און ווען נישט מיר, (ער האָט אנגעוויזען אויף די עבר־בטלני'קעס) די אַלטע טאבעק־שניפּערס, וואָלט מען שוין היינט געדארפט זוכען מיט ליכט א איד אין שוהל! אמת, פאר אונז איז

די שוהל ווי געווינשען! אז דאָ איז אלס קאפויר, כ'וויס, אין דער היים איז יעדער נוהג כבוד אן עלטער'ן מענש, ווי שטעהט דאָרט: „הדרת פני זקן"! און דאָ? דא האָט מען פיינד אַלטע, אז מען פערשפּאָרט גאָר דאָ אַלט צו ווערען! געהסט דורך גאסען און גאסען און זעהסט נישט קיין אַלטען! און אין שטוב קאָן מען אויך נישט זיין — צופיעל די קינדער אין די אויגען, שרייען אז דו כראָקעסט, געהט מען אין שוהל אריין. דאָרט, פאַרשטעהט איהר מיך, טרעפט מען א היימישען מענש, ס'איז דאָ מיט וועמען אויסצורעדען אַ וואָרט, זיך דורכצושמועסען און גלאַט אזוי ווי א כראָקע צו טהון — האָט זיך דער אַלטער צולאַכט. נו, פרעגט זיך, ווי לאַנג? מיר וועלען דאָך אייביג נישט לעבען! איז נאָך א יאָהר צעהן, פופצעהן! און וואָס וועט זיין דעמאָלט? ס'וועלען צוקומען פרישע, זאָגט איהר? פע, געהט שוין געהט, דער איצטיגער דור אין גאַליציע און אין פוילען, פון רוסלאנד איז דאָך אבגערעדט, די פרייגעזאָנענע סאָשעליסטען, זענען טויזענד מאָל ערגער פון די היגע געבוירענע, דער היגער איז גלאַט א „כאָם"! גיעב איהם א „באָל", מיט „מואווינג־פיקטשורס" — און פאַרטיג! אָבער אונזערע, דאָס זענען פושעי־ישראלים, דאָס רעדט אפילו אויף „נגתקה" אויך! — —

— גערעכט, גערעכט, דער שווער איז גערעכט — האָט בינם ערנסט געזאָגט, צוגעשאָקעלט מיט זיין ציגען בערדיל, זיך לייכט גענומען קלאפּען מיט זיין שטייפען קאפעליוש איבער'ן קאָפּ פון הינטער ועלכען אַ סאַ־מעטענער קאפּעל איז ארויסגעפאַלען.

ער האָט אנגעטהון דעם קאפּעל און אָפּגעהוסט.

— זאָגט מיר טאקע, ס'מוז דאָך האָבען עפּיס א שורש, וואָס אידישע קינדער זענען דאָ אזוי איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען, מיט אזא מסירת־נפש צו דער „באָל"? פון גוים איז דאָך אפגערעדט, עם דומה לחמור, אין דער היים איז ער אויך נישט בעסער געווען, אָבער, סטייטש, אידען?

סעם, וואָס איז געזעסען און געשוויגען, האָט מיט אמאָל א שאָס אויסגעטהון:

— געוויס דארף מען שפּיעלען אין „באָל", ס'איז א גוטער „עקסער־סאַיז", מען קריגט „מאָסעלס"! ווי דען, אזוי ווי ביי אייך אין יוראָפּ? אַלע האָבען איינגעפאַלענע ברוסטען מיט מיידלישע הענד?

— אזוי, אזוי, לאָז זיך נישט, סעם! — האָט דער רעווערענד אונ־טערגעגעבען סעם'ען היץ.

— מורנו ר' סעם האָט א פאַרטיגען תירוץ! — האָט בינם אויסגע־שאָסען מיט א ציעגען געלעכטער — ער ווייסט נישט הפנים פון „בחקותיהם לא תלכו“, האַ, האַ, האַ!

— גלויב מיר, בינם — האָט דער אַלטער משה געשמייכעלט — מען קאָן דיין קשיא אויך פארענטפערען! מסתמא ווייסען זיי, די אמעריקאַ־נער קינדער וואס זיי טהון! אויב זיי זענען נישט קיין נביאים, זענען זיי דאָך בני נביאים! האַ, האַ, האַ, האָסט אפגעזאָרגט! און די כלי־קודש, אונזערע רבנים, מיין איך, זענען בעסער? כ'ווייס, מיט א יאָהר דרייסיג צוריק אז די ערשטע קהלה פון גאליציאנער אידען האָבען אויסגעבויעט די שוהל אויף פיט סטריט, האָבען מיר גענומען טראכטען וועגען א רב. מיר האָבען בעשלאָסען אראָבצוברענגען ר' אברהם'ל, דעם לעמבערגער מגיד, א איד א למדן, געהאט א בערוף און דערצו א חכם, ווי זעהט מען דאָס גאָר היינט? ר' אברהם'ל האָט מסתמא געקריגען אין לעבמערג, כ'ווייס, אכט צעהן גולדען אַ וואָך שכירות. האָבען מיר איהם געשיקט א בריעף, אָנגעבאָטען פופצעהן הונדערט טאָלער א יאָהר שכירות און פאַרזיכערט, אז ער וועט מאַכען נאָך פופצעהן הונדערט דערנעבען. דאַכט זיך גוט, האַ? דריי טויזענד טאלער א יאָהר דעמאלט, פשש, איז געווען אַ שלל מיט גאלד! איהר ווייסט דאָך, ס'טהוט זיך נישט אזוי גיך ווי עס רעדט זיך, ס'האָט גענומען צייט, בקיצור, וואָס מיינט איהר? ר' אברהם'ל האָט אונז שעהן בעדאנקט, געשריבען אז ער האָט נישט וועמען איבער־צולאָזען זיינע ארימע לייט און ער קען נישט קומען. נו, פאַרשטעהט איהר דאָס? וואָלט דאס אן אמעריקאנער רב געטהון?

בשעת דער אלטער משה האָט גערעדט האָט קיינער נישט באמערקט ווי חוה איז אריין. זי איז געבליבען שטעהן נעבען דער טהיר מיט פער־בראָכענע הענד און אזוי ווי א אידענע, ביי וועלכער עס איז דא א גוסס אין שטוב און זי קומט איינרייסען אין שוהל אריין, אזוי האָט חוה זיך אַ וואָרף געטהון צו מיסעס ריטש, זי ארומגעכאפט און גענומען וויינען:

— וואָס האָט איהר פון מיר געוואָלט? וואָס האָט איהר מיך גע־קוילעט אָהן א מעסער? גיט מיר אָפּ מיין מאן?

אלע זענען אופיגעשפרונגען פון די פלעצער, נישט געוואוסט וואָס דא

איז געוואָרען, זיך ארומגעקוקט, ביסלעכווייז גענומען פארשטהען און שעהמענדיג זיך פאר זיך אליין האָט יעדער איינער געטראכט וואָס גיכער ארויס פון דאנען.

דערווייל האָט חוה אָנגעכאפּט פּאָלאָק'ען אונטער דעם ארעם און געשריען:

— קום אהיים! דו מוזט שוין געהן! כ'לאָז דיך מעהר נישט אָפּ! אידען! געוואלד! — האָט זי זיך געווענדעט מיט א הייזעריגען קוויטש צו אלע אין שטוב נאָך הילף — אידען, ווי לאָזט איהר דאָס צו? ס'איז דאָך אויס וועלט! ווי איז דאָס געהערט געוואָרען?

סעם האָט פערשטאַנען אז דאָס איז פּאָלי'ס ארבייט. זי איז טאקע געשטאַנען מיט אן איינגעהאלטענעם געלעכטער און הנאה געהאט פון דער גאנצער חתונה. סעם האָט מיט אמאָל א ציטער געטהון — ער האָט דער־זעהן אין צווייטען צימער א פּאָר שווארצע, שארפע אויגען. זאָל דאָס זיין אלעק? אין צווייטען צימער איז קיינער נישט געוועזן.

פון הויף האָט זיך געהערט ווי ספּאָרט רייסט זיך, בילט אויף עמיצען. סעם . איז צו צום פענסטער.

ספּארט איז געשפּרונגען מיט א בילעריי, נישט צוגעלאזט צו זיך א קליין־געוויקסיגען, ברייטביינינגען בולדאָג. מיט א פער'עקשן'ט פלאטשיג פנים, וועלכער האָט דוקא געוואָלט אריין ספּאָרטען צווישען די פיס.

— אלעק'ס הונד — האָט סעם צו זיך געזאגט און גאליג געשמיי־כעלט — דער „גיני" האט חוה'ן אויך אהערגעבראכט.

די הינד האָבען זיך געיאָגט מיט אָפענע פּיסקעס, אויסגעעשניטען א קרייז וואס איז געוואָרען אלס גרעסער און גרעסער און ווי צוויי „פּיי־טערס" האָבען זיי געהיט איינער דעם צווייטענס באַוועגונגען. מיט אמאָל איז ספּאָרט פערלאָפען פון א זייט און אומגעווארפען דעם בולדאָג מיט די קרומע לאפּעס. די הינד זענען אריין איינער דעם צווייטען מיט אויס־געשטשירעטע ציין, זיך געראנגעלט. באלד איז ספּאָרט אפּגעשפּרונגען א הינקענדיגער און נאָך מיט מעהר רגזה האָבען זיי זיך איינגעגעסען איינער אין דעם צווייטען.

אלעק איז ארויס פון קאָרידאר און גענומען שלאָגען ספּאָרט'ען מיט א בעזים־שטעקען. מעהר האָט סעם נישט געדארפט. מיט פארקוועטשטע פויסטען איז ער ארויס פון שטוב און זיך געווארפען אויפ'ן איטאליענער.

באַלד זענען זיי ביידע געלעגען אויף דער ערד, שטיל געסאָפּעט, זיך איינגעגעסען איינער דעם צווייטען מיט די פיס, מיט די הענד, מיט די גאָמבעס, זיך געביסען — — זיי זיינען אויפגעשפּרונגען בלאַסע, צובאַלטע און זיך ווידער געוואָרפען איינער אויפ'ן צווייטען. זיי זענען געשפּרונגען עטליכע מינוט ווי צוויי צעווילדעטע קאַפ־העהנער, אויסגעמיטען איינער דעם צווייטען, זיך פערמאָסטען, נישט געטראָפען און מיט אמאָל האָט אלעק אויסמיידענדיג סעם'ס א קלאַפּ זיך צוגעזעצט און די פויסט איז איהם אריין גלייך אין אויג. אלעק איז געפאַלען אויף דער וואַנד, באַלד צו זיך געקומען, זיך געוואָרפען אויף סעם'ען און אין דער זעלבער צייט זיך פערמאָסטען מיט'ן פוס סעם'ען אין בויך אריין. סעם האָט בעצייטענס געכאַפּט אלעק'ס פוס און דער איטאליענער איז א פאַל געטהון ווי אן אונטערגעזעגטער בוים.

אלעק האָט זיך קוים אויפגעשטעלט. דאָס רעכטע אויג איז אין גאַנצען פערלאָפען געוועזען פון קלאַפּ און א טונקעל בלויע שטיק פלייש, גרויס ווי אן איי, איז ארויס אונטער'ן אויג.

די הינד האָבען זיך געיאָגט ווי פריהער. ספּאָרט א צובלוטיגטער איז געשפּרונגען אויף דריי פיס און ביי יעדער געלעגענהייט א ריס געטהון מיט די אויסגעשטשירעטע ציין דעם בולדאָג איבער'ן קאָרק.

אלעק האָט זיך ווידער געוואָרפען אויף סעם'ען.

סעם האָט אהן רחמנות גענומען העמערען מיט די פויסטען, געשלאָגען אלעק'ען, וואו ער האָט נור געטראָפען, געטרייבערט זיין ,פּנים, און מיט אמאָל האָט ער איהם א פּלאָם געטהון מיט דער פויסט אונטער דער גאָמבע.

אלעק האָט זיך אפּגעגאָסען מיט בלוט.

גלייך ווי סעם האָט דערזעהן דאָס בלוט האָט ער זיך א רוק אָפּ געטהון, אנגעהויבען ציטערען און געפיהלט ווי די הענד הייבען זיך שוין נישט מעהר ווי פריהער.

סעם האָט דערפיהלט ווי ער וואָלט זיך א שניט געטהון מיט א שאַרף מעסער און עס איז איהם וואַרעם געוואָרען. ער פּלאַטט? דער הויף ווערט פול מיט מענשען, מען לויפט, מען שרייט, ער פיהלט ספּאָרט'ס צונג אויף זיין פּנים, דאָס לייב בריהט, און עפּיס א מורא'דיגער באַרג פאַלט אויף איהם, צוקוועטשט איהם אין גאַנצען.

אלעק האָט איהם געשטאָכען.

צוויי יאָהר שפּעטער. סעם אַרבייט ביי מיסעס ריטש ווי פריהער. פּאָלאק דער סאלון־קיפּער, האָט זיך שוין לאנג צוגאָסען, ליגט א פּאראלי־זירטער אין א זייטיג צימעריל און ווען נישט חוה, וועלכע געהט אום ארום איהם, וואלט נישט געווען ווער עס זאל איהם דערלאנגען א גלאָז־וואסער. דער אַלטער משה און דזשייק זענען שוין אויפ'ן עולם־האמת. פּאָלי איז אנטלאפען מיט אלעק'ען, אליין געקומען צוריק און זינגט איצט אין א „מואווינג־פּיקטשור". מיסעס ריטש ווערט דיקער פון טאָג צו טאָג, קריגט זיך מיט סעם'ען, בעט איהם גלייך איבער און קלויבט זיך גלייך נאָכ'ן מאנ'ס טוידט חתונה האָבען מיט איהם.

אנגליציזמען.

אָל־רייט — גוט.
אינטש — אַ צאָל (מאס).
ביזנעס — געשעפט.
בלאָק — קווארטעל..
באַי — יונגעל
בייז־באָל — די שפּיעל אין פּילקעס.
באָל — אַ פּילקע.
בוב — אַ שוטה.
ביזי — פערנומען.
בייבי — אַ קינד
ברעקפעסט — פרישטיק.
באַרבער — פריזירער.
ביעף־סטייק — אַ רינד־ביפשטיק.
גענג — אַ באַנדע.
גיני — אַ שימפּפוואָרט פאר אן אי־טאַליענער.
געט־אַפּ — אויהייבען.
גוד־טיים — גוט פערבראכט.
גוד־באַי — צום ווידערזעהן.
גאָ־העט — געהן פאָרווערטס.
גרענד־פאַ — זיידע.
גראָסערי — אַ בשמים־האַנדעל.
גיים — אַ שפּיעל.
דעטעקטיוו — אַ שפּיאָן.
דזשעלאָס — אייפערזיכטיג.
דזשי — יעזוס.
דזשאַב — א שטעל, אַ פּלאַץ צו אר־בייטען.
דיים — ווערפיל.

דזשיגען — פרעהליך טאַנצען.
דזשעניטאָר — אַ סטאָראָזש.
האָררי־אַפּ — גיך.
הענדס־אַפּ — הענד ארויף.
„וואָירלד" — די וועלט (אַ צייטונג וואָס ערשיינט אין ניו יארק).
ווייזשעס — שכירות.
וואַט־טהע־העל — וואַס, צום טייפעל.
וועסט — מערב זייט.
וועדזשעטייבעלס — גרינס.
טהאַט'ס ע' גוד וואַן — אי, גוט!
טיעם — אַ פּאַרטיע, אַ רייהע.
טרי טשירס — בעגריסען, דריי מאָל מפטיר.
טהע־העלל — דער גיהנם.
יעס־סיר — יא, הערר.
יאו דעמעט — דער פערדאַמטער.
יאו בעט — דו וועטסט.
יאו בלאַק העד — פערשטאָפּטער קאָפּ.
לאָט — אַ לעדיגער פּלאַץ.
לאָבסטער — א ראַק.
לאָיער — אַדוואָקאַט.
קלאָב — אַ פּאָליסמאַן'ס שטעקען.
לאָנדרי־מען — דער וואַש־מאַן.
לאָוו — ליעבע.
לינטשען — די בעשטראָפונג פון טויט אָהן אַ געריכט.
מאָנקי־ביזנעס — הינטישע שטיק.
מיסעס — מאַדאַם.

מאָרטגיידזש — אַ ביפיטיק.
מאָסקידע — אַ מוק.
מאָסעלס — מוסקולען.
ניוס־דילערס — ציַיטונגס־הענדלער.
סטיישאָנערי־סטאָר — אַ געוועלב פון
שרייב־געציַיג און צוקערוואַרג.
סוועטער — אַ שוויצער.
סטענד — אַ שטעל.
סטאָר — אַ געשעפט.
סאַלון־קיפער — אַ שענקער.
סאָנגס — געזאַנגען.
ספרינג־טשיקען — אַ קורטשאַק.
סטריקטלי — פינקטליך.
סוט — אַן אַנצוג.
סטעפ אין — קום אריַין.
סאַפער — וועטשערע.
עלעוויַיטער — אַ הויך־צוג.
פיַיטער שלעגער.
פיקער — זשוליק.
פאָרמאַן — אויפזעהער.
פושקאַרט — אַ וועגעלע.
פיקעלס — אוגערקעס.
פאָנק — א רויכערענדיג שטעקעלע
וואָס פערטרייבט מיקען.
פיטשער — אַ קעסעלע.

פליעז — ביטע.
פיינטערס — קאַלעבערס.
פרעש — פרעד.
פייפער — ציַיטונג, פאַפיער.
פאָן — קאַטאָוועס.
קאַיקס — שלים׳מזל׳ניק.
קערידזש — אַ קינדער־וועגעלע.
קרים — סמעטענע.
קאַר — אַ טראַמוואַי.
קאָרנער — עק, ווינקעל.
קאַמפיין — פאָליטישער וואהל־קאַמפף
קאַנטרי — אַ לאַנד, אַ מדינה.
קוני־איילענד — אַן אינזעל ניט וויַיט
פון ניו יארק.
קאַסטיומערס — קונים.
קאַמונע — גאַברעלע.
ראוט — אַ וועג.
רייז — אַן הוספה.
רעג־טיים — אַ ביליגער געזאַנג.
שאַראַפ יו — האַלט ס׳מויל.
שאַפ — פאַבריק.
שוני — אַ שימפפוואָרט פאר אַ איד.
סטים — פאַרע, דאַמפף.
היעט — בעהייצער.
רומס — צימערען.

ש. פאקס.

איינמאל אין א פריה מארגען.

אָנגעפאנגען האָט זיך דער טאָג געוועהנליך, ווי אלע טעג פון א גאנץ יאָהר.

דער וועקזייגער וואס שטעהט ביי מיר צו קאָפּענס האָט זיך שטארק צוקלונגען און איך האָב איבערגעוואלד אויפגעריסען די אויגען. איך האָב א קוק געטהון: פּונקט זעקס א זייגער. נור באלד האָב איך זיך דערמאָנט, אז נעכטען האָב איך דעם זייגער גערוקט אויף גאנצע פופצעהן מינוט. זיך אליין געוואָלט נארען: טאָמער וועל איך' זיך פערשפּעטיגען... איך האָב לייכטער אָבגעאָטהעמט, זיך צוריקגעלעגט אויפ'ן קישען און פויל געקוקט אויף דעם האַמערעל פון זייגער, וואס האָט זיך געוואָרפען, ווי די גיפטיגע צינגעל פון קלאַפּער שלאנג און געשריען און געליארעמט מיט אזא געוואלד און צודרינגליכקייט, ווי א פייער וואָלט ביי איהם אויסגעבראָכען. באלד איז דאָס העמעריל געבליבען שטעהן א פּערמאטערטער, דער לעצטער „דינג" איז אָבגעשטאָרבען אין דער לופט און דער בעל-בתישער טיק-טאַק האָט צוריק פערנומען זיין פּלאַץ. די אָנגעצויגענע שטילקייט האָט מיך נאָך מעהר גערעגט: מען קען זיך דאָך ווירקליך פערשפּעטיגען.

איך האָב זיך שנעל אָנגעטהון, אָבגעכאַפּט שנעל דעם פריהשטיק און מיט'ן לעצטען ביסען אין מויל בין איך שוין געווען אויף די שטיגען. אז איך בין אראָפּ אין גאַס זיינען שוין פיעלע מענשען פון אלע זייטען געלאָפען צו דער ארבייט. איך האָב זיך אויך געלאָזט לויפען מיט זיי צוזאַמען, נור דאָ האָב איך מיט אמאָל דערפיהלט עפּעס מאָדנע—איך ווייס אליין ניט ווי דאס אָנצורופען.

ס'איז געווען א ליכטיגער פריה-מאָרגען. די ערד איז נאָך געווען פייכט פון טהוי און די לופט איז געווען קיהל און פריש. יעדער אטהעם האָט זיך צוגאָסען איבער'ן לייב, ווי א פרישער קאַלטער טרונק אין א הייסען זומער טאָג. איה האָב נאָכאַנאַנד גענומען טיעף איינאָטמען די פרישע לופט. איך בין איינפאך פער'שכור'ט געוואָרען. איך האָב געפיהלט ווי די ברוסט ווערט גרעסער און דאָס בלוט אין די אָדערן נעהמט שטארקער צירקולירען. און דער הימעל איז געווען אזוי קלאָר, אָהן א ברעקעל וואָלקען און האָט געריצט מיט זיין בלויקייט און ווייטקייט:

כאָטש נעהם און פליה. — „דער שאַפ" — האָט מיר א שלאָג געטהון איבער'ן מוח און כ'האָב דערפיהלט דעם טוכלען ריח פון מענשליכען שוויים און פערלעגנעם שטויב. איך האָב זיך אָבגעשטעלט.

— ניין, היינט געה איך ניט! — איז ביי מיר פעסט געבליבען — זאָל זיין וואס עס איז, איך וועל היינט נישט געהן!

שוין פינף יאָהר ווי איך נעה ארבעל. טאָג איין טאָג אויס, איך און די מאַשין האַלטען אין איין מאַכען ארבעל און ארבעל.

איך דערמאָן זיך:

איינמאָל אין א רעגענדיגען טאָג אין דער ריכטיגער ביזי צייט. אין שאַפּ איז געווען טונקעל און די ארבייטער זיינען געווען כמורנע שווייגענדיג, ווי עס טרעפט אָפט אין אַזעלכע טעג. נאכמיטאג, אין ריכ־טיגען ברען, ווען אַלע זיינען געווען פערטהון אין דער ארבייט, ווען די פערשטיקטע, הייסע לופט פון שאַפּ האָט געזשומט פון דעם שטאַרקען רויש פון די מאַשינען און די פּאַדלאָגע אונטער די פיס האָט זיך גע־טרייסעלט, ווי פון א עלעקטרישען שטראָם, האָב איך זיך צופעליג אויס־געגלייכט און ארומגעקוקט און ס'איז מיר מיט אמאָל געוואָרען עפּעס אזוי מאָדנע. ס'האָט זיך מיר געדאכט, אז איך זעה דאס אַלץ צום ערשטען מאָל, און עס איז מיר אויסגעקומען עפּעס אזוי משונה'דיג, וואס די אַלע מענשען זיצען אזוי איינגעהויקערט איבער די מאַשינען ניט ארויסריידענדיג קיין וואָרט. מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אז דאס זיינען אַזעלכע פער'בשופ'טע מענשלעך, וואס זיינען מיט דעם אונטערשטען טהייל קערפּער אונטערן טיש צוזאַמען געוואַקסען מיט די מאַשינען, און די נאָדעל, וואס טאַנצט אראָפּ און ארויף איז זייער צאַפּעלדיגע נשמה.

איך בין אוועק אָן א זייט, זיך אָבגעשטעלט און איינגעקוקט אויף דעם שטראָם מענשען וואס ציהט זיך פערביי. יעדערער מיט א לאָנטש־פּעקעל אונטערן אָרעם און מיר האָט זיך געדאכט אז דאס זיינען ניט מעהר ווי מאַשינען מיט הענד און פיס. א געוואַלדיגער פערלאַנג האָט זיך אין מיר ערוועקט: צו לעבען כאָטש איין טאָג אַן אנדער לעבען, אַן אמת'ן מענשליכען לעבען, אָהן א פּאראויס בעשטימטע פּראָגראַמע. אָבער ווי אזוי פאַנגט מען דאָס אָן מיט א מאָל אַן אנדער לעבען?... אוועקגעגאַנגען אין פּארק — איז מיר איינגעפאַלען, נור איך האָב עס גלייך פערוואָרפען: נישט דאָס מיין איך. אם ענדע איז מיר איינגעפאַלען א געדאַנק, נאָכצוגעהן

א מענשען וואָס געהט פערביי, לעבען אזוי ווי ער, און ווערען אויף איין טאָג אן אנדערער — אוים „איך“.

איך האָב זיך אָנגעהויבען צו בינדען צו פערשיעדענע מענשען, בין זיי נאָכגעגאנגען ווי א שאָטען. אם אָנפאנג האָט מיך די געשיכטע זעהר אַמוזירט. אָט לויפט א מאן פון א יאָהר פערציג, א פערסאָפּעטער, מאכט שנעל מיט די הענד קוקט זיך אָפּילו ניט אום, און איך לויף איהם נאָך מיט'ן זעלבען אימפּעט, און נעהם אָן ערנסטע מינע פון א צוטראָגע־נעם מענשען, וועלכער לויפט צוליעב א וויכטיגען ענין. — נור, אָט איז דער מאן אריינגעלאָפּען אין א גרויסען מויער און פערשוואונדען געוואָרען אין דעם פינסטערען האל. באלד קומען נאָך און נאָך מענשען און דער מויער פערשלינגט זיי אלע מיט זיין פינסטערען אָפענעם מויל. איך בין געבליבען שטעהן א צוטומעלטער. „א מאשין“ האָב איך אויסגעשפּיגען און זיך געלאָזט געהן ווייטער.

אָט קומט א מיידעל פון א יאָהר זעכצעהן, מיט א בליהענדען פּנימ'על. זי געהט מיט א טאנצענדיגען גאנג און אלייכטער שמייכעל ציטערט אין די ווינקלען פון איהר קליינעם רונדען מויל. איך לאָז זיך גלייך נאָך איהר נור זי ווערט באלד פערשוואונדען אין א דעפּארטמענט סטאָר און איך בלייב ווייטער מיט א נאָז

איך שלעפּ זיך ווייטער אָהן א ציעל. דער זייגער אויף דעם מעטראָ־פּאליטאן טהורם צייגט שוין צוואָנציג מינוטען צו ניין. איך שטעל זיך אָב ביי דעם ארויסגאנג פון סאָבוויי. פיעלע מענשען געהען ארויס. אייניגע געהען שנעל, אייניגע לאנגזאם, נור אלע זיינען זיי שטיל, ערנסט, מיידען אוים העפליך איינער דעם צווייטען און קוקען זיך אפילו ניט אָן. און איך שטעה אין א זייט און בעטראכט זיי אלעמען מיט א שמייכעל. אם ענדע קלייב איך זיך אוים א מיטעל־יאהריגען מאן, מיט א היפּשען בייכעל און א רויטען גלאנציגען פּנים. ער קוקט זיך ארום א ווייל און לאָזט זיך געהען אין א דערבייאיגען רעסטאָראנט. איך געה איהם נאָך און זעץ זיך אוועק ביי א טישעל ניט ווייט פון איהם. א יונגע ווייטערקע קומט צו, בעגריסט איהם מיט א גוט־מאָרגען און אזיסען שמייכעלע. ער נעהמט די קארטע, בעשטעלט עפּעס עסען. דאן קעהרט זיך די ווייטער־קע אום צו מיר, קוקט מיך אָן אביסעל פערוואונדערט און שענקט מיר א האלבען, פערטרוקענטען שמייכעל. איך האָב אויך בעשטעלט דאס

זעלבע וואס ער און סטארע זיך צו פערלייגען די סערוועטקע און עסען אויף דעם זעלבען אופן ווי ער; נור דאס געלונגט מיר קוים. ער האָט געענדיגט עסען, זיך אויסגעשטאָכען די צייהן, איבערגעלאָזט א טיפּ די ווייטערקע, געקראָגען פון איהר אַ צווייטען שמייכעל און זיך געלאָזען צום ארויסגאנג. איך האָב אויך געטהון דאס זעלבע. ער געהט זיך לאנגזאם, מיט א זאטע צופריעדענע מינע אויף זיין פּולען, גלאנציגען פּנים און איך קריך איהם נאָך טריט פאר טריט, און ווארט געדולדיג: — וואס וועט ווייטער קומען?! נור דאָ האָט זיך דער מאַן אָבגעשטעלט נעבען אַ באַנק געשעפט, איז אריין און איך בין אריין נאָך איהם. אריינ־קומענדיג אינוועניג האָט ער אָנגענומען אַן ערנסטערע מינע, גענומען שנעל שפּאַנען, געענטפערט מיט א האלב ברוגז'דיגע פריינדליכקייט אויף די בעגריסונגען פון די אָנגעשטעלטע און איז פערשוואונדען אין א זייטיגען צימער. איידער דער אויפפּאסער האָט נאָך צייט געהאַט מיך צו פרעגען וואס איך וויל—בין איך שוין געוועזן צוריק אין דרויסען.

ארויסקומענדיג אין גאַס בין איך געבליבען שטהן ווי אַ צומישטער. פערבייגעהענדיגע מענשען זיינען שוין געווען וועניגער. די גאַס האָט שוין אָנגענומען איהר נאַטירליכען פּארמיטאָגדיגען אויסזעהן. איך האָב זיך אָנגעהויבען פיהלען אליין און אונבעקוועם. מיר האָט זיך געדאַכט אַז די מענשען קוקען אויף מיר צו פיעל און איך האָב איינפאַך ניט גע־וואוסט וואס צו טהון מיט מיין איבריגען „איך".

— לעבען טאקע אלע מענשען אזוי, איז דערפון גאָר קיין אויסוועג ניטאָ? — האָב איך גענומען טראַכטען מיט פערדרוס — דאס זיינען דאָך אלץ מאַשינען. זיי לעבען דאָך אַלע נאָך אַזעלכע ניט געשריבענע פּראָג־ראַמען. זיי ווייסען דאָך אַ וואָך פאָראויס — ניין! אַ מאָנאַט, אַ יאָהר פאָראויס, וואָס זיי וועלען טהון אין דעם און אין דעם טאָג... טאָ וואָס איז שוין די נפקא מינאַ?

מיר איז שוין געוואָרען איבערדריסיג דער גאַנצער ענין. איך האָב זיך צוגעזעצט אויף אַ טרעפּעל און שוין אָנגעפאַנגען טראַכטען וועגען צוריק געהן אין שאַפּ נאָך מיטאָג צייט.

נור מיט אַמאָל רוקט זיך פון ערגעץ אַ דונקעלען האל ארוים אַ מאַן פון אַ יאָהר עטליכע פערציג, מיט אַ צוריסענעם ראָק און מיט אַ צוברא־כענעם, הארטען קאַפּעלוש ארונטערגערוקט טיעף איבער די אויגען. ער

הויבט אויף א פאר רויטע, פערשלאפענע אויגען, גיט א קוק אויף די זון, גיט א שמעק די לופט און צוגענעצט זיך שטארק, דערביי ארויס־צייגענדיג א געלען טשו־טאבעקא מויל. ער שאקעלט אב א שוידער פון די פלייצע, גיט א וואויל־יונגערשען שפיי פון צווישען די פערפוילטע, פא־דערשטע ציינער און לאזט זיך געהן לאנגזאם אהן א ציעל. אין ראג גאס, ביים פענסטער פון דער דייטשעשער בעקעריי, וואו ס׳זיינען געווען אויס־געשטעלט פרישע קייקס און פאים, האט זיך דער מאן אבגעשטעלט, פער־שארצט דעם הוט, א שמעק געטהון צום קאלטען גלאז, זיך בעלעקט; דאן האט ער א טאפ געטהון זיך אין קעשענע, א קראץ געטהון אין דער פא־טילניצע, אויסגעשפיגען און ווייטער געשפאנט.

דער מאן האט מיך פעראינטערעסירט. וואס וועט ער ווייטער טהון? האב איך געפרופט טרעפען און ניט געקענט ענטפערען. אט, יענע ווייסען דאך אימער פאראוים... — —

איך האב איהם אנגעפאנגען נאכצופאלגען.

ער איז געגאנגען נאכלעסיג לאנגזאם שלעפענדיג נאך זיך די פים מיט די גרויסע צוריסענע שיך. פון צייט צו צייט האט ער זיך אבגע־שטעלט ביי א פענסטער פון א געשעפט, וואו עס איז געווען אויסגע־שטעלט עפעס א נאוועלי צו כאפען דאס אויג פון פערבייגעהער. אזוי שלעפענדיג זיך איז ער צוגעקומען צו א קליינעם פארק. ער האט אנגע־פאנגען זוכען אין די מיסט־בארעלס ביז ער האט געפונען עפעס א צייטונג. דאן האט ער זיך אוועקגעזעצט אויף א באנק, ארונטערגערוקט דעם הוט טיעפער איבער די אויגען און זיך פערקוקט אין די צייטונג. צי ער האט ווירקליך געלעזען די צייטונג, אדער ער האט גלאט אריינגעקוקט אום ס׳זאל אויסזעהן ווי ער לעזט, דאס האב איך ניט געקענט אויסגעפונען, נור עס האט לאנג ניט גענומען ביז ער איז איינגעשלאפען. די צייטונג איז איהם ארויסגעפאלען פון דער האנד, דער קאפ האט זיך גענומען וואק־לען אהין און אהער ביז ער איז געבליבען הענגען פערריסען אויף אונטען צום קארק צו, מיט אן אפענעם מויל, ארויסשטעלענדיג געגען די זון א שמור־ציגען האלז מיט אן ארויסגעסטארטשעטען גארגעל. א ווילע איז ער אזוי געשלאפען און אנגעפילט די לופט ארום מיט א גאנץ געשמאקען שנארכען. נור דאן איז צופעליג דורכגעגאנגען א פאליסמאן, וועמעס עסטעטישער געשמאק האט זיך געפונען בעליידיגט פון אזא סצענע, איז ער אונטערגע־

גאַנגען צום שלאָפענדען, איהם א לײכטען קלאַפּ געטהון מיט'ן קלאַב איבער דער פאָדעשװע און אַקאָמאַנדעװע געטהון: „געט אַפּ! דאָ איז ניט קיין האָטעל". דער שלאָפענדער האָט זיך אויפגעכאַפּט, ארומגעקוקט זיך מיט תמ'עװאַטע אויגען און גענומען שפּאַנען.

ער איז ארויס פון פּאַרק, זיך אָבגעשטעלט, געטראַכט עטליכע מינו־טען, דאַן האָט ער עטליכע מאָל אויסגעשפּיגען און זיך פערקירעװעט אין א זײטיגע גאַס. דאָ האָט ער זיך פאָרזיכטיג ארומגעקוקט, געמאַכט א רחמנות'דיג פּנים און גענומען אָבשטעלען די פארבײגעהער:

— פּליז סער! קענט איהר אויסהעלפען א מאַן מיט עטליכע סענט? איך בין ארבײטסלאָז און האָב שוין צװײ טעג אין מײן מויל ניט געהאַט.

פיעלע האָבען נאָר ניט געװאַרט ביז ער װעט ענדיגען זײן פּזמון, זײ האָבען בלויז אַן אויפמערקזאַמען בליק געטהון אויף זײן גאַנצען פיגור און מיט א לײכטען שמײכעל זיך געלאָזט װײטער געהן. נור א מײדעל װעלכע איז געגאַנגען מיט א יונגען פראַנט האָט זיך אָבגעשטעלט און אויפמערקזאַם אויסגעהערט דעם גאַנצען שפּרוך. דאַן האָט זי אויפגעהויבען די אויגען צו איהר בעגלײטער, איהם ארײנגעקוקט אין פּנים און ער האָט גלײך ארויסגעכאַפּט א זילבערנע מטבעה און איהם געגעבען. נאָך אײנער, א יונגער בחור'על, מיט װײכע בלאָהע אויגען, האָט איהם אויך עפּעס גע־געבען. אזוי האָט ער זיך צוזאַמענגעקליבען א קלײנע סומע און זיך גע־לאָזט געהן זוכען א פּאַסענדען פּלאַץ. ער איז דורכגעגאַנגען עטליכע גאַסען זיך אָבגעשטעלט בײ עטליכע גרויסע שעהנע סאַלונס, געטראַכט א װײלע, —נור הפּנים אז די רײכע פערפּוצטע סאַלונס מיט זײער שטענדיגען טומעל זײנען איהם ניט שטאַרק געפעלען—און ער האָט זיך װײטער גע־שלעפּט ביז ער איז צוגעקומען צו אַן אָרעמען װינקעל סאַלון אויף דער באַוערי.

— העלאָ, דזשים! — האָט איהם דער באַרטענדער בעגריסט, װי א הײמישען מענשען אװעקלעגענדיג די צײטונג װאס ער האָט געהאַלטען אין לעזען. דאַן האָט ער זיך געװענדט צו מיר, אָנגעגאָסען דאס גלאָז ביער װאס איך האָב געבעטען און איך האָב זיך אװעקגעזעצט בײ א זײ־טיגען טישעל.

— שוין לאַנג דיך ניט געזעהען — האָט ער זיך געװענדעט צו דזשים'ען.

— יעס, דזשארדזש! נור וואס געקומען פון קאנאדא. א פערדאמטע מדינה! מיך געהאלטען עטליכע מאנאטען אויף קהל'שע קעסט פאר צו־נעהמען א לאבען ברויט מיט א קעזעל.

— אזוי? און יעצט?

— ווען איך בין נור ארויס פון שערי רחמים, האב איך געכאפט דעם ערשטען פראכט־צוג און היידא, נאך ניו יארק! א חזיר'שער צוג געוועז. זיך געשלעפט צוויי נעכט און קיין אויג ניט געקענט צומאכען.

— שור, דזשים! קיין פלאץ איז ניט אזוי—ווי דער אלטער גוטער ניו יארק!

— דא וועל איך לאנג ניט פערבלייבען. איך וויל זיך אריבערכאפען צום מעקסיקאנער גרענעץ, דארט איז יעצט לעבעדיג, זאגט מען, מ'שלאגט זיך גאר ניט אויף קיין שפאס.

— יעס! פאס נור אויף דו זאלסט ניט קריגען א שנעל אין אונטען. ווי געפעלט דיר עפעס אונזערע „בלויע־רעקלעך", הא? זיי האבען די „הויכע־הוטען" געגעבען פעפער צו שמעקען.

— זיי זיינען אל־רייט, דזשארדזש! זיי זיינען אל־רייט. דערלאנג א שנאפס!

ער האט אוועקגעלעגט א צעהן־סענט שטיק אויף דער באר און דער בארטענדער האט איהם דערלאנגט א טרונק בראנפען.

— קאם אן, דזשארדזש! נעהם אויך איינעם!

— ניין, דזשים! איך פיהל ניט ווי צום טרינקען יעצט.

— העי, קאם אן! קאם אן! נעהם איינס, פאר די עהרע פון אונזערע „בלויע־רעקלעך"

דער בארטענדער א געוועזענער „קאו־באי" און דערנאך איינער פון די „ראף־ריידערס" אונטער רוזוועלט'ס קאמאנדא אין די שפאנישע מלחמה, וואו ער האט פערלוירען דריי פינגער פון די לינקע האנד, האט שוין דא ניט געקענטביישטעהן דעם נסיון און זיך אויך אנגעגאסען א גלעזעל. דזשים האט אנידערגעווארפען נאך א צעהן סענט צו בעצאהלען פאר דעם באר־טענדערס טרונק, נור יענער האט עס צוריקגעשארט זאגענדיג גערידהרט:

— ניט נויטיג, דזשים, ניט נויטיג.

ביידע האבען אנגעקלאפט זיך מיט די גלעזלעך און אויסגעטרונקען.

— יעס, דזשים! געוועזן אמאל צייטען, געוועזן! — האט דער באר־

טענדער ארויסגעזיפצט פּאַטעטיש אויסטרונקענדיג און זיך פערקוקט אין דער ווייט מיט פערלאָפּענע אויגען.

— ניטאָ די אמאָליגע צייטען — האָט דזשים אויך צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ — די מענשען זיינען אויך גאָר ניט די זעלבע, זיינען הארטער געוואָרען — ער האָט ארויסגענומען א זעקעלע טאבאק, אָנגעפּיהלט די ליולקע, פערדרויבערט און זיך פערטראַכט.

אזוי זיינען זיי ביידע געשטאנען א היבשע ווײַלע און שטילשווייגענד געטראכט, וועגען יענע גוטע אַלטע צייטען. דאַן זיינען אריינגעקומען צוויי פרישע מענשען בעשטעלט עפּעס טרינקען. די באַרטענדער האָט זיך גלייך אויסגעטשוכעט און זיך פערנומען מיט די נייע געסט.

דזשים איז אויך גלייך צו זיך געקומען. ער האָט בעשטעלט א גלאָז ביער, אויסגעטרינקען און פערביסען ביי דעם פרי־לאַנטש־קאַנטאָר. דאַן האָט ער בעשטעלט נאָך א גלאָז ביער, בעצאָהלט, גענומען עס מיט זיך און אוועק אין דעם אונטערשטען צימער פון סאַלון, וואו ס'זיינען געשטאַנען עטליכע רונדע טישלעך און בענקלאך. ער האָט אוועק געשטעלט דאָס גלאָז ביער, זיך אוועקגעזעצט, געטהון עטליכע זופּ, דאַן האָט ער ארונטערגערוקט דעם הוט, געפּיפּקעט און געקוקט גלאַט אין דער וועלט אריין. איך האָט אויך גענומען א גלאָז ביער, אריין אין דעם אינטערשטען צימער און זיך אוועקגעזעצט ביי א זייטיגען טישעל ער זאָל ניט בעמערקען. די צוויי נייע געסט האָבען אויסגעטרונקען און גלייך ארויסגעגאַנגען. דער באַר־טענדער האָט זיך צוריק געזעצט אויף זיין שטול נעבען פענסטער, צוריק גענומען זיין פערפלעקטע מאָרגען־צייטונג, זיך פערטראַכט און פערגעסען אן אונז.

אין פּלאַץ איז געווען דונקעל און שטיל. די פּאָדלאָגע, וואָס איז גע־ווען אויסגעשיט מיט זעגבכין, און די טישלאך זיינען געווען שווארץ, פעט, אָנגעזאַפּט פון יאָהרען לאַנג אויסגעגאָסענע משקה. דזשים האָט אזוי לאַנג געפּיפּקעט, און געקוקט פערטראַכטערהייד גלאַט אין דער וועלט אריין ביז ער איז איינגעשלאָפען. די פּייפּ איז איהם ארויסגעפאַלען פון דער האַנד, דער קאָפּ האָט זיך פערבויגען אויף א זייט און פון דעם האַלב־אָפענעם מויל האָט גערינען א וואסערדיגע סליונע איבער די ניט־ראַזירטע מאָרדע און אראָבגעטריפט אויף דעם אַלטען גלאַנציגען ראָק. — גאָט, ווי הערצ־רייסענר איז דאָס שלאָפענדע געזיכט פון אן אונגליקליכען! דאָס פער׳־

עקשנ׳טע, אָנגעצויגענע פּנים איז געוואָרען מילדער, דער פערביטערטער אויסדרוק איז פערשוואונדען, די שאַרפע קנייטשען האָבען זיך אַביסעל אויסגעגלייכט און זיין גאַנצע צורה האָט אָנגענומען א קרענקליכען, מיטדען, רחמנות־ערוועקענדען אויסזעהן, פון דעם סאָרט וואָס מען זעהט אָפט ביי שלאָפענדע קראנקע קינדער. ביי א צווייטען טישעל, ניט ווייט פון דזשים׳ען איז געזעסען א צווייטער מאַן, מיט דעם קאָפּ אָנגעלעהנט אויף די הענד, און דורכאַנאַנד געקוקט אין דעם האַלבען גלאָז רויטען וויין, וואָס איז איהם געשטאַנען אונטערן נאָז. א ריידעוודיגע שטילקייט האָט

געפלאַטערט איבער זיין שווארצען, געבויגענעם קאָפּ און דערצעלט מעשיות פון ווייטע לענדער אויף יענער זייט ים. אי זיין טונקעלער קאָמפּלעקשאָן אי זיין רויטער געטראַנק, האָבען עדות געזאָגט, אז ער קומט פון די זינינגע לענדער, וואָס אויף די ברעגען פון מיטלענדישען ים, וואו וויין איז א גאַנץ געוועהנליכער געטראַנק. אויף א ביינקעל, דערנעבען איז געזעסען א גרויסע ווייסע קאַץ, זיך געפּוצט איהר פוטערל און פון צייט צו צייט זיך שטאַרק צוגענעצט ארויסווייזענדיג א רויטען צונג מיט קליינע שפּיציגע ציינדלאך. אַלע איהרע בעוועגונגען זיינען געווען אזוי קלאַנגלאָז, אז עס האָט זיך גענומען דאַכטען ווי איך זעה דאָס אַלץ אין א פאַנטאַסטישען שפּיגעל. דער אונדייטליכער טומעל פון גאַס איז פון די שאָטענס פון צימער פיעל אָפּגעשוואַכט געוואָרען און ס׳האָט זיך געדאַכט, אז ס׳קומט פון ערגעץ ווייט, ווייט; און אין אַלגעמיין איז די גאַנצע שטימונג דאָ מעהר עהנליך געווען צו א תשובה־שטיבעל אין א מאָנאַסטיר, וואו די מאָנאַכען זיינען זיך מתודה, ווי צו א טרינק־צימער אין א ניו יארקער סאַלון.

זיצענדיג אזוי אין דער דונקעלהייט בין איך אויך אַנדרעמעלט געוואָרען. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון דעם שטאַרקען פייפען, וואָס האָט זיך געטראַגען פון די ארומיגע פאַבריקען. דער פייף איז מיר געווען גאַנץ בעקאַנט. שוין פיעלע יאָהרען ווי דאָס הארץ פלעגט א ציטער טהאָן דערהערענדיג דעם פייף וואָס האָט אָנגעזאָגט, דאָס אָנקומען פון די רוה שטונדע.

דזשים האָט נאָך געכראָפּעט, נור דער מאַן פון צווייטען טישעל איז שוין ניט געווען. באַלד האָבען זיך גענומען אריינשיטען ארבייטער, פון פערשיעדענע פאַכען, מיט קעסעלאך ביער און פערבייסען. די טישלאך זיינען שנעל געוואָרען בעזעצט אין א טומעלדיגער געשפּרעך פון שפּראַ־

כען מכל המינים — ווי ענגליש, איטאַליעניש, אידיש, דייטש, אונגאריש און פערשיעדענע סלאַווישע דיאַלעקטען — האָט אָנגעפילט דעם צימער און פערטריעבען די פאַריגע פאַנטאַסטישע שאָטענס. דזשים האָט זיך שנעל אויפגעכאַפּט, אָפּגעווישט די סליונע, אויפגעזוכט די פּייפ, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אונטער׳ן טיש, און איז ארויס אין גאַס.

אין מיטען גאַס איז געשטאַנען אַ רעדעל מענשען און מיט גרויס פערגעניגען צוגעקוקט ווי צוויי שוהל־אינגלאַך האָבען זיך געשלאָגען לויט אַלע דינים פון פּרייז־פייטען. דזשים איז אריין אין מיטען, גאָר אַ לע־בעדיגער געוואָרען און גלייך אָנגעפאַנגען קאָמאַנדעווען.

— אָט אַזוי, רויטער, לאָז זיך ניט! — האָט ער צוגעבען קוראַזש דעם רויט־האָריגען אינגעל, וועלכער האָט געקראַגען אַ בוכטשע אין בויך און זיך אַביסעל פערלוירען — אָט אַזוי, צייג איהם וואָס דו קענסט!

דער רויטער איז טאַקע גלייך צו זיך געקומען. ער האָט אָנגעשטעלט די רעכטע האַנד גלייך ווי ער וויל זיך יענעם פערמעסטען אונטער די מאָרדע, דער אַנדערער אינגעל האָט ניט פערשטאַנען דאָס שפּיצעל, האָט ער זיך געצילעוועט מיט דער רעכטער האַנד צום רויטען אין זייט אריין און מיט דער לינקער האַנד געוואָלט אָפּווייכען יענעם׳ס קלאַפּ אין מאָר־דע, נור פּלוצלינג איז איהם דער רויטער מיט די לינקע האַנד פערפאָהרען גלייך אין נאָז אריין. אַ שטראָם בלוט האָט זיך אַ שפּאַר געטהאָן פון דעם אינגעל׳ס נאָז, איינער האָט דערווייל אַ געשריי געטהאָן: „טשיז־יט!“ — וואָס הייסט אין גאַס־לשון, אַ פּאָליסמאַן קומט! — און די צוויי חברה האָבען שנעל אויפגעקליבען זייערע ביכער און די היטלעך, וואָס האָבען זיך געוואַלגערט אויף דער ערד און אַוועק צוזאַמען, ווי קיינמאָל גאָר ניט.

דער עולם איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען און דזשים האָט אויך אָנגעהויבען צו וואַנדערען איבער די גאַסען, וואָס זיינען יעצט געווען קאָכעדיג פון ארבייטער. אייניגע האָבען געדרויכערט, געשפּאַסט, זיך געבאָרעט, אָדער גאָר געשפּיעלט באָל, וואַרטענדיג אויף׳ן צווייטען פייף וואָס וועט זיי אַלעמען צוריק רופען צו דער ארבייט. דזשים האָט זיך עפּעס ניט גע־קענט געפינען קיין פּלאַץ אין די טומלדיג־אויפגעוואַכטער גאַס. ער איז געגאַנגען אהין און אהער, ווי אַ פערבלאָנדזשעטער, נור דאָ האָט ער דער־זעהען אַ קופּע מענשען שטעהענדיג נעבען אַן אַפּטייק און ער האָט זיך גלייך געלאָזט אהין.

אין פענסטער פון אפטייק איז געזעסען א שעהנע מיידעל פון א יאהר זיעבעצעהן, אנגעטהאן אין א קלייד פון שטרייפען און שטערען, מיט די נאציאנאלע קאלירען און דעמאנסטרירט א מיטעל צו קאפ-שמערצען. זי האט זיך ארומגעבונדען דעם שטערען מיט א ווייסען טיכעל, צוגעדריקט מיט די הענדביידע שלייפען און געמאכט א זויערען פנים, ווי זי וואלט געהאט שרעקליכע קאפ-שמערצען. דאן האט זי ארויסגענומען א ווייסען שטיינדעל, איינגעריבען דערמיט די שלייפען און איהר געזיכט האט זיך מאמענטאן גענומען ענדערען, וועהרענדיג שטופענווייז פרעהליכער, ליכ־טיגער, ביז זי האט אויסגעבראכען אין א גליקליכען געלעכטער. דאן האט זי אפגעבונדען דאס טיכעל און שמייכלענדיג צו די צוקוקער געצייגט אויף א טאוועל מיט גרויסע אותיות, וואו עס איז געווען אויפגעשריעבען דער נאמען פון דער מעדיצין און דער פרייז. דער עולם האט געלאכט און שטארק הנאה געהאט ניט אזוי פון דעם וואונדערבארען מיטעל, וואס וועט אויסלייזען די גאנצע מענשהייט פון דעם פערפלוכטען קאפ-שמערצען, ווי פון דעם מיידעל'ס שעהנעם לאכעדיגען פנים. עס האט זיך געהערט א פיי־פען פון די פאבריקען און די מייסטע ארומשטעהענדע זיינען זיך צוגאנגען, געבליבען זיינען בלויז דזשים און נאך עטליכע ליידיג-געהער. ביי א האל־בע שטונדע איז דזשים אזוי געשטאנען, בעקוקט די מיידעל פון קאפ ביז די פיס, נאכגעמאכט איהר יעדע גרימאסע, געשיקט איהר לופט-קישען, בעגלייט מיט פערשיעדענע אויסרופען, ווי „א יו קיד" און דאס גלייכען. דאס מיידעל איז געווארען רויט און בלאס און האט איינפאך ניט געוואוסט ווי די אויגען אהיצוטהאן. אם ענדע האט זי צוגערופען דעם אפטייקער און איהם עפעס געזאגט. דער אפטייקער איז ארויסגעגאנגען פאר די טהיר בעטראכט דעם פערזאן פון קאפ ביז די פיס און צו איהם א זאג געטהאן: „סעי, דזשעטעלמען! איהר ווילט פיעלייכט געהן א שליחות פיר מיינעט־וועגען?" דזשים האט פערשטאנען דעם וואונק, צוגעווארפען די מיידעל א לעצטען קוש און זיך געלאזט ווייטער שפאנען.

א לאנגע צייט האט ער זיך אזוי ארומגעשלעפט אהן א ציעל. אפגע־שטעלט אויף א היבשע ווייל ביי א פלאץ, ווי מען האט געבויט א נייעם „הימעל-קראצער", זיך צוגעקוקט ווי מען בויערט אוים לעכער אין דעם פעלזיגען גרונד, ווי מען טהוט אריין דעם דינאמיט און מען עקספלאדירט

עס; ווי אזוי מען טשעפּעט צו די צושפּאַלטענע שטיינער צו אַ דאַמפּף־מאַשין, וועלכע הויבט זיי אויף אין דער לופטען און וואַרפט זיי אַרויף אויף וועגען, וואָס פיהרען זיי אַוועק. דאַן איז ער אַוועק צום דאַק, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קלאָץ, פערררויכערט און געקוקט אויפ'ן וואַסער און ווי מען לאַדענט אָן און אויס די שיפען. פון צייט צו צייט האָבען איהם די דאַק־ארבייטער צוגעוואָרפען אַ שפּאַסיגען וואָרט און זיך געוויצעלט אויף זיין חשבון. איינער האָט דוקא געוואָלט וויסען וויפיעל קינדער ער האָט שוין אויסגעגעבען אין פריידען, אַ צווייטער האָט איהם געפרעגט וויפיעל אַקציעס ער האָט אין ראַקפעלער'ס געשעפטען און אַן אַנדערער האָט גאָר אויסגעשריען: „העי, ביל, לייה אויס אַ האַנד" — מאַכענדיג דעם אַנשטעל ווי ער קען אַליין ניט אויפהויבען די שווערע משא. דזשים האָט די אַלע בעמערקונגען צוגענומען גוטמוטהיג, געענטפערט מיט אַ שמייכעל און ווייטער געפּיפּקעט די קורצע פּייפּקע.

אַ צייט איז ער אַזוי געזעסען און גע'חלום'ט ביז דער טאַבאַק האָט זיך איהם אויסגעלאָזט און קענטיג אַז דער הונגער האָט איהם אויך גענומען שטאַרק נאָיען. ער איז אַוועק צוריק אין גאַס אַריין, זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדען רעסטאָראַנט, געקראַצט זיך אין פּאַטעלניצע, געטראַכט און געהאַלטען אין איין שפּייען. ער האָט זיך גענומען צו דעם זעלבען איינפאַל, וואָס אין דער־פריה. ער האָט אָנגעפאַנגען אָפּשטעלען די פאַרבייגעהער מיט'ן זעלבען נוסח ווי בעפאָר, נור דאָס מאָל האָט זיך עס איהם עפּעס ניט אַזוי איינגעגעבען. ער האָט בלויז צוזאַמען געקליבען דריי סענט. עס זעהט אויס אַז פאַרנאַכט נאָך אַ שווערען טאָג ארבייט, זיינען די מענשען מעהר פערהאַרטעוועט ווי אין דער פריה־מאָרגען, ווען זיי זיינען נאָך פריש און ווי נייגעבוירען. דאַן האָט ער דערזעהען אַ מאַן, וואָס איז געשטאַנען נעבען אַ העט־סטאָר, זיך איינגעקוקט אין די פערשיעדענע נייע פאַסאָנען וואָס זיינען געווען אויסגעשטעלט אין דער וויסטאַווע און זיך פון צייט צו צייט געטאַפּט אין קעשענע, ווי איינער וואָס איז זיך מישב יאָ קויפען? אָדער ניט קויפען?

ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, זיך אויך געמאַכט קוקען אויף די העטס, אַריינגעשטעקט די האַנד אין די קעשענע פון זיין ראַק, אַזוי אַז פון דערווייטענס האָט עס ווירקליך אויסגעזעהן, אַז ער האַלט בלויז די

האנד אין די איינגענע קעשענע, אָבער די האַנד איז גלייך ארויסגעקומען אונטער די פּאָלע און מיט צוויי פיגער זיך געפּאָרעט ביי יענעם׳ס קעשענע.

איך בין געשטאַנען אַביסעל אָן א זייט און מיט דער גרעסטער שפּאַנונג נאָכגעפאָלגט זיין יעדען קעהר און ריהר. איך האָב געזעהען, ווי ער האָט שוין אָנגעטאַפּט יענעם׳ס בייטעלע, נאָך איין מינוט און ער וועט עס אין גאַנצען ארויסציהען. אָבער דאָ האָט זיך דער מאַן אָנגעכאַפּט ביי דער קעשענע און אָנגעפאַנגען שרייען. איך האָב זיך אַזוי שטאַרק אריינגעטהון אין דעם ענין, אַז ווען מען האָט גענומען שרייען: „כאַפּט א גנב !“ האָב איך אָנגעהויבען צו לויפען מיט׳ן גאַנצען כח, גאָר פערגעסענדיג אַז ניט מיך מיינט מען עס. מיר זיינעןביידע אַזוי געלאָפען, א מחנה מענשען נאָך אונז, ביז מען האָט אונז געכאַפּט און ארעסטירט.

ווען מען האָט אונז ביידען געבראַכט פאר׳ן ריכטער, האָט דזשים זיך מודה געווען אין דעם פערברעכען, און האָט געזאָגט אַז ער קען מיך גאָר ניט און האָט מיט מיר קיינע געשעפטען ניט געהאַט. איך האָב דעם ריכטער דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע, ווי אַזוי איך בין אונגערן אריינגעפאַלען. נור דעם ריכטער האָט זיך די געשיכטע ניט געלייגט אויפ׳ן מח. ער האָט געזאָגט, אַז ער קען ניט פערשטעהן ווי אַזוי א נאָרמאַלער מענש זאָל מיט אַמאָל וועלען ארויסשפּרינגען פון די איינענע הויט און ער האָט אונז ביידען פעראורטהיילט צו זעקס חדשים געפענגניס, אַלס שותפים צום זעלבען פערברעכען. ער האָט בלויז מאָטיווירט זיין פסק, אַז אפילו ס׳זאָל זיין אמת ווי איך זאָג, קען איך אויך פער׳משפט ווערען צום זעלבען טערמין פאר „וועגרענסי“ — ארומשלעפּען זיך, אין וועלכען איך האָב זיך אַליין מודה געווען.

איך האָב נאָך עפּעס געוואָלט זאָגען, נור דער ריכטער האָט אפילו ניט געפונען פיר נויטהיג זיך איינצוהערען. מיט א שטרענג־ערנסט פּנים האָט ער זיך גענומען דורכלעזען און אונטערשרייבען פערשיעדענע פּאַפּירען, וואָס זיינען געווען אויסגעלייגט אויף זיין טיש אין א נומערירטער אָרדנונג, און אין א ווייל ארום האָט ער שוין אויסגערופען די נעמען פון אנדערע בעשולדיגטע, וועלכע זיינען געקומען נאָך אונז.

דער שטייפער פּאָליסמאַן, וועלכער איז געשטאַנען ביי דער זייט האָט א קוק געטהון אויף דעם ריכטער, דאן איז ער צוגעגאַנגען צו אונז,

אנגעטהון מיר מיט דזשים׳ען א פּאָר שותפות׳דיגע „הענד־קאַפּס“ און אונז געבעטען געהן מיט איהם.

— אַ מאשין !.... — האָב איך אויסגעשפּיגען ארויסגעהענדיג פון געריכט׳ס־זאל אויף דער וועג צו דער געפענגנים.

מ. י. חאַימאָוויטש.

אויפ׳ן וועג.

Copyright
by
Yiddish Literary Publishing Co., Inc.
1914.

ע ר ש ט ע ר ק א פ י ט ע ל.

I.

INDIAN SUMMER.

אין גאָלד געוויקעלט שטעהען אין דעם נאָרר אַמעריקאַנעם הערבסט די בוימער; די ערד איז נאָך יונג אין גרין. עס דוכט זיך, אז דער זומער האָט נור אַ טהייל פון זיין דעקאָראציע געביטען, אבער ווייטער איז נאָך אַלץ שעהנער ווי געוועזען: דער הימעל איז ריין און טיעף בלוי, די לופט — מילד און ווייך און איז שטענדיג געניינט אנצושטימען אויף אַ איידע־לען לירישען טאָן. און דער יעניגער, וואָס קוקט ארום זיך, פיהלט ניט יע־נעם נאגענדען טרויער, פון יענעם בייזען הערבסט, וואָס קומט אין בליי און גרוי געוויקעלט, בעגלייט פון בייזע ווינדען. פארקערט, ער פיהלט, אַז עס איז נאָך געבליבען פאר זיך אַ גרויסער, שעהנער טהייל לעבען.

דאָס זעלבע האָט געפיהלט לעווין, אַ מאַן פון א יאָהר צוויי און דריי־סיג, זיצענדיג אין וואגאן פון א עקספרעס־צוג, וואָס איז געלאָפען מיט דער שנעלקייט פון זעכציג מייל אַ שטונדע און זיך אַלץ מעהר דערנעהענ־טערט צו ניו יארק.

און ווען ער איז פון וואקזאל ארוים אין דעם פרייען דרויסען, האָט איהם אויפ׳ן ערשטען בליק אַלץ אויסגעזעהן ווי אַמאָל — מיט זיעבען יאָהר צוריק:

די זעלביגע רוישיגע גאסען מיט׳ן איי־ביגען געפילדער, שטויב און טומעל; די זעלבע פער׳עסק׳טע, און אין ערגעץ איילענדיגע, מענשען; די זעלבע פינסטערע, פערשטויבטע געביידען; דער זעלבער הימעל, — אַלץ דאכט זיך דאָס זעלבע ווי אַמאָל, אָבער פון דעסטוועגען, האָט ער גע־פיהלט, אז עפּעס איז דאָך פארגעקומען אַן ענדערונג אין לעבען פון דער גרויסער שטאדט, כאטש גראד אין דער מינוט איז איהם שווער געוועזן צו אנכאפּען, וואו און ווען די ענדערונג איז פארגעקומען.

ארום האָט זיך געטומעלט:

טויזענדע מענשען האָבען זיך ווי אין אַ מאַלשטראָם, געדרעהט אהער און אהין, און עס האָט זיך נאָכאַנאַנד געטראָגען אַ טומעל, יענער אונפערשטענדליכער טומעל, וואָס הייגגט נור דאמאָלט אין דער לופט, ווען טויזענדע מענשען דרעהען זיך ארום אן איינגען קרייז.

אין דער ערשטער מינוט האָט ער זיך אַזוי ווי פערלאָרען. ער איז אין זיינע אייגענע אויגען אויסגעקומען קליין און עפּעס אונבעדייטענד, צווישען אַזעלכע געביידען און אַזוי פיעל מענשען. עס האָט איהם אַלץ ווי פרעמד אויסגעקוקט, און ער האָט ניט געוואוסט, וואָס פאַר אַ ריכטונג ער דאַרף נעהמען.

דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט, זיך אַ כאַפּ געטהאָן, אַזוי ווי אַ מענש, וואָס געפינט זיך פּלוצלינג, און ער האָט בעשטיגען די עלעווייטעד סטאַנציע.

פאָהרענדיג מיט דער טריין אַפּ־טאָון, האָט איהם בעהערשט אַ שווערער געפיהל, יענער אַלגעמיין בעקאַנטער געפיהל, וואָס בעהערשט דעמאָלט, ווען מען קומט צוריק אויפ'ן זעלבען אָרט, וואו מען האָט אַ גע־וויסען טהייל פון לעבען פערבראַכט.

עס האָט איהם וואָס געדריקט, — ווארום, ער האָט כמעט ווי אונ־בעוואוסטזיניג געפיהלט, אַז פאַר דער צייט, וואָס ער האָט ניו יאָרק פער־לאָזען, זיינען פיעל וואַסערן פערלאָפּען, טעג, נעכט און יאָהרען פערשוואונ־דען, און ער אַליין איז מיט זיעבען יאָהר עלטער געוואָרען. אויף זיבען יאָהר זיך דערוויטערט פון דער פרישער און שעהנער יוגענד.

זיינע שטימונגען האָבען זיך געביטען, אַזוי ווי עס בייט זיך די פּאַ־נאָראַמאַ ווען מען פליהט מיט אַ שנעל לויפענדען צוג:

מיט אַמאָל האָט זיך איהם געדוכט, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַ־סירט, אַזוי ווי ער וואָלט גאָר פון ניו יאָרק ניט אוועקגעפאָהרען. פונקט ווי נעכטען: דערזעלבער איינטאָניגער, טרוקענער קלאַפּען פון די רעדער, די זעלביגע לופט, דאַכט זיך, אויך די זעלביגע מענשען..

עס גליטשט זיך איבער די בלאַנקע רעלסען די טריין מיט אַן איי־ביגער גלייכגילטיגקייט און פּינקטליכקייט. די מענשען פערטהון אין זייע־רע צייטונגען, זיינען האַלב־שלעפעריג. דאַכט זיך, אַז זיי קוקען אין די צייטונגען, און זעהען עפּעס דאָרטען בוכשטאַבען, אָבער פערשטעהן ניט

וואָס דאָרט טהוט זיך, אזוי ווי זיי וואָלטען פערגליווערט געוואָרען, גראד אין יענער מינוט, ווען ביי זיי אין די קעפּ האָט זיך א טעמפּקייט פער־שפּרייט. זיי געגעצען פון צייט צו צייט, און זייערע געזיכטער זיינען אזעלכע וואָכעדיגע, אויסדרוקסלאָזע.

פארביי די אָפענע פענסטער לויפען פערשטויבטע אַלטע געביידען; איבער די פערשטויבטע הייזער שפּרייט זיך אויס א שעהנער הימעל, — א ריינער אמעריקאנער הערבסט־הימעל. אין די פענסטער פון וואגאן בלאָזט אריין א ווינטעל מיט עפּעס א בעזונדער ריח. עס טהוט פון אנהייב א גלעט, ווי מיט א ווייכען פוך־פעדער, דערנאָך הויבט עפּעס אָן פאר וואָס צו פעררדריסען, גלאָט אין דער וועלט אריין, און מען פיהלט זיך זעהר געענגט און שווער.

לעווין איז געזעסען אין א ווינקעל און האָט מיט אָן אָנגעצויגען גע־זיכט ארויסגעקוקט דורכ׳ן פענסטער:

יעדע ווײַלע זיינען אויפ׳ן בלייך־גרויען גרונד פון הימעל אויסגע־וואקסען ריעזען־געביידען פון פערשיעדענע ארכיטעקטור: הויכע צוואנ־ציג פּלאָריגע האָטעלען, גרויסע אפּארטמענט הייזער, קירכען און שטאָד־טישע געביידען. מיט זייערע ברוטאַלע, אָבער אייגענארטיגע ליניען האָ־בען זיי זיך דערהייבען איבער די הייזער, פאר וועלכע די טריין איז פער־ביי־געלאָפען. אזוי ווי ריעזען־פעלזען, וועלכע קוקען מיט פערשטיינערטען שטאָלץ אויף דאָס ארומיגע, דערביי האָבענדיג דעם בעוואוסטזיין, אז אַלץ איז פערגענגליך, אָבער זיי זיינען אונבעריהרט.

ער האָט געליעבט ניו יאָרק. עס האָט איהם די גאנצע צייט געצויגען צו דער מעטראָפּאָלים פון דער נייער וועלט. נון, האָט ער אָבער געדארפט זיין וויַיט פון איהר; און וואָס ווייטער ער איז פון ניו יארק געוועזן, אַלץ מעהר האָט ער געבענקט נאָך איהר.

איצטער, אזוי פאָהרענדיג, האָט ער מיט זיין גאנצען וועזען גע־פיהלט, אז ער איז אין ניו יארק, און באַלד וועט ער דערזעהן דער ליעבער שוועסטער און שוואגער צו וועמען ער פאָהרט; און דערנאָך א בעגעגעניש מיט גוטע פריינד, דערנאָך פּילייכט מיט איהר... דאָ האָט ער זיך אבגע־שטעלט, א טראכט געטהאָן און דערביי דערפיהלט אזא מין פוילקייט און פאסיוויטעט אין זיין גאנצען אינערן, וואָס האָט איהם אין דער מינוט אפּאטיש און גלייכגילטיג, צו אַלץ אין דער וועלט, געמאכט.

ער האָט קלאָר געוואוסט צוליעב וועמען און צוליעב וואָס ער איז איצטער געקומען אין ניו יארק, נאָכדעם ווי ער האָט זיבען יאָהר פערבראכט אין וועסטליכע שטאאטען. ער האָט אַלץ געוואוסט, נור ער האָט זיך געפיהלט, ווי איינער, וואָס פאָהרט אויף אַ נייעם, פרישען פּלאַץ און ווייס נאָך ניט, וואָס עס ערוואַרטעט איהם.

און אָט שטעהט ער אין אריינגאנג פון אַ גרויסע, נייע אַפּאַרטמענט הויז און דריקט אַ שווארצען קנאָפּ פון אַ עלעקטרישען גלעקעל. אָט געהט ער אויף די ברייטע שטיינערנע טרעפּ; אָט קלינגט ער ווייטער. עס עפענט זיך אַ טהיר און אַנטקעגען איהם שטעהט אַ יונגע, בלאָנדע פרוי, נאָך איהר קומט נאָכגעצויגען אַ אינגעל פון אַ יאָהר זעקס: — דאָס איז זיין שוועסטער און איהר קינד. די פרוי, די בלאָנדע קוקט איהם אָן, ווייל עס איז דונקעל. דאָס קינד שטעהט פון הינטען, און האלט דער מוטער פאר'ן האנד. באלד לאָזט זי ארויס אַ אויסרוף פון פרייד און איבערראשונג:
„דזשאָ!“ און פאַלט אין זיינע ארעמס.

ווענען זי האָט גערופען דזשאָו, האָט זי צערטליך ארומגענומען, אריין אין הויז, און האָט איהר אַ קוש געטהאָן אויף די ליפּען. דערנאָך אין די אויגען, און אַ ברייטער, גומוטהיגער שמייכעל האָט זיך אויף זיינע ליפּען צובליהט.

— צום טייפעל, מינע, דו האָסט מיך שיעור ניט דערקענט, — האָט ער איהר אָבגעלאָזען און איהר נאָך אַלץ מיט ליעבע אָנגעקוקט. — פוי, שוועסטער, איך פיהל מיך פערמאַטערט.

זיי זיינען אריין אין אַ צווייטען שעהן אויפגעראַמטען גרויסען צימער. לעווין האָט זיך אראָבגעלאָזען אויף אַ שטוהל.

מינע האָט איהם מיט נייגירדע בעטראַכט און האָט מיט אמאָל אויסגעפּלאַצט אין אַ פרעהליכען געלעכטער:

— שעהנער מענש וואָס דו ביזט! וואָס האסטו ניט געשריבען, אַז דו קומסט? — אבער זעה ווי שעהן און געזונד דו ביזט געוואָרען!..

לעווין האָט זיך ארומגעקוקט, בעטראַכט דאָס גאַנצע הויז, וואו אומעדום האָט זיך געפיהלט אַ רייכע האנד, און ער האָט זיך דערמאַנט אָן שוואגער.

— וואָס מאַכט הערי? — האָט לעווין געפרעגט אויפ'ן שוואגער און אמאָליגען גוטען ברודער.

— אָללרייט — איז געקומען אן ענטפער. — ארבייט זעהר שווער...

— ווי געהען די ביזנעס?

— אָללרייט, — האָט די שוועסטער אזוי ווי ניט ווילענדיג גע־ענטפערט, — עס איז זיך ניטאָ אויף וואס צו בעקלאָגען.

לעווין האָט דערזעהן דעם אינגעל, איהם א כאפ געטהון און צוגעצויגען צו זיך.

דאס קינד האָט איהם פרעמד אנגעקוקט, און איז אזוי ווי ניט ווילענדיג צוגעגאַנגען...

— בעני, דאס איז דאָך אָנקעל דזשאו! — האָט די שוועסטער אויסגערופען און געגעבען דעם אינגעל מיט דעם צו פיהלען, אז ער זאָל זיין א מענש. — קים דהע אָנקעל, קים דהע אָנקעל, דזשאו!...

לעווין האָט א נעהם געטהאָן דעם זעקס־יאהריגען בלאָנדען בויטשיק און האָט איהם אויפגעהויבען אויף איין הויך מיט זיינע ליפען און האָט איהם גענומען ליידענשאפטליך קושען.

דער אינגעל האָט זיך אזוי ווי געפרעמדט און האָט גלייכגילטיג צו־גענומען די קושען.

— קים דהע אָנקעל, קים דהע אָנקעל, — האָט די מאַמע איהם מיט איהר טאָן געצוואונגען.

דער אינגעל האָט אָנגעשטעלט די ליפען און האָט מיט זיי קוים בע־ריהרט דעם אָנקעלס.

—אך דו לאופער, — האָט די מאמע זיך אזוי ווי געבייזערט און צו לעווין'ען זיך ווענדענדיג האָט זי צוגעגעבען: איך זאָג דיר, אז דאס איז א גאָלדערנע קינד, און דערביי האָט זי ארומגעכאפט דעם קינדס קעפעל און האָט זיך אליין מאַכענדיג פאר א קינד גענומען מיט פערפרעסטע ציינער איהם רייבען די באַקען, דערביי רופענדיג: אה דו לאופער, אה, דו לאופער!..

באַלד האָט זיך אָנגעהויבען א פרעגעניש און נאָכפרעגעניש, וועלכע האָט זיך געצויגען ביז וואַנען דער שוואָגער איז געקומען פון שאפ, און די זעלבע געשיכטע, מיט מעהר פרישקייט, האָט זיך ווידערהאָלט.

— אָבער ביזטו אַלט געוואָרען, — האָט לעווין גערעדט צו זיין שוואָגער, א מאן פון א יאָהר צוויי און דרייסיג מיט שוין א גרויקייט אין

די שלייפען און זעהר אויסגעמאגערטען, אָבער סימפּאַטישען, געזיכט, — זעה, גרוי ווי א טויב! אך צום טייפעל!

— און דו פּערקעהרט, ביזט אינגער געוואָרען, — האָט דער שוואָגער גוטמוטיג געלאכט. — אָט אזוי, גוטער ברודער, געהט עס, מען ווערט גרוי, מען ווערט אַלט, און און... ער האָט ניט געענדיגט גלייך, ער האָט א פּאָך געטהון מיט'ן האנד, אָנווייזענדיג א געוויסע ריכטונג, וואס דאס האָט געמיינט: און מיר פערשווינדען.

לעווין האָט איהם געפרעגט, ווי אזוי עס איז איהם איינגעפאלען גאָר אליין צו געהן אין ביזנעס.

— אָט זעהסטו, מיר איז אריינגעפאלען א געדאנק, און איך האָב קיין חרטה ניט, — האָט דער שוואָגער גערעדט. און האָט איהם דער־צעהלט ווי אזוי דאס איז צוגעגאנגען.

דאָס איז באלד געווען נאָך לעווינ'ס אוועקפאהרען, איז איהם איינ־געפאלען, אז ער זאָל אליין געהן אין ביזנעס. א ביסעל געלד האָט ער געהאט און דערצו נאָך א ביסעל צוגעליהען ביי גוטע פריינד, ער האָט אויפגעקלאפּט א שטיקעל סומע, און איז אוועק און האָט גענומען א קליי־נעם שעפּעל ערגעץ אין ספּרינג סטריט, אריינגעשטעלט דריי מאשינען, און באלד געקראָגען א פּארטנער, און ער איז ארויס קריגען ארבייט ביי דזשאבערס. דעם ערשטען יאָהר האָט מען זיך קוים מיט דער הוצאה דורכגעשלאָגען, דער פּארטנער איז ארויס, איהם האָט ניט געלוינט, איז ער געבליבען אליין, אזוי ווי אָבער ער האָט שוין געהאט א ביסעל ער־פאהרונג, האָט ער געוואוסט ווי און צו וועמען זיך צו ווענדען, האָט ער זיך א נעהם געטהון מיט אלע זיינע קרעפטען, און דער געשעפט איז אוועק, און ביי היינטיגען טאָג שטעהט ער זעהר גוט.

לעווין האָט איהם אויפמערקזאַם אויסגעהערט, דערביי האָט ער אויף איהם געקוקט און געטראַכט: וואס איז די פּעולה, אז מען האָט שוין געלד, אז מען בעצאָהלט פאר דעם מיט זעהר א טהייערען פּרייז? ווי אַלט ער איז געוואָרען!...

II.

אויף מאָרגען איז געווען זונטאג.

אזוי ווי אַלע פיזיש געזונדע מענשען, איז לעווין אָבגעשלאָפען די נאַכט, און נאָך ארייגעפאָהרען אַ שטיק אין טאָג, מיט איין אטעם. און ווען ער האָט זיך פּלוצלינג אויפגעכאַפּט, און די שאַרפע ליכטיגקייט פון טאָג האָט איהם אַ שלאָג געטהון אין די אויגען, האָט ער זיך געוואונדערט: עפּעס אַלץ ארום איז איהם אונבעקאַנט געווען. עפּעס גאָר אַן אנדער צימער, מיט אנדערע זאכען ארום איהם, דאַכט זיך אַן אנדער ליכט און לופט אפילו. ער האָט זיך אָבער באַלד דערמאָנט און אין גלייכער צייט האָט ער דערפיהלט אַ צוגום פון לעבענס־פרייד און עס האָט איהם שטאַרק הנאה געטהון, וואס ער לעבט און אטעמט די פרישע לופט.

אויף דער אַנדער זייט וואַנד, האָט לעווין געהערט ווי מען רעדט, מען געהט ארום. ער האָט דערקענט דעם שוועסטער׳ס און שוואָגער׳ס קול. עפּעס האָבען זיי גערעדט נאָכאַנאַנד; די שוועסטער האָט פיעל געלאַכט, אין מיטען האָט זיך ארייגעפלאַכטען דעם בויטשיק׳ס יונגער קול׳כעל, וואס האָט עפּעס געוואָלט, און די שוועסטער האָט אויף איהם געשריען. דערנאָך האָט מען עפּעס איבערגעשטעלט פון איין אָרט אויפ׳ן צווייטען. און דאס אַלץ האָט אין זיינע אויערען געקלונגען אזוי פרעמד, אזוי ווייט, אזוי ווי מען וואָלט דאס גאָר איבער׳ן וואַנד ניט גערעדט, נור פון ערגעץ אַ ווייטען אָרט.

לעווין האָט זיך אויסגעצויגען אויפ׳ן פּלייצע, פערלייגט די הענד אונטער׳ן קאָפּ און געקוקט גלייך אויף דער שטיק הימעל, וואס האָט זיך דורכ׳ן פענסטער געזעהען.

דער זעקס יאָהריגער פלימעניקעל האָט דער ערשטער אויפגעעפענט די טהיר פון זיין צימער, ארייגעשטעקט זיין בלאָנדע קעפּעל מיט אַ פּאָר גרויסע העלע אויגען, און האָט מיט זיין קינדערשען קול׳כעל געזאָגט אין אידיש:

— אָנקעל, שלאָפט? מאַמא זאָגט, עס שפּעט שוין...

— העללאָ! העללאָ, בעני! — האָט לעווין אויסגערופען און האָט אויסגעצויגען די האַנד און איהם אַ כאַפּ געטהון און מיט איין הויב איהם ארויפגעזעצט צו זיך אויפ׳ן ברוסט.

דאס קינד האָט זיך דערפיהלט היימיש און זיך גלייך איינגעזעצט רייטענדיג אויף זיין ברוסט. דערזעהענדיג די נאַקעטע הענד מיט די מוסקולען, וואס האָבען זיך גראַד, פון האַלטען די הענד אויסגעבויגען, הויך אויפגעהויבען, האָט ער זיך אויף זיין קינדערשען שטייגער געוואונ־דערט:

— אָה, אָנקעל, יו מאָסט בי סטראָנג! ע וואַט, ע מאַסעלס!

לעווין האָט איהם צוגעדריקט צום הארצען און גענומען קושען.

— סיי אָנקעל, ווען א׳ל בי ביג, א׳ל העוו סאָטש מאָסעלס, — האָט דער פּלעמעניקעל געפרעגט און אָנגעטאַפּט מיט זיינע פינגער דעם מוסקול.

— אָה, סוירטענלי, — איז איהם לעווין אריין אין טאָן.

— יו׳ל ביי מי א גאָן, אָנקעל? א ריעל גאָן...

— יע, יע, בעני, איך וועל דיר קויפען אַ גרויסען ביקס.

באַלד האָט ער זיך אויפגעהויבען און גענומען אָנטהון.

אין עס־צימער איז שוין דער טיש געווען געגרייט. זיין שוואָגער איז געזעסען אויפ׳ן וויעג־שטוהל מיט אַ שלאָף־ראָק און שטעק־שיך, שוין גלאַט אויסגעראַזירט מיט אַ ציגאַר אין ווינקעל פון מויל, אויפן שויס איז געלעגען צוואָרפען אַ זונטאַגס־צייטונג. אין הויז האָט געשמעקט דער אָנגענעהמער ריח פון פרישע קאַפע.

לעווין האָט אַ קוק געטהון אויפ׳ן שוואָגער און זיך הויך פונאַנדער־געלאַכט:

— מיין גאָט, זעה ווי דו זעהסט אויס!... אין אַ שלאָף־ראָק און שטעק־שיך, ווי אַן אַלטער מאַן... איך טהו דאס נאָך ניט אָן, ווען איך זאָל וויסען, אַז איך שטאַרב!...

דער שוואָגער האָט איהם גוטמוטיג אָנגעקוקט, האָט נאַכלעסיג ארויס געלאָזען אַ הויפען בלויען רויך, בעטראַכט זיין אַטלעטישען קערפּער און אין האַלב־שפּאַסיגען טאָן געזאָגט:

— נו, נו, מיין אַטלעט! ווער קען זיך גלייכען צו דיר, — מיר ווערען אַלט ...

— אָבער גוטער ברודער, דערצעהל מיר עפּעס פון אמאָליגע גוטע פריינד, — האָט לעווין זיך אוועקזעצענדיג מיט אמאָל אַ ווענד געטהון דעם שמועס. — דערהויפּט דערצעהל מיר פון מיין אמאָליגען גוטען פריינד גאָלד, זעהסטו איהם אמאָל?.. ער מוז שוין אודאי זיין אַ דאָקטאָר...

— איך זעה איהם זעהר ווענינ, — האָט דער שוואָגער געענט־פערט. — נור איך וויים, אַז ער וואהנט ערגעץ אין ברוקלין. ער האָט דאָרטען אַן אָפּיס.

— ער האָט התונה געהאַט מיט פריערא׳ן ... יע דאס האָב איך גע־הערט, — האָט לעווין גערעדט. — דו געדענקסט איהר?.. אַ שעהנע מיידעל געוועז.

— איך האָב איהר אין גאַנצען איין מאָל בעגעגענט, — האָט דער שוואָגער מיט אַ נאַכלעסיגען טאָן געזאָגט, — דער דאָקטאָר איז זעהר אַ וואולער מענש.

— אָה, איך וואָלט איהם שוין וועלען זעהען. — האָט לעווין גע־זאָגט. — איך האָב איהם אמאָל זעהר ליעב געהאַט, אַן אמתער אידעאַ־ליסט, — אָהן חכמות ...

די שוועסטער איז אריין פון קיך אין אַ מאָרגען ראָק, אַ פער׳עסק׳טע. נאָך איהר האָט די דיענסט, אַ פּוילישע שיקסע מיט געזונטע רויטע באַקען, נאָכגעטראָגען אַ טאַץ מיט קאַפע, פרישע ראָלס און פּוטער.

— אָבער ביזטו יאָסעלע איינגעשלאָפען, — האָט די שוועסטער גוטמוטיג גערעדט. — געהט צום טיש, קינדער ... הערי, גענוג שוין מיט׳ן פּייפער!..

לעווין האָט דערפיהלט, אַז ער איז צוריק אריינגעפאַלען אין דער בירגערליכער, אָבער היימישער ספערע. אין דער מינוט האָט ער געפיהלט יענע גליקזעליגקייט, וואס מען דערפיהלט נור, ווען נאָך אַ לאַנגען וואַגלען זיך אין קאַלטע לענדער צווישען פרעמדע גלייכגילטיגע מענשען, פאַלט מען צוריק אריין אין אַ וואַרימע היים צווישען אייגענע און פריינדליכע מענ־שען. און זיין האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרען מיט יענער מענשען־פריינד־ליכע ליעבע און געפיהלען, וואו אַלץ בעקומט זיך שעהן און אַנגענעהם,

און דאס גאנצע לעבען און וועלט בעווירדיגט דעם אייגענעם לעבען און זיין.

נאָכ׳ן געשמאקען ברעקפעסט האָט ער זיך בעקוועם אויסגעצויגען אויפ׳ן וויעג־שטוהל און גענומען די זונטאג־צייטונג. ער האָט ניט גע־לייענט. ווארום זייענדיג פרעמד פון די אַלע שטאָדטישע אינטערעסען און נייעס אין פארטזעצונגען, האָט דאָס איהם אַלץ איצטער זעהר ווענינ אינטערעסירט. ער האָט געבלעטערט די צייטונג אהין און צוריק און געקוקט נור אויף די בונטע פערנאנדער־געשמירטע בילדער און קארטונס, וואס דאס האָט פאר איהם געדיענט אַלס צייכען פון גאָר א מאָדנער, איבערפלעכליכער קולטור, אָבער אין דער זעלבער צייט אויך אָן אייגענ־ארטיגע. פאר דער צייט, וואָס ער איז געווען אין אמעריקא, האָט ער זיך אויסגעבילדעט אָן עכט אמעריקאנער פאטריאט און בירגער, כאטש ער האָט נאָך ניט געהאט יענע פּאַפּיערען, וואס זאָל האָבען איהם בערעכטיגט צו נעהמען לייסענס אויף א סאלון און געהן יעדען יאָהר צום שטים־קאָסטען.

נאָכדעם האָט ער זיך אָבגעגאָלט, אָנגעצויגען א טונקעל־גרויען אנצוג און איז ארויס מיט׳ן שוואָגער אין פארק.

דער גאַנצער פּארק האָט אויסגעזעהן ווי איין הערליכער פארבען־שפּיעל: שאַרף גאָלד און קופער־רויט געמישט מיט בלייכען גרין, האָבען פאר׳ן אויג א שפּיעל געטהון און געבליעבען פערגליווערט. א ריינער און בלייכער הימעל האָט זיך איבער׳ן פּארק געוועלבט און די זון האָט ליכטיג געשיינט.

אונטער די פיס האָבען זיך געריבען די אראָבגעפאלענע, טרוקענע בלעטער, און עס האָט פאר׳ן אויער זעהר ברוטאַל געקלונגען, גלייך ווי עס וואָלט דערמאָנט אָן א לעבען, וואס טריקענט און וועלקט.

אויף די וועגען פון פּארק, האָט זיך געפיהלט א דערהויבענע יום־טוב׳דיגע שטימונג: עס האָבען זיך געצויגען בייבי קערעדזשעס, געפיהרט פון יונגע מוטערס מיט ליכטיגע אויגען; יונגע לייט און מיידלעך האָבען אָנגעפילט דעם גאנצען פּארק. די פערשיעדענע פארבען פון די פרויען העטס און הערבסט קאָסטיומען, האָבען זיך הארמאָניש צוזאמענגעגאָסען און עס האָט פון וויטענס אויסגעזעהן פאר דער שארפער ליכט פון דער

זון, ווי א גרויסער סאַנאַזענץ, וואס איז דורגעשפּרינקעלט מיט פערשיע־דען־פאַרביגע פעלד בלומען.

כאָטש דער הערבסט, ווי געוועהנליך, שטימט גיכער אַן אויף האלב לירישע און טרויעריגע טענער, דאָך האָט לעווין אין דעם מארגען געפיהלט, גלייך ווי ער וואָלט טרעטען אויף זיין אייגענעם גרונד, און אלץ וואס ארום בעלאַנגט צו איהם, און ווען ער וויל נור שטרעקט ער אויס די האנד און נעהמט עס.

און אָט קומען אַן אַנטקעגען צוויי מיידלעך מיט ליכטיגע מאָרגען־אויגען און זעהר שעהנע הערבסט־קאָסטיומען. חן אַטעמט פון יעדער בע־וועגונג. די קליינע פיס מיט די זעהר שטייף ארומגעכאַפּטע געשפּילעטע שיך. דער שליטע ביים זייט פון קלייד, וואס לאָזט אזוי ווי ניט ווילענדיג אַבדעקען דעם אונטערשטען טהייל פון פוס ביז די קניע און עס גיט זיך א בעוויז פאר די אויגען א שעהן געפאָרמטע פוס, בעצויגען מיט א דורכ־זיכטיגען שווארצען זיידענעם זאָק — און איבער׳ן לייב געהט איבער א ווייכער שוידער.

צו דען זיינען זיי ניט זיינע? בעלאַנגען זיי ניט צו איהם?

ער האָט זיך אין דער מינוט געפיהלט שטארק און מוטהיג, און דאס גאַנצע לעבען איז פאר איהם געלעגען, כאָטש אפילו שוין אין הערבסט קלייד, אבער דאָך אין שעהנעם פארב און ליכט. און דאס בעוואוסטזיין, אז אלץ קען בעלאַנגען צו איהם, אויב ער זאָל נור וועלען, האָט זיך אין איהם פערשטארקט, און דאס, וואס ער האָט איצטער אלץ פערביי גע־לאָזען אונבעריהרט, איז עס נור געווען דערפאר, ווייל ער האָט דאס זעלבע געפיהלט, דאס וואס עס פיהלען אלע שטארקע געליעבטע, ווען זיי קענען נעהמען זאכען און נעהמען זיי דאָך ניט.

זיי האָבען איבערגעשניטען דעם פּארק און זיי זיינען ארויס צו דער מזרח זייט פון שטאָדט.

— מיט אכט, ניין יאָהר צוריק איז דאָ כמעט געווען ליידיג, און איצטער? — האָט לעווין ווי צו זיך אליין גערעדט און געוואונדערט אויף דער דאָזיגער פערוואנדלונג.

נייע, גלאַט געאספאַלטע גאסען, האָבען זיך ווי אָדערען גענומען פּו־נאַנדערציהען און זיינען וואו פערפאלען געוואָרען. פון ביידע זייטען האָ־בען זיך ענג געשלאָסען גאַנצע רייהען גרויסע הייזער ווי פון איין פאָרם

געגאָסען, אָהן די מינדעסטע פּרעטענזיע אויף שעהנקייט, אָבער מיט א גע־וויסען כאראקטער, און וואו, דאכט זיך, בעקוועהמליכקייט האָט ארויסגע־שפּריצט פון יעדער פענסטער.

אויף די טראטוארען האָבען זיך פיעל קינדער געשפּיעלט, אַלע יום־טוב'דיג אָנגעטהון. א גאממא פון קינדערשע פרעהליכע קולות, צונויפגע־מישט מיט דעם איינטאָניגען שארפען רודערען פון די ראָלינג־סקייטס, האָבען די גאסען פערליהען עפּעס גאָר א מאָדנעם אויסזעהען, און דערביי אן אָנווייזונג אויף א גאָר א נייער וועלט.

דער גאַנצער געגענד איז געווען בעוואָהנט בלויז פון אידען, און אין דעם פרייען שפּיעל פון די אידישע קינדער איז שוין געלעגען אן אבגרונד, אן אבגרונד, וואס האָט געסטראשעט א גאנצען פאָלק, און וועלכער, וואָלט אזוי ווי רײדען: פריהער אָדער שפּעטער, איהר וועט אין מיר זינקען.

לעווין האָט דאָס אַלץ געאהנט, אָבער דאָס האָט איהם אין דער מינוט ניט פערדראָסען, ווארום צופיעל איז ער געווען פערנומען מיט זיך אליין. ער איז געקומען אין ניו יאָרק אָנהויבען דאס לעבען אויף דאס ניי, און אַלץ איז דאָ אזוי שעהן און הערליך אין דעם אָסיענדיגען מיטען טאָג.

— קום אהיים, — האָט לעווין מיט אמאָל זיך א ווענד געטהון צום שוואָגער. — מינע וועט ווארטען פאר דינער.

זיי זיינען שווייגענדיג צוריק אהיים געגאַנגען.

III.

לעווין האָט פון די אמאָליגע בעקאנטע כמעט ווי קיינעם ניט געטראָפען אויף דעם זעלבען פּלאַטץ. יעדערער איז שוין געוועז פאר זיך א וועלט און געלעבט בעזונדער. אייניגע זיינען זיך צופאהרען, אייניגע האָבען אויסגעשטודירט און חתונה געהאט און געפיהרט א ריינעם ארענטליכען פאמיליען לעבען, און די יעניגע, וואס זיינען געבליבען טריי די אמאָליגע טראדיציעס פון האלטען זיך אין אַן אייגענעם קרייז, זיינען פערגליווערט געוואָרען אין יענעם צושטאנד, אזוי ווי מומיען, און האָבען לעווין'ען כמעט ניט אינטערעסירט. דאָך האָבען, די איינצעלנע פערבליעבענע לעווין'ען זעהר ווארים בעגעגענט און זיך דערפרעהט מיט איהם.

לעווין איז געוועז פון יענע נאטורען, פאר וועלכע מען האָט רעספעקט און דאָך האָט מען זיי ליעב. זיין געזיכט איז געוועז אזוי געבויט, אז ווען ער האָט געשוויגען, האָבען זיך די גערייכטע שווארצע ברעמען אזוי ווי אין א קלין ביי דער נאָז צונויפגעקומען, און ארום די מויל-ווינקלען האָבען זיך קליינע קנייטשען אויסגעלייגט, און דאס האָט זיין געזיכט אָפט הארט און אבשטויסענד געמאכט. אָבער ווי נור ער האָט אָנגעהויבען צו ריידען, אזוי איז דער גרויזאמער אויסדרוק פערשוואונדען און איז פערביטען געוואָרען מיט אַן אָפענעם און גוטמוטהיגען אויסדרוק.

לעווין איז געוועז אַן עכטעס קינד פון צוואנציגסטען יאהרהונדערט: — א קינד פון שטאָדט. ער האָט פון דעם פערשטאָרבענעם יאהרהונדערט ארויסגעצויגען די אידעען פון רעכט און פרייהייט און זיי איבערגעקאָכט אין דעם נייעם יאהרהונדערט אויף זיין אייגענעם שטייגער. אזוי ווי א קינד, פון א צייטאַלטער פון קרענקליכער רעפיינמענט און נעווראסטעניע, האָט ער אויך בעלאנגט אין גייסט צו דער דאָזיגער קולטור, כאָטש פיזיש האָט ער בעלאנגט צו אַן אנדער קולטור.

ער האָט זעהר פיעל געלייענט, פון אַלץ אין דער וועלט געהאט אַן אויבערפלעכליכען בעגריף, און אין קיין איין זאך, פאר קיין פאַל אין

דער וועלט, זיך ניט געקענט ספּעציאַליזירען. ער האָט אויך געהאַט א געזונטען געפיהל פאר'ן סאָציאַלען לעבען און אויך א קולטור־עטהישע בעציהונג צו אַלע לעבענס ערשיינונגען. דער הופּט גרונד פון זיין כאַ־ ראַקטער איז געוועזען די איינגעבאָרענע הערצליכע איינפאַכקייט מיט א גרויסע פעראַכטונג צו אַלץ, וואס איז אונגאַטירליך או אויפגעבלאָזען.

לעווין האָט געקלונגען דאַקטאר גאָלד'ס גלעקעל.

די טהיר האָט זיך פון אינוועניג געעפענט און א בויטשיק פון א יאָהר פיערצעהן האָט די טהיר פון אינוועניג צוגעהאַלטען און צו גלייכער־צייט געקוקט מיט צוויי גרויסע אויגען אויף לעווין'ען.

— איז דער דאָקטאר צו הויז? — האָט לעווין געפרעגט אריינגע־ הענדיג טיעפער אין קאָרידאָר.

דער בויטשיק האָט געעפענט א זייט־טהיר און געזאָגט:

— באַלד קומט ער ארויס, — און איז פערשוואונדען.

לעווין איז אריין אין ווארט־צימער, וואו עס האָט געשמעקט א שטאַרקער גערוך פון יאָדאפאָרם און קאַמפאָר. לעווין האָט זיך געזעצט און דערווייל בעטראַכט דעם צימער:

א געוועהנליכער ווארט־צימער מיט דונקעלער דראַפּירונג, א טיש אין מיטען, פערלייגט מיט צייטונגען און זשורנאַלען, ביי די זייטען עט־ ליכע אַלטע ווייכע שטוהלען פון געמישטען סטיל. אויף די וואנד זיינען געהאנגען עטליכע גראַוויורען פון דער אַלטער שוהל, און אויך איניגע רעפּראָדוקציעס פון מילע און קאָרא אין ברוינעם טינט. ביי דער וואַנד א גרויסע מאַהאָגאָני ביכער־אַלמער מיט גלעזערנע טהירען, דורך וועלכע עס האָבען ארויסגעקוקט גראָבע רוקענס פון ביכער, מיט זעהר פיעל גאָל־ דערנעם שריפט אויף זיי.

א ווײַלע שפּעטער האָבען זיך די טהירען פון עמפּפאַנג־צימער פור־ נאַנדער גערוקט און אין זיי אין געשטאַנען דאָקטאר גאָלד.

לעווין האָט איהם גלייך דערקענט.

דאַקטאר גאָלד איז געוועזען א מאַן פון א יאָהר צוויי און דרייסיג, א ברונעט מיט א מאָגער בלאַסען געזיכט, ארומגעפריימט פון א שווארצען בערדעל, און מיט אויגען־גלעזער. דאס איז געוועזען איינע פון יענע שעהנע

אָבער גאַנץ געוועהנליכע געזיכטער, וואס מען בעגעגענט זיי צווישען דער מעדיצין פּראָפעסיע, אויף שריט און טריט.

דער דאָקטאָר איז געשטאַנען אין די פונאַנדער געעפענטע טהירען און האָט מיט אַן אָנגעשטרענגטען בליק געקוקט אויפ'ן אונבעקאַנטען יונגען מאַן, וואס האָט זיך פון אָרט ניט גערירט.

לעווין'ען האָט זיך פערגלוסט טרייבען מיט'ן דאָקטאָר אביסעל שפּאַס און ביי דעם געדאַנק האָט ער אַ שמייכעל געטהון, זיך אויפגעהויבען און פאמעלאך אויף איהם אַנגעקומען.

דאָקטאָר גאָלד האָט נאָך מעהר אָנגעשטרענגט זיין קוק, אַזוי ווי ער וואָלט זיך וועלען עפּעס איבערצייגען, און האָט שטיל, ווי צו זיך אליין, געזאָגט:

— דאַכט זיך אַ בעקאַנטער... אָך! — האָט ער מיט אמאָל אויס־געשריען — לעווין!..

לעווין האָט געשמייכעלט:

— יע, דאס בין איך...

זיי האָבען זיך ארומגענומען און צוקושט

נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך פונאַנדער גענומען, האָט איהם דער דאָקטאָר מיט ליעבע אָנגעקוקט און ווידער אויסגערופען:

— יע, דאס ביזטו, יע, דו מיט די ביינער!..

זיי זיינען אריין אין עס־צימער. דער דאָקטאָר האָט געהייסען דער דיענסט מאַכען טהעע.

— נור, וואס איז דאס עפּעס פּלוצלינג! — האָט דער דאָקטאָר צו־פריעדען גערעדט און ער האָט געריבען די הענד איינע אין די אַנדערע — אזוי ווי פון הימעל אראָפּגעפאַלען!

לעווין האָט געשמייכעלט:

אָט ס'האָט זיך פערוואָלט... נו, ווי געהט דאס דיר?

— ניט שלעכט... וואו ביזטו דאס געווען די גאַנצע צייט?

— וואו די וועלט האָט אַן עק. — האָט לעווין געשמייכעלט און ווייטער געפרעגט: זאָג מיר וואס איז מיט דיר? דו האסט שוין אַן אָפּיס, איך זעה... און וואו איז פריעדא?

דעם דאָקטאָרס געזיכט האָט זיך פערכמאַרעט.

— פריעדא?... איך ווייס ניט...

לעווין האָט זיך עפּעס אנגעשטויסען. ער האָט געשוויגען.

ערשט האָט ער בעמערקט, אַז אין הויז ארום פעלט יענע גוטע אָר־דנונג, וואס איז צו בעמערקען אין אַ הויז, וואו עס איז דאָ אַ גוטע בעל־הבית'טע, — און פריעדא איז דאָך אַ גוטע בעל־הבית'טע געוועןָ.

ער האָט אָבער דאָך געפרעגט:

— וואו איז פאָרט פריעדא?

דער דאקטאר האָט ניט געענטפערט, ער האָט נור אַמאָך געטהון מיט'ן האנד. דער מאָך האָט אויסגעדריקט זעהר פיעל אונצופריעדענהייט און דערביי שוין אויך אָנגעוויזען, אַז זי איז אַוועק.

לעווין האָט אויסגעצויגען אַ לאַנגען פייף און האָט דערביי געשאָ־קעלט מיט'ן קאָפּ:

— הערסטו?..

זיי האָבען ביידע געשוויגען.

לעווין האָט זיך אויפגעהויבען, זיך דורכגעגאנגען אַ פּאָר מאָל איבער'ן צימער און איז ענדליך געבליבען שטעהן פאר'ן דאקטאר.

— אָבער ווי אזוי האָט דאס פּאַסירט?!.. צום טייפעל! איך פערשטעה גאָרישט...

— וואס איז פאראן צו פערשטעהן? — האָט דער דאקטאר ביטער געזאגט. — דו הערסט דען פון אזעלכע זאכען צום ערשטען מאָל?

— אָבער, פריעדא? די גוטע פרומע פריעדא?!.. ווי אזוי האָט דאס געטראָפען?

דער דאקטאר האָט אַ צורייצטער זיך פונאנדער געלאכט:

— „די גוטע פרומע פריעדא“! — נור גענוג! אַ וואָרט ניט דער־פון!..

לעווין האָט זיך ארומגעדרעהט איבער'ן צימער הין און צוריק. ביי איהם אין הארצען האָט זיך אַ וועהטאג פונאנדער געוואקסען. ער האָט גוט געקענט דעם דאזיגען וועהטאג; דעם זעלבען וועהטאָג, וואָס דער דאקטאר פיהלט איצט, האָט ער אויך אַמאָל איבערגעלעבט, און ער איז נאָך אין גאנצען פון דעם ניט אויסגעהיילט.

ער האָט זיך מיט אמאָל אבגעשטעלט, צוגעגאנגען צום דאָקטאר און האָט מיט אַ צורייצטער אויפגעלעבקייט געזאגט:

— המ, גאלד, זעה ווי דו זעהסט אויס... ווי אַ טוידטער... מיין

גאָט, פאר וואס זאָלען פון דיר וויבער ניט ענטלויפען?.. א בערדעל ארום בלאסען געזיכט, א צייכען פון שוואכקייט און נארישען סענטי־מענט... דאס האָר צו לאנג... היינט די גלעזער, — צו וואָסער טייפעל דאַרפסטו זיי, דו האָסט אמאָל קיין גלעזער ניט געטראָגען?!.. מיט איין וואָרט, אלע שאבלאָנע געזיכט בעפּוצונגען, וואָס האָבען אמאָל אויסגע־דריקט פּאָעטישען פיהלען און איבערגעפּוילטען אידעלאזימוס. היינט ברודער געהט עס מעהר ניט... היינטיגע פרויען האָבען עס אינסטינקטיוו פיינד.... שער דאָס אלעס אָפּ, קריג א גלאטען ריינעם געזיכט, גיס אריין פרישע בלוט אין דיינע אדערען!... מאַך גימנאסטיק, ענטוויקעל דיינע מוסקולען, און דעמאָלט און דעמאָלט....

לעווין איז געשטאנען און האָט דעם דאָקטאר בעטראכט פון אלע זייטען. אין דער זעלבער צייט, וואָס אויף זיינע ליפּען האָט געשוועבט א לייכטע איראָניע, האָבען אָבער זיינע אויגען אויסגעדריקט אונענדליכע טרייהייט און ליעבע, און ער האָט ווייטער אין דעם זעלבען טאָן גערעדט:

— זעה נור, וואָס פאר א העמד דו געהסט!... א דאָלאר העמד!.... זייד, זייד!... היינט איז א צייטאלטער פון זייד!... הער, גאָלד, וואָס איך וועל דיר זאָגען, גיעב דיך איבער אין מיינע הענד אויף א קורצע צייט. איך וועל פון דיר מאכען א לייט... וויפיעל ביזטו איצטער אלט? דרייסיג צוויי און דרייסיג?... איך בין אויך אין דער עלטער... ס'איז אייגענטליך די בעסטע יאָהרען, פאר אונז שטעהט נאָך פאר א שעהנער און מילדער הערבסט, דאָס, וואָס ביי אונז אין אמעריקא הייסט „אינדיען זומער"... ניט געזאָרגט, ניט געזאָרגט... פריעדא וועט צו דיר קומען און פאלען צו דיינע פיס... הערסט?... זי וועט קומען!... איצטער וועגען וואָס אנדערש, דערצעהל עפּעס, וואָס הערט זיך אויף דער איסט סייד.

דער דאקטאר האָט איהם אין קורצען געשילדערט די גאנצע איסט סייד, צו וועלכער ער האָט זיך איצטער נעגאטיוו בעצויגען. ער האָט פערשפּאָטעט די סאָציאליסטישע בעוועגונג, געמאכט חוזק פון דעם אנארכיזם, און האָט מיט ענטוישונג גערעדט וועגען דער נאציאָנאלער בעוועגונג, אין וועלכער ער האָט געגלויבט, און וועלכע איז נאָך איהם היינט צו טאָג אויך ליעב, — אָבער זעהר פיעל איז דא אויסצוזעטצען. אין דער מאָס ווי ער האָט אזוי אלץ ביטער פערנײנט, אלץ מעהר איז ער געוואָרען אויפגערעגט.

IV.

— מיר זיינען די לעצטע... מיר וועלען שליסען די טויערן פון דעם יאהרהונדערט. — דערנאָך אנארכיע! — האָט דאָקטאר גאלד מיט פער־ביטערקייט גערעדט און זיינע שווארצע אויגען האָבען אונהיימליך גע־גלאנצט.

לעווין איז געזעסען אנגעלעהנט אן וועגטיל פון קאנאפע, פערלייגט א פוס אויף א פוס, גערייכערט א סיגארעט און דערביי גוטמוטיג געקוקט אויפ'ן דאָקטאר און נאכגעפאלגט זיינע בעוועגונגען, גלייך ווי ער וואלט וועלען דורכדרינגען דעם גאנצען פראָצעס פון דעם דאָקטאר'ס געדאנקען־גאנג.

דער דאָקטאר האָט ווייטער גערעדט:

— אָט וואָס!.. ביי היינטיגען טאָג דוכט זיך מיר, אז מיר און די גאנצע ציוויליזאציע ליגען אין דער האנד פון א שווארץ־קינסטלער, וועלכער טרייבט מיט אונז שפאס און ווייזט אונז אפריהער, אין אונזער פולען גרויס, דערנאָך ווערען מיר אלץ קלענער און קלענער, ביז וואנען מיר פערשווינדען אין גאנצען, אין די פאלדען פון זיינע ארביל... יע, יע, אזוי איז דאָס!... דו הערסט, לעווין?

לעווין האָט געהערט, אָבער ער האָט ניט פרעשטאנען וואוהין דער דאָקטאר ציעלט. ער האָט שטיל געזאגט:

— איך הער... רייד ווייטער.

— יע, רייד ווייטער, — האָט דער דאָקטאר אזוי ווי מיט פערדרוס געזאגט, אליין ניט פיהלענדיג, וואס ער האָט געזאגט. — איך פרעג דיך, לעווין, וואָס האָט דער לעצטער יאהרהונדערט אויפגעטהאָן?... זאָג מיר וואָס?... דו וועסט דאך מיר אנווייזען מיט'ן פינגער אויף אלץ, וואָס ארום אונז... זאָג איך דיר, ניין. ניט דאָס האָט ער אויפגעטהאָן!.. ניט דאָס, ניט דאָס!... דער לעצטער יאהרהונדערט האָט בעשאפען דעם פי־ליסטער, די גרעסטע פערזעהעניש, וואָס האָט וועג עס איז עקזיסטירט! און זעה נור אדרבא, וואָס דער פיליסטער טהוט אויף? ! אָט דער זעלביגער

פיליסטער פערשפּאָט זיך אליין, ווייל צורייסען די שטרויענע קייטען, וואָס ער האָט אַמאָל אין אן אנפאל פון א געוויסער משוגעת, אויף זיך ארויפ־געלייגט; און דערביי שניידט ער אזעלכע גרימאסען מיט אזא ווילדע אָנשטריינגונג, גלייך ווי ס׳וואָלטען אייזערנע קייטען געוועזען. ער קעמפּפט מיט אלץ און אלעמען: ער קעמפּפט מיט גאָט, ער קעמפּפט מיט רעגיערונגען, ער קעמפּפט מיט דער לאָגיק. ער איז געגען אלע דאגמען און בעשאפען דאָגמען. ער איז געגען שאַבלאָן און זינקט אין שאַבלאָן... מיין גאָט!... מיין גאָט!... דאָקטאר גאָלד האָט זיך געכאפּט פאר׳ן קאָפּ, אזוי ווי בעהערשט פון א שטארקען מאָראלען וועהטאג.

לעווין, וועלכער איז געוועזען א פיינער בעאבאכטער, האָט געוואוסט די אורזאך, פאר וואס און פאר ווען, דער דאָקטאר רעדט אזוי פער־ביטערט. דעריבער האָט ער געשוויגען און דער דאקטאר איז ווייטער אָנגעגאנגען:

— דאָס גאנצע, דאָס גרויסע, וואָס דער מענשליכער אינטעלעקט האָט געשאפען פון יאהרהונדערטע, ווערט צוטראָטען און פערברענט פון א געוויסע באנדע אונטערצינדער!... אונטערצינדער!... דאָס אונלאגישע, אבסורד און קרענקליכע היסטעריע ווערט דערטריבען צו פילאסאפיע: — און דעמאלט אנארכיע!... מיר זיינען פון די לעצטע, פון די לעצטע מענ־שען, פון די לעצטע אידען!... דו זאגסט אידען!... דער טוידט שניידט דאך אונז ווי מיט א קאסע. מיר שטארבען אוים ווי די פליגען ווען דער ווינטער קומט! מיר קענען ניט פערטראגען קיין פרעמדע קולטור! און ווען מיר קומען יע אין בעריהרונג מיט פרעמדער קולטור, דעמאלט שטארבען מיר... אלע אונזערע פעסטונגען זיינען געפאלען. די אונטער־צינדער האָבען אלץ אין פייער געזעצט... די לעצטע פעסטונג: פאמיליען און געשלעכטליכע ריינקייט האלט אין פאלען... מיין גאָט! וואָס פאר א געשלעכטליכער אונצוכט!... וואו דו קעהרסט זיך און ווענדסט זיך הערסטו אָט דעם געשטאנק און דיר דאכט זיך, אז אלץ איז פערוואנדעלט געוואָרען אין א שמוציגען בארדעל, וואו טויזענדע אונצוכטען בעזעסען פון פוילקייט־מיקראָבען שווענקען זיך אין געשלעכטליכער בלאָטע...

דאָקטאָר גאָלד האָט זיך אבגעשטעלט. זיינע אויגען האָבען פיבעריש געגלאנצט און צוויי ליידען־קנייטשען האָבען זיך טיעף פון די נאָז ווינקלען, ביז איבער׳ן מויל, אראָבגעצויגען.

„אָט וואו דער וועהטאג איז“, — האָט לעווין א טראכט געטהאָן און ער האָט דעם דאָקטאר בעדויערט.

פון צווייטען צימער האָט דער טעלעפאָן געקלונגען.

— זיי מאַבען מיר קראנק, — האָט דער דאָקטאר מיט אנגסט געזאָגט און איז אזוי ווי ניט ווילענדיג אריין אין צווייטען צימער.

באלד האָט ער זיך אומגעקעהרט און דער ליידענדער אויסדרוק האָט גענומען פערשווינדען.

— איך וואָלט זעהר קיין חשק ניט געהאט, גראד איצטער אוועקצוגעהן, — האָט דער דאקטאר גערעדט — אבער מען מוז... ווען מען רופט צו א קראנקען, וואו מען נעהמט קיין געלד ניט, דעמאָלט מוז מען לויפען.

— האָט ער שמייכלענדיג אויסגעלאזען.

לעווין האָט זיך אויפגעהויבען.

—אויב דו האסט חשק זיך דורך צוגעהן, לאָמיר נעהמען א שפּאציער איבער'ן בריק, — האָט דער דאָקטאר געזאָגט צוגעהענדיג צום פענסטער.

— עס איז זעהר א שעהנער טאָג.

— אלל רייט. איך געה, — האָט לעווין געזאגט און האָט אנגענומען דעם דאָקטאר פאר'ן ארים, און איהם גוטמוטיג אנגעקוקט: — זעהסטו, ברודער, איך האָב גארנישט איינצואווענדען געגען דיין אויסברוך, —אָבער צו וואָס דארף מען דאָס? קען מען דאס זעלבע ניט ריידען קאלטבלוטיג? וואצו אזוי פיעל ענערגיע מיט הארץ?... לעווין האָט א קוועטש געטהאָן מיט די אקסלען.

— דו ביזט א פלעגמאטיק, — האָט דער דאָקטאר א מאך געטהון מיט'ן האנד, — מיר, ברודער, קאָסט דאָס געזונד... דו געדענקסט דאָך מיך פון אמאָל!...

דיביידע פריינד זיינען ארויס אין דרויסען, וואו עס האָט אין בלויען הימעל ליכטיג אוןווארעם געשיינט די זון.

צום בריק צוגעהן איז געווען ניט ווייט. באלד זיינען זיי ארויף אויפ'ן בריק, וואו הארט נעבען זיי האָט זיך פון איין זייט מיט גערויש געצויגען א טריין, און פון דער אנדער זייט א גאנצע פּראָצעסיע פון טראָלי קאָרס.

דאָס איינטאָניגע רוישען און קלאפּען פון רעדער האָט זיך אויף א מינוט ניט איבערגעהאקט, און עס האָט געמאכט דעם איינדרוק, אזוי ווי

זיי וואלטען אריין אין א געדיכטען וואלד אין דער מינוט, ווען א שטורם האָט גראד אויסגעבראכען.

דער מעכטיגער פּלומפּער טהורם, אזוי ווי פון גיגאנטישע אייזערנע לייטער צוזאמען געשטעלט, האָט זיך דערהויבען מיט א גראנדיעזער שווערקייט און מאכט, גלייך ווי ער וואלט דיענען פאר א סימבאל און אנ־זאָגען א צייט־אַלטער פון שטאָל און אייזען, ארבייט און ענערגיע פאַר א יונג זעלבסט אויפגעקומענער נאציאָן.

די אונגעהייער דיקע, מיט מילך־שטאָל בעגאסענע, קייבעלס, האָבען זיך, אזוי ווי די פאדערשטע פיס פון א ריעזיגען אקטאפּוס, אין גראַציעזער ליניע אראָבגעלאזען פון דעם שפּיטץ טהורעם און פעסט צוגעהאלטען דעם האלב־געבויגענעם בריק, וואס איז געהאנגען איבער׳ן איסט ריווער.

לעווין איז געגאנגען און האָט דאָס אַלץ בעטראכט, גלייך ווי ער וואלט דאָס צום ערשטען מאָל געזעהן. דער דאָקטאר איז געגאנגען און האָט זיך אפילו ניט אומגעקוקט, און זיין אויסדרוק איז געווען פון א מענשען א פערזארגטען, גלייך ווי ער וואלט זאגען: וואָס געהט דאָס מיר אַלץ אָן ? !

אין מיטען בריק, וואו דער בויג דערגרייכט דעם מיטעלפּונקט, האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט. זיי זיינען פונקט געשטאַנען אין מיטען איבער׳ן וואסער.

דער דאָקטאר האָט וואָס גערעדט, נור לעווין האָט איהם כמעט ניט געהערט. זיין אויג האָט געבלאנדזשעט איבער דער פאנטאזמאגאָרישער זעהונג, וואָס האָט זיך פאר איהם ענטפּלעקט. זיין הארץ איז אָנגעפילט געוואָרען מיט א זאנדערבארען געפיהל, א געפיהל, וואס ער האָט נאָך קיינמאָל ניט איבערגעלעבט.

דער איסט ריווער האָט זיך אין האלבען בויג, ווי א געדיכטע פליסיג־קייט נאכלעסיג פונאנדער געשוואומען און זיך בעהעפט הארמאָניש מיט׳ן הימעל און מיט דער זון, און דאָס האָט די אבערפלעכע פונ׳ם וואסער גע־מאַכט אויסצוזעהן, דא ווי גלאט געשליפענע שפּיגעל, און דא ווי אין א שופען בערעקטען פאנצער, און אין אַלגעמיינעם געגעבען דעם איינ־דרוק פון א ריעזיג גאָלדענעם מאָריי, וואָס האָט זיך פלוצלינג פונאנדער־געוויקעלט, אין דער צייט ווען די זון האָט זיך א שפּיעל געטהון איבער די געשטיקטע קווייטען.

הויך איבער'ן וואסער האָט זיך פון דער ווייטען אויפגעהויבען דער נייער בריק, און הינטער איהם דער אלטער בריק מיט די שווארצע מאַסיווע טהורמען און מיט א נעטץ פון שטריק, אזוי ווי א פּאוטינע.

דער נייער בריק מיט די צוויי שלאַנקע שטאָלענע טהורעמס, מיט די לאַנג אראָבגעלאזטע קייבלען און די דראַטענע שטריק, וואָס זיינען ווי סטרונעס געוועזן אנגעצויגען, האָט פון ווייטען אויסגעזעהן גלייך ווי צוויי ריעזיגע הארפען וואלטען שטעהן איינע קעגען די אנדערע, און אין דער מינוט האָט זיך געבעטען אז אימעצענס א מעכטיגע האנד זאָל מיט די פינגער איבער די סטרונעס איבערלויפען און נעהמען עפּעס א גאָר ווילדען אַקאָרד.

די ברעגען פון ביידע זייטען, מיט די פעקטאָרים און הויכע קוימענס, פון וועלכע עס האָט נאכאנאַנד געשפּארט א שווארצער רויך, האָבען זיך, ווי ציינער אריינגעשניטען אין וואסער. אויפ'ן וואסער האָבען געשוואוּמען פערשיעדענע שיפלאַך, פּערים און שווער געלאָדענע בארזשען. יעדע ווייַלע האָט זיך געהערט אן אנדער פייפען, וואָס האָט זיך אריינגעריסען אין דער לופט מיט א געוויסער מעלאנכאָליע, און דערמאָנט, אזוי ווי, אן גאָר אן אנדער וועלט, א וועלט וואָס עקזיסטירט נור אויפ'ן וואסער.

ווייטער האָט זיך פונאנדער געשאטען די שטאדט מיט טויזענדע פלאכע דעכער, און קוימענס, אזוי ווי א בית עולם. און נאָך העכער האָט זיך די שטאדט אויפגעהויבען ווי א וואנד פון שפּיציגע פעלזען און האָט זיך אין דונקלער ניט דייטליכקייט אויסגעמאלט אויפ'ן גרונד פון הימעל.

וואָס עפּעס איז געווען אויפ'ן הימעל אין יענעם אָרט, וואו עס האָבען זיך דערהויבען די שפּיציגע טהורמען, וואָס האָט דערמאנט אן יענע אונבעגרייפבאַרע הימלען, וועלכע ווערען געזעהן אין חלום. — הימלען, וואס איז שווער צו בעשטימען זייער פארב. הימלען, וואָס דא הייגען זיי הויך און דא ניעדעריג: אין גאנצען עפּעס א מאָדנער צו־זאמען־געמיש פון דונסט און שאטען.

העכער פון די אלע איבעריגע געביידען האָט זיך דערהויבען דער וואולוואָרטס טהורם, און איז שלאנק ארויסגעוואקסען פון צווישען די דעכער און שפּיטצען פון די איבעריגע געביידען, און האָט אזוי ווי מיט שטאָלץ געקוקט פון דער הויך ארום זיך, גלייך ווי ער וואלט זאָגען: זעהט

איהר קיינער איז נאָך צו מיר ניט דערוואקסען. איך בין פון אייך אלעמען העכער.

אזוי ווי אלע פאַנטאַזטישע בערג פון דער וועלט, וואלטען זיך אויפ־געקליבען אויף איין אָרט, אזוי האָבען זיך בעהעפט אלע דרעמלענדע דונקלע געביידען און האָבען געשלאָסען א קייט פון ריעזען. אויף דער גאנצער ליניע איז געהאנגען א כמארע, א דונקעל בורדאָענע כמארע. פון די שפּיטצען דעכער האָבען זיך געצווייגען און געקייקעלט אין גערינגטע רינגען קלובעס פּוך־ווייסע פּארע און עס האָט אויסגעזעהן אזוי ווי טויזענדע וואולקאנען אויף איין אָרט פערזאַמעלט.

פון דעם רויך און פּארע האָט זיך די לופט ארום אנגעפילט מיט עטוואס אונהיימליכעס און מיסטעריעזעס, און דאָס אלץ האָט מעהר דערמאָנט אן די געוועלטיגונג פון א פינסטערע מאכט, אן די געוועלטיגונג פון א צושטערענדען גייסט, וואָס האָט, אזוי ווי בכיון, אנגעבויט אזוי פיעל, כדי ער זאָל דערנאָך האָבען, וואס צו צושטערען, און דערווייל־ע האָט ער איבער דעם אלץ געלאזט הייגען זיין שווערען און דומפּפען אטעם.

אזוי ווי אין א חלום, האָט זיך איבער דעם אלץ פערשפּרייט א שלייער: א לייכטער גאז האָט ארומגעוויקעלט דער וואונדערבארער גרופּע פון געביידען, און עס האָט נור אין דער מינוט געפעלט, אז אימי־צענס א האנד זאָל פּאַמעלאָך א נעהם טהון דעם ברעג פון שלייער און דאס מיט אמאָל אבדעקען און די זון זאל זיך א שפּיעל טהון אין די אונצעה־ליגע פענסטער, און זיי אנצינדען ווי ליכט, און דערביי אויך בעגילדען די קארניזען און שפּיטצען פון די פערגליווערטע אייזבערג.

לעווין איז געשטאנען ווי פערגאפט. ער האָט פון גארנישט גע־טראכט; ער האָט שטום און אונבעוואוסטזיניג אבגעשפּיעגעלט די וואונדערבארע זעהונג, און ער האָט דערביי געפיהלט א געוויסען מיסטישען שרעק, און אין דער זעלבער צייט אויך א זעלטענעם פערגעניגען.

ער האָט זיך מיט אמאָל א טרייסעל געטהון, אזוי ווי א מענש, וואָס כאפּט זיך אויף פון א פּלוצלינג אנגעפאלענעם שלאָף.

פון אונטער'ן בריק איז א פּערי ארויסגעשוואומען אויפ'ן גלאט פון וואסער, און א לאנגער מעלאנכאָלישער פּייף האָט די לופט, ווי מיט א בייטש אויף דער העלפט אבגעטהיילט.

— דאָקטאר גאָלד, וואָס זעהסטו אין דעם אַלעם ? !... — האָט לעווין מיט אמאָל געפרעגט און האָט איין האנד ארויפגעלעגט אויף זיין שולטער און מיט דער צווייטער האָט ער אנגעוויזען אויף דאָס גאנצע ארומיגע בילד.

דער דאקטאר האָט זיך אויף א ווײַלע פערטראכט און האָט דערנאָך אין א שטילען נאאיווען טאָן געזאָגט :

— איך זעה אין דעם אַלץ א שפּיעל פון יענער אונזיכטבארער האנד, וואָס היינגט, ווי א וואָלקען, שטענדיג איבער אונזערע קעפּ און ריכטעט בלינד אונזער שיקזאל... איך וויים ניט פאר וואָס, נור מיר דוכט זיך, ווען איך קוק דאָס אַלץ אָן, אז דאָס אַלץ הערשט גאָרנישט, עס עקזיסטירט ניט אין דער ווירקליכקייט ; דאָס איז נור איינער פון יענע אפּטישע נארערייען, וואָס לאָזט אונז ווייט פערפיהרען און מאכט אונז גלויבען אין דאָס, וואָס ס'עקזיסטירט ניט... אָבער אין איין שעהנעם פריה־מאָרגען וועט דאס אַלץ פּלאצען ווי א זייפענבלאָז....

לעווין האָט א קוק געטהון אויפ'ן דאָקטאר. אין דער ארט און ווייזע, ווי דער דאקטאר האָט עס פארגעטראגען איז געלעגען אזוי פיעל ענטוישונג, אזוי פיעל רעזיגנאציאָן און יאוש, אז לעווינען האָט אבגענומען דער חשק, וואָס צו זאָגען וועגען דעם. וואָרום ער האָט געפיהלט, אז ער וואלט עפּעס צושטערט און גאָרנישט פאר דעם צוריק געגעבען.

זיי זיינען שווייגענדיג אראָפּ פון בריק און האָבען זיך מיט אמאָל געפונען אין דער הארץ פון דער אידישער געטאָ.

אין די שמאָלע גאסען איז געווען ענג און שמוציג, חאטש אין דרויסען איז געווען שעהן און די זון האָט ליכטיג אוןווארעם געשיינט, דאָך זיינען די גאסען געווען צוגעדעקט מיט א פייכטען שמוטץ. די טראטוארען זיינען געווען פארשטעלט מיט פוש־קארס מיט אַלערליי סארטען פרוכט און מאנופעקטור און טויזענד אנדערע פערשיידענע ארטיקלען.

איבער'ן גאס איז געהאנגען א מאָדנער טומעל : פערשיידענע קולות האָבען זיך אויפגעמישט. יעדערער האָט אויסגערופען זיין וואארע און בעשטימט דעם פּרייז. פרויען און קינדער האָבען אָנגעפילט געדיכט די גאסען.

דאָקטאָר גאָלד האָט גערעדט :

— דו קוקסט און וואונדערסט זיך, אז אין די, ווי מיט מוראזשקעס

בעזעצטע טענעמענט הייזער, אָהן לופט, אהן ליכט, וואקסען ארויס גע־זונדע און לעבענס־פעהיגע אידישע קינדער... ער האָט זיך אבגעשטעלט און ער האָט מיט אן אומעדיגען טאָן געזאגט: אָבער פאר אונז, דאכט זיך, שטאַרבען זיי אָפּ... א נייר סארט טיפּ...

— איך גלויב קוים. — האָט לעווין נור געזאגט, און געטראכט פון וואָס אנדערש.

— לעווין, מיר זעהען זיך נאָך היינט, — האָט פּלוצלינג דער דאָקטאר א זאָג געטהון. — איך האָב מיט דיר זעהר פיעל צו ריידען. — איך געה.

— וואו זעהען מיר זיך? — האָט לעווין געפרעגט.

— קום צו מיר, לעווין.

— אָלל רייט!

און זיי זיינען זיך פונאנדער געגאנגען.

„ניט שוין זשע איז ער פאר'ן לעבען טוידט מיט זיינע צוויי און דרייסיג יאָהר“? האָט זיך איהם א טראכט געטהון אויפ'ן דאָקטאָר'ס רעכענונג און האָט אליין אויך דערביי דערפיהלט יענעם ווייכען און לי־רישען טרויער, נאכן יוגענד, וואָס עס גנב'עט זיך אריין ווי א ''Momento Mori'' אין מיטען פון ליכט און זון בעגאסענעם לעבען.

צווייטער קאַפּיטעל.

פ ר י ע ד ע

I.

זיעבען יאָהר האָט זיך לעווין צוגעגרייט: געארבייט און געפיהרט אַ רוהיג וואָכענדיגען לעבען, ווי אַלע בירגער. די בעסטע יאָהרען פון דער יוגענד האָט ער געהאַלטען פאַר אַ פּאַרשפּיעל צו וואָס עפּעס גרעסע־רעס, ווייל פאַר זיין איינגעבוירענער פרייהייטס־ליעבענדער נאַטור, איז דאָס געווען זעהר אַ גרויסער קרבן: — זיעבען לאַנגוויילינע יאהר!...

אוועקגעפאהרען איז ער פון ניו יאָרק, דעמאָלט, ווען זיין פרוי, מיט וועלכער ער האָט נור געוואהנט איין יאָהר, האָט איהם פערלאָזען.

פערלאָזען האָט דעמאָלט זיין פרוי איהם דערפאַר, וואָס לעווין האָט אין יענער צייט גאַרנישט געקענט און אויך ניט געוואָלט טהון פאַר׳ן איינענעם לעבען, אַזוי אַז סאיז אָפּט מאָל אויסגעקומען צו הונגערן.

חאָטש ער האָט אליין געפיהלט זיין שולד, דאָך האָט איהם דעמאָלט שטאַרק וועה געטהון, און ער האָט זיך געפיהלט ערניעדריגט און בעליידיגט.

געקומען איז ער אין ניו יאָרק צוריק נאָך די זיעבען יאָהר פון אויס־פּראוואונג, זעהן, וואָס ס׳איז געוואָרען מיט זיין פרוי, וועלכער ער האָט דעמאָלט געליעבט.

חאָטש נאָכ׳ן בעגריף פון דעם מאָדערנעם מענשען, האָט ער זיך, מיט קיין זאַך, צו איהר נישט געפיהלט פערבונדען, נאָכדעם ווי זי איז פון איהם פרייוויליג אוועק; נור דאָך האָט אין זיין הארצען געטליעט אַ געוויסער געפיהל, זאָל זיין נייגעריגקייט, אָדער פיליכט גרויסמוטה, וואָס האָט איהם אין גאַנצען מאָראַליש ניט בעפרייט פון דער יעניגער, מיט וועלכער ער האָט אַ יאָהר געוואהנט אלס מאַן און פרוי.

קומענדיג אין ניו יאָרק האָט ער דערווייל קיין בעשטימטעס ניט

פּאַרגענומען און ער איז ניט ווילענדיג אריינגעפאַלען אין יענער יום־טוב'דיגער ספערע, וואו פוילקייט ווערט בעגלייט פון לייכטזין און נאכט־לעבען.

לעווין האָט פיינד געהאט יענעם סאָרט לעבען, וואו אויפשטעהענדיג שפּעט אין די מאָרגענס, פיהלט מען זיך מיעד און צובראָכען פון די פערגאנגענע נעכט. ער האָט זיך שטענדיג געשראָקען פאַר דעם סאָרט לעבען, אין וועלכען ער האָט זעהר גרינג געקענט טאריינפאלען.

זיינע זיעבען יאָהר אין די וועסט זיינען געווען יאָהרען פון אונער־מיעדליכער ארבייט. דאָס איז געווען א לעבען פון רוהיגע נעכט און געזונ־דען שלאָף, א לעבען וואו מען פיהלט זיך געזונד און פריש. ער האָט ניט געהאט קיינע פערבינדונגען מיט פרויען, ער האָט אויך ניט בעזוכט יענע פרויען פון די אָבגעלעגענע קווארטאלען. ער האָט געפיהרט א לעבען פון א נזיר.

נור אריינפאלענדיג אין ניו יאָרק, און ניט וויסענדיג די ערשטע צייט, וואס פארצונעהמען, האָט ער דערווייל געפיהרט א פוסטען יום־טוב'דיגען לעבען און עס האָט זיך אין זיין הארצען גענומען אפרופען, די אלע פערלאנגען און תאוות, וועלכע ער האָט זיעבען יאָהר נאכאנאנד אונ־טערדריקט.

לעווין האָט גענומען פיהלען, אז ביי יעדער בעגעגנען זיך מיט וואָסער עס איז פרוי, הויבט זיין הארץ אָן קלאפען און דאס בלוט זידען, אזוי ווי ביי יונגען בחור'ל, נור וואס ארויסגעלאזען פון דער ישיבה.

„מאָדנע", — האָט ער מיט זיך אליין געטענה'ט, — „ווי עס ווייזט אויס, געהט קיין זאך ניט פערלארען, און האָט בין איך ווידער דערזעלביגער ווי אמאָל".

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבען זיין קאמפף:

קעמפפען מיט זיך זעלבסט האָט לעווין צייטענווייז ליעב געהאט. אין איהם איז געווען אזא פעריסענקייט, וואס האָט איהם אָפט ניט דערלאזען געהן אין יענער זייט, וואו זיין הארץ האָט געצויגען, אזוי ווי ער וואלט זיך אליין וועלען טהון להכעיס.

וואָס מעהר א פרוי איז איהם געפעלען געוואָרען, אלץ ווייטער און

קעלטער האָט ער זיך פון איהר געהאלטען. און אין זיין האלטען זיך מיט פרויען איז געלעגען זעהר פיעל האָכמוטה און פיינקייט. אין דעם ווילען צו בעזיעגען די אָדער יענע פרוי, האָט ער געזעהן א ניעדריגע קליינליכ־קייט, אן עקעלהאפטען אריינברעכען זיך.

לעווין האָט אין תוך אריין ניט ליעב געהאט קיין פרויען. ער איז מיט זיין גאנצער נשמה געווען געגען דער נייער פרוי. און נאָך שטארקער איז ביי איהם די שנאה צו פרויען געוואָרען בולט'ער, ווען ער האָט זיך דערוואוסט פון דעם דאקטאר'ס און פריעדא'ס פאל.

ביי זיך טיעף אין הארצען האָט ער געפּלאנט, ווי צו נעהמען נקמה פון פריעדא'ן. אין וואָס די נקמה זאָל בעשטעהן האָט ער אליין נאָך ניט געוואוסט, עס האָבען זיך ביי איהם אין קאָפּ געדרעהט פערשיידענע פּלענער, אָבער ער האָט נאָך אלע דערווייליע געלאזען הענגען אין לופטען — ביז א צייט.

וועגען זיין „פרוי" האָט ער גאָרניט געטראכט, ניט אזוי דערפאר, ווייל ער האָט אן איהר פערגעסען, אָדער זי האָט איהם ניט אינטערעסירט, ווי נור דערפאר, ווייל זי האָט איהם צופיעל אינטערעסירט, און דאָס, וואָס ער האָט פון איהר ניט געוואלט טראכטען איצטער, איז געוועזען נור דער־פאר, ווייל די פּערזענליכע פראגע איז געווען פאַ איהם צו וויכטיג, אפשר צו טהייער, — און ער האָט דאָס אבגעלייגט אויף שפּעטער.

קומענדיג ביינאכט איינמאָל אהיים, האָט ער געטראָפען דעם שוואָ־גער און דער שוועסטער זיצענדיג אין עס־צימער. די שוועסטער האָט געהאט א מינע, אזוי ווי וואלט איוף איהם עקסטרא ווארטען. איהרע אויגען האָבען געשמייכעלט, און אויף איהרע ליפּען איז געלעגען דער אויסדרוק: גוט וואס דו ביזט געקומען.

לעווין האָט באלד פערשטאַנען, אז זיין שוועסטער וויל איהם עפּעס דערצעהלען, נור ער האָט זיך געמאכט, אזוי ווי ער בעמערקט גאָרנישט, און האָט זיך צוגעזעצט צום טיש און האָט פריילעך דעם שוואגער גע־פרעגט:

— נו, הערי, ווי געהט עס?...

— אלל־רייט, דזשאו, — האָט דער שוואגער פויל און נאכלעסיג גע־

ענטפערט. — ביי מיר, ווייסט דאָך, א גאַנץ געוועהנליכע זאַך: — ביזנעס.

— דזשאו, אימעצער האָט דיך היינט אבגערופען אויפ'ן טעלעפען, — האָט די שוועסטער מיט אמאָל געזאגט און איהם געקוקט גלייך אין די אויגען.

לעווין האָט געמאַכט א מינע, אזוי ווי דאס איז פאר איהם ניט וויכטיג און ער האָט זיך ווידער צום שוואָגער געווענדעט:

— נו, הערי, וואָס הערט זיך אין שאפ? גרייטסט זיך שוין צום ספּרינג סיזאָן?...

— יע, מען מאַכט שוין סעמפּעלס...

— זעהסט, ווילסט גאָר ניט וויסען, ווער עס האָט דיך אבגערופען? — האָט די שוועסטער מיט פּערדרוס אין טאָן געזאגט.

— וואָס איז דאָס אזוי וויכטיג! — האָט לעווין גלייכגילטיג ארויס-גערעדט. — אודאי דער דאָקטאר.

—טאקע ניט דער דאָקטאר, — האָט די שוועסטער זיך אויפגעלעבט.
— זעהסטו, אז דו ווייסט ניט!

לעווין האָט א ציה געטהון מיט די אקסלען:

— טאָ זאָג שוין ווער?

— פריעדא.

— פריעדא? — האָט זיך לעווין געוואונדערט. — וואָס וויל זי?

— זי האָט מיר ניט געזאָגט, אז זי איז דאָס, — האָט די שוועסטער גיך גערעדט. — איך האָב דערקענט איהר קול.

— וואָס האָט זי געוואָלט? — האָט לעווין אונגעדולדיג געפרעגט.
— זי האָט דיך געוואָלט זעהן.

— דאָס גאָר? —

— דאָס איז דיר ווינציג, דזשאָו? — האָט דער שוואגער געלאַכט.

—נאַרישקייט, — האָט לעווין געזאגט און האָט אנגעהויבען עפּעס אויסצופייפען.

„איך האָב געוואוסט, אז זי וועט קומען" — האָט דערנאָך לעווין

געטראכט. — „איך קען די פרויען... ווען א פרוי צוקריגט זיך מיט איהר מאַן, אָדער זי געהט פון איהם אוועק, דעמאָלט וועט זי מיט אַלע מיטלען זעהען צו איבערנעהמען דעם מאַנ'ס פריינד אויף איהר זייט... יע, מיר וועלען זעהען"!

לעווין איז געוואָרען זעהר נייגעריג. איהם האָט זעהר אינטערעסירט צו וויסען, פאר וואס און פאר ווען זי איז אוועק. אָבער ער האָט מיט זיך אָבגעמאכט, אז ער זאָל איהר ניט זוכען. ער איז געווען זיכער, אז זי וועט איהם שוין אבזוכען.

II.

לעווין איז געגאַנגען צום רעסטאראַן, וואו ער האָט אבגערעדט זיך צו טרעפען מיט'ן דאָקטאר.

געהענדיג האָט לעווין געטראַכט פון דער בעקאַנטשאַפט, וואָס ער האָט נעכטען ביינאַכט פערפיהרט מיט דער זינגערין פון קאבארעט, וואו ער איז געוועזען.

דאָס איז געוועזען א פולבלוטיגע ברונעטקע, מיט אונטערגעפיהרטע אויגען און אָנגעפאַרבטע ליפּען מי טא פולער ברוסט און געזונדע האלב־רונדע היפטען. זי האָט איהם נעכטען איינגעלאַדען, אז ער זאָל זי אבפיה־רען אהיים, וואָס דאָס האָט ער זיך ענטזאָגט. זי האָט איהם געגעבען איהר אדרעס.

געהענדיג איצטער אין גאַס, איז איהם ארויף אויפ'ן זינען די טענ־צערקע, און ער האָט זיך אליין געוואונדערט, פאַר וואָס ער איז נעכטען מיט איהר ניט געגאַנגען. דערביי האָט ער זיך דערמאָנט אן דעם סאפּער, וואָס זי האָט אויף זיין רעכנונג דערוויילל געגעסען. און מיט וואָס פאר אן אפּע־טיט זי האָט געשלונגען די אויסטערס און געטרונקען פּאָרט וויין אין דער צייט, ווען איהר געזונדע פוס בעצויגען מיט א זיידענע זאק האָט רוהיג גערוהט אויף דאָס זייניגע. ער האָט זיך דערמאָנט, אז ער אליין האָט אויך פיעל געטרונקען, און זי, די טענצערקע, האלב בעזויפען האָט פער־קאטשעט די אויגען צו דער הויך, אויף דעם שטייגער פון די באַנאַלע יונגפרוי־פּאָרטרעטען, וואָס איז אזוי היינט אין דער מאָדע און האָט דער־ביי העפטיג בעוועגט איהר געזונדען בוזעם און דערביי געמורמעלט, אזוי ווי אין האלב פערגעסענהייט: „אָה, איי לאָוו יו דיער“!

„זעהר באַנאַל“ — האָט ער געהענדיג געטראַכט און עס האָט זיך איהם געוואָלט לאַכען, — אָבער דאָך... „אפשר זאָל איך היינט ווידער צוגעהען אהין“?

אזוי טראַכטענדיג האָט ער זיך דערנעהענטערט צום רעסטאראַן.

ארום אין גאַס איז געוועזען לעבעדיג: עס זיינען געווען די לעצטע

נעכט פון קאמפיין, דאס גאַנצע פאָלק, האָט זיך דערפיהלט דערהויבען, און מעהר בערעכטיגט ווי א גאַנצען יאָהר, דעריבער האָבען זיי זיך ארויס־געלאָזען אין די גאַסען מיט פרעהליכע און פעראינטערעסירטע געזיכטער. פון גאַסען ווינקלען, זיינען יעדער ווייַלע אָנגעפּאָהרען וועגען, בעהאַנגען מיט פּלאַקאַרדען און בילדער פון די פערשיעדענע קאנדידאַטען, אין די וועגען, געשלעפּט פון דאָרע האַלב פערהונגערטע פערד, האָבען זיך געצווי־גען איבער די גאַסען, מיט א גוואַלדיגען טומעל. אינוועניג זיינען געזעסען עטליכע גאַסען־יונגגען און געפּויקט און טרומייטערט, גאָר אָהן רחמנות.

אין דער בעלייכטונג פון די גאַסען, און אין דער לופט און אויף אַלע געזיכטער, איז געלעגען דער אבדרוק פון ערוואַרטונג. עס האָט זיך גע־דאַכט, אַז אַלע און אַלץ ערוואַרטען וואָס, און דאָס וואָס זיי ערוואַרטען, איז ניט אומעדיגעס, נור פרעהליכעס, אָדער בעסער געזאָגט: „פאָן".

לעווין האָט אויף דעם אַלעם גוטמוטהיג געקוקט, און זעהר אָפט הערצליך צו זיך אַליין געלאַכט, ווען צו זיין אויער איז דערפלויגען א קנאַקעדיגע קאמפּיין פראַזע פון א טראָק רעדנער, אָדער ווען איינעם א שטיפער פון די גאַסען־אינגלעך האָט זיך אין מיטען פערגלוסט א ציה טהון דעם פערד און וואָגען פונ'ם רעדנער. אין איין פּלאַץ האָט ער זיך הערצליך אזוי שטאַרק פונאַנדער געלאַכט, אַז ער איז מיט זיין געלעכטער אַלעמען איבערגעגאַנגען, און אייניגע האָבען איהם אנגעקוקט. דאָס איז געוועזען פונקט אין מיטען ווען דער רעדנער האָט זיך פונאַנדער געפּאַהרען און דערוויזען, אַז דער איינציגער ערלייזער, איז דער קאַנדידאַט פון זיין פּאַרטיי. אין מיטען האָט דער וואָגען גענומען פערלאָזען דאָס פּובליקום, אזוי ווי א שיף דעם ברעג, און ער, דער רעדנער, איז אזוי ווי פערגליווערט געוואָרען אין דער פּאָזע, ווי ער איז געוועזען אין דעם לעצטען מאָמענט, וואו ער האָט זיך געקליבען מאַכען א גרויסען זשעסט. דערביי האָט ער אויסגעקוקט זעהר קאָמיש. דאָס פּובליקום האָט פון אָנהויב אויסגע־שטאַרצט די אויגען, דערנאָך אויסגעשאָסען א הילכיג געלעכטער. — און לעווין האָט געלאַכט מעהר פון אַלעמען.

אויפ'ן קאָרנער, וואו לעווין האָט זיך געדאַרפט פערקעהרען אום צו גענען צום רעסטאָראַן, איז אַנטקעגען איהם אָנגעקומען א זעהר עלעגאַנט געקליידעטע דאמע. לעווין בעמערקענדיג איהר פון ווייטען, האָט אנגע־שטעלט זיינע אויגען אויף איהר. עפּעס איז געלעגען אין איהר לייכטער

און שעהנער גאנג, און אין דעם שטייגער ווי זי האָט געטראגען דעם קאָפּ, אזעלכעס, וואס ער האָט זעהר ליעב געהאַט אין פרויען. באלד האָט פאר דאָס ליכט פון עלעקטריק לאמפּ, א שיין געטהון פאר זיינע אויגען, א לאנגליך בלייכער און שעהנער געזיכט מיט א פּאָר שעהנע אָפענע אויגען, וועלכע האָבען גלייך אויף איהם געקוקט. און גלייך איז איהם איינגע־פאלען, אז ער קען איהר דאָך. יע, געוויס, ער קען איהר... דאס איז דאָך פריעדא !..

די דאַמע פון איהר זייט האָט אויף איהם אויך אַקוק געטהון. זייע־רע אויגען האָבען זיך בעגעגענט, און ביידע, גלייך ווי זיי וואָלטען זיך אויפגערעגט זיינען געבליבען איינע פאר די אנדערע שטעהן:

— פריעדא !..

— לעווין !..

— מיין גאָט, ווי אונגעריכט! — האָט לעווין גערעדט ניט אָבלאָ־זענדיג איהר שמאָל, בעהאנדשוהטע האנד. ער האָט איהר געוואָלט פרע־גען, וואָס זי מאכט, אָבער ער זיך דערמאַנט און האָט וואס אנדערש געזאָגט: — אָך, וואס פאר א צופאל !..

— א צופאל, — האָט פריעדא געשמייכעלט. — ווער ווייס... אָבער... איך האָב שוין פון פריהער געוואוסט פון אייער קומען, און איך האָב אייך זעהר געוואָלט זעהען !..

לעווין האָט איהר בעטראַכט.

— אָך, ווי שעהן איהר זייט געוואָרען — האָט ער אַלץ אין פרייען טאָן גערעדט און אויסגעווייכט צו פרעגען ביי איהר וואס עס איז, ווי עס איז דער שטייגער אין אַזאַ פאַל.

פריעדא האָט געמאכט א מינע אזוי ווי, דאָס, וואָס זי האָט איצטער געהערט איז פאר איהר ניט וויכטיג, און האָט מיט אָנגעכמארעטע ברע־מען געפרעגט:

— ווען זייט איהר געקומען ?..

— שוין באלד מעהר ווי א מאָנאט צייט...

פריעדא האָט א טראכט געטהון, און איהר גאנצער אויסדרוק איז געוועז אזעלכער, אזוי ווי זי וואָלט עפּעס וועלען פרעגען. נור דאס וואס זי האָט געוואָלט פרעגען האָט זי ניט געפרעגט, זי האָט וואס אנדערש, גלאַט אזוי זיך, אליין ניט איבערדענקענדיג, געפרעגט:

— איהר דענקט דאָ ביי אונז צו פערבלייבען?..

לעווין האָט איהר שאַרף אָנגעקוקט און האָט בעמערקט איהר פערלעגענהייט און האָט לאַקאָניש געענטפערט:

— איך ווייס נאָך אליין ניט...

אויף אַ ווײַלע זיינען זיי געבליבען שטיל, אזוי ווי זיי ביידע וואָלטען גראַד איצטער ניט געפונען וואס פּאַסענדעס צו ריידען און פרעגען.

לעווין האָט אויף איהר געקוקט און אין הארצען איז ביי איהם געבוירען געוואָרען א געמישטער געפיהל: עס האָט איהם פערדראָסען פאר'ן דאָקטאָר און אין דער זעלבער צייט האָט ער איהר געוואָלט דערנעהנטערען צוזיך. זי איז איהם זעהר געפעלען געוואָרען. און ער האָט זיך אין דער שטיל געוואונדערט, וואָס פאר א שעהנע פרוי עס איז אויסגעוואקסען פון דער אמאָליגער נאאיווער און אונבעדייטענדער פריעדא.

זי האָט זיך צו איהם מיט אמאָל אַ ווענד געטהון:

— איך וויל אייך ניט אבהאלטען. איך האָב אליין אויך קיין צייט ניט. — נאָט אייך מיין אדרעס. — זי האָט ארויסגענומען אַ קארד פון איהר בעג און איהם דערלאַנגט.

לעווין האָט פאר זיך איבערגעלייענט: פריעדא גאָלד. טריינד נוירס.

„זי האָט דעם פאַמיליען נאָמען אפילו ניט געביטען". — איז איהם איינגעפאלען.

— איך בעט אייך קומט צו מיר, — האָט איהם פריעדא געבעטען אין אזא טאָן, אזוי ווי זיין קומען וואָלט געווען אַ נויטווענדיגקייט. — איך האָב מיט אייך זעהר פיעל צו ריידען...

לעווין האָט איהר פערשפּראָכען צו בעזוכען די טעג און זיי זיינען פונאנדער געגאנגען.

„אָט, וואס עס איז לעבען", — האָט לעווין צו זיך געזאָגט, אליין ניט פערשטעהענדיג, דעם זין פון דער פראַזע. ער האָט אַ ציה געטהון מיט די אַקסלען, אזוי ווי אַ מענש, וועלכער וויל דערמיט אויסדריקען, אַז ער פערשטעהט ניט, וואס דאָ ארום איהם קומט פאָר, און באלד איז ער אריין אין רעסטאָראַן.

לעווין האָט דעם דאקטאר ניט דערצעהלט פון דעם, וואָס ער האָט זיך בעגעגענט מיט פריעדא'ן. ער האָט פריהער געוואָלט איהר זעהען

און זיך גוט דורכריידען מיט איהר און דערגעהן, וואס עס האָט איהר געמאַכט צו פערלאָזען דעם דאקטאר.

דערוויילע האָט ער צווישען די בעקאַנטע זיך אָנגעהערט זעהר פיעל רכילות וועגען דעם דאקטאר און פריעדא׳ן, און אויך וועגען אַנדערע. כאָטש לעווין האָט גוט געוואוסט, וואס פאר א וועררע עס האָבען אָט די אַלע רכילות און וויפיעל עס איז דאָ אין זיי א קערן אמת. פונדעסטוועגען האָט דאָס איהם אַלץ געוואונדערט. — שוין לאַנג אבגעוואהנט דערפון.

וועגען פריעדא׳ן האָט ער זיך אָנגעהערט פיעל שרעקליכע זאַכען. איינע, אַמאָליגע בעקאַנטע, בעוואוסט פאר אַזעלכער, וואס וויים פון אַלע פאַמיליען טראַגעדיען, האָט איהם דערצעהלט אין א גאַנץ רוהיגען טאָן, אַז אין דער צייט, וואס פריעדא האָט דעם דאקטאר פערלאָזען, האָט זי שוין געהאַט דריי געליעבטע; און דערביי האָט זי איהם אויף די פינגער אויסגערעכענט אַלעמען מיט די נעמען און זייערע בעשעפטיגונגען.

לעווין האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען: וואס איז דאס געוואָרען? איז דאָך שוין טאקע דער דאקטאר גערעכט, ווען ער האָט בעהויפּטעט, אַז א געשלעכטליכער אונצוכט האָט זיך אויף אַלעמען און אומעדום פערשפּרייט. ווארום, וואו ער איז געקומען האָט ער זיך אָנגעשטויסען אויף צובראָכענע פאַמיליען: דאָ האָט דער מאַן די פרוי פערלאָזען, און דאָ די פרוי דעם מאַן. און נאָך מעהר, אַלע האָבען אויף דעם געקוקט ווי אויף א געוועהנליכע זאַך, אַזוי ווי אַזוי דאַרף עס זיין... ער האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען און זיך געוואונדערט.

לעווין האָט בעמערקט, אַז די פּרוזשינעס, וואס האָבען דאס אַלץ בעוועגט, זיינען דעם מאָל געווען די פרויען. אַזוי ווי הונגעריגע, אַזוי ווי זיי וואָלטען שוין פון לאַנג לויערען אויף דעם גינסטיגען מאָמענט, אום צו קענען זיך ארויפוואַרפען און מיט דער גאַנצער ווילדקייט זיך קענען איינבייסען אין דעם שפּייז, וואס איז גלייך צו זיי אין די מיילער אריינגעפאַלען. אַזוי האָבען זיי אין זיינע אויגען אויסגעקוקט. „און אָט דאס איז זי די נייע פרוי פון די ביכלעך" — האָט ער מיט א שמייכעל געטראַכט. — פּאָליטישע גלייכהייט פון איין זייט און סעקסועלע דעגענעראַציע פון דער צווייטער זייט"...

ווען ער האָט אַזוי פון דעם געטראַכט איז איהם קיינמאָל ניט איינגעפאַלען, אַז ער אַליין איז אין דעם אַזוי שולדיג ווי די פרוי. דאָס האָט זיך

איהם ניט געלוינט, אָדער, טאַקי, ער האָט אין זיך קיינמאָל ניט געקענט אָבזוכען יענע שולד און זינד, וועלכע עס איהם לייכט געווען אָבצוזוכען אויף דער פרוי...

אין איהם האָט צייטענווייז אויפגעלעבט דער באַרבאַר, און דאמאָלט איז ער אין אַלע בעציהונגען געווען גרויזאם דעמאָלט האָט זיך די וועלט פאר איהם געשפּאָלטען אין צווייען: מיינע און ניט מיינע: וועה איז צו יענעם, ווען ער וועט אנריהרען מיינע, און איך פון מיין זייט, וועל אנ־שטרענגען מיין גאַנצען ווילענס־קראַפט ניט אָנצוריהרען יענעמס.

לעווין האָט געקלונגען אין פריעדא'ס טהיר.

— אָה, דאס זייט איהר לעווין! — האָט איהם פריעדא זעהר צו־פריעדען בעגעגענט. — פאַרט זיך דערמאָנט.

— גוד איווינינג! — האָט לעווין מיט דעם אויסגעמיעדען צו פער־ענטפערן זיך, און ער איז פריעדא'ן נאָכגעגאַנגען אין קאָרידאָר, וואו עס האָט געשמעקט א ווייכער אנגענעהמער ריח פון ווייאָלעט.

זיי זיינען אריין אין אַ שעהנעם צימער מיט ווייכע מעבעל און קאָרפּעט אויפ'ן פלאָר. צווי עלעקטרישע פייערען האָבען זיך דורכגע־שלאָגען דורך צוויי רויטליכע, פיינעפּעל־עהנליכע גלעזער און האָבען ווייכען דונקעל־רויטען ליכט און שאָטען ארום פערזייעט. אין צימער האָט געשמעקט דער זעלבער ריח נאָך שטאַרקער, און אן אנגענעהמע לופט און ווארימקייט האָט אויף איהם א וויהע געטהון.

פריעדא איז געווען זעהר שעהן אָנגעטהון: א שווערע טוכענע קלייד מיט שווערע פאַלדען האָט ארומגעכאַפּט איהרע היפטען און אראָבגעפאַלען שמאָל צו די פיס, פון וואַנען עס האָט ארויסגעקוקט אַ פּאָר שמאָלע קליינע פיס ענג ארומגעכאַפּט פון אפּאָר געשפּיצלעטע שיך. אַ דונקעל־גרינע קרעפּ־דע־שין ווייסט איז לויז געהאָנגען ארום איהר קערפּער.

— זעצט זיך, לעווין. מאַכט זיך בעקוועם, — האָט פריעדא מיט א געוויסע פרייקייט גערעדט. — איהר וועט דאָך טרינקען טהע?..

— אָללרייט. — און לעווין האָט זיך ארומגעקוקט.

„שטענדיג קענען זיי זיך שעהן איינאָרדנען". — האָט זיך איהם אטראַכט געטהון.

פריעדא איז אריין אין קיך און האָט אונטערגעצונדען די גאז און איז צוריק אריין.

פריעדא האָט זיך געזעצט קעגען לעווין'ען. האָט מיט א געוויסע אונגעצוואונגענהייט פערלייגט א פוס אויף א פוס, אזוי, אז עס האָט ארויסגעקוקט די שעהנע קליינע פוס, מיט א שטיקעל זיידענע זאָק.

לעווין'ס קוק איז גלייך געפאלען אויף איהר פוס און א געוויסער רעגענדער פערלאַנג, האָט ווי קוועקזילבער, דורכגעקרייצט זיין גאַנצען קערפער, און אין זיין הארצען איז וואס אונרוהיגעס געבאָרען געוואָרען. פריעדא האָט די ערשטע אָנגעהויבען.

— דערצעהלט עפּעס לעווין... שוין זיעבען יאָהר, אז מיר האָבען זיך ניט געזעהן. אַך, ווי די צייט פליהט!.. דאכט זיך אזוי ווי נעכטען וואָלט עס פּאַסירט... זי האָט זיך פערטראַכט.

לעווין איז געזעסען אין א ווינקעל פון קאַנאַפּע, פרלייגט א פוס אויף א פוס און האָט געדרויכערט א סיגאַרעט.

— יע, יע, אזוי ווי נעכטען וואָלט עס פּאַסירט, — האָט ער כמעט אָהן חשק נאָכגעזאָגט.

— איהר ווייסט לעווין, אז איהר האָט זיך גאָרנישט אומגעביטען פאר דער צייט. — האָט פריעדא ווייטער גערעדט. — איהר זייט אביסעל פולער געוואָרען און אויך שעהנער... קענט איהר דאס זעלבע זאָגען אויף מיר, לעווין?

לעווין האָט אויף איהר גלייכגילטיג א קוק געטהון און האָט רוהיג געזאָגט:

— איהר זייט זעהר פיעל שעהנער געוואָרען. איך קוק אויף אייך און וואונדער זיך: איז דאָס די אמאָליגע פריעדא? איך גלויב קוים מיינע אויגען!.. דאָ האָט זיך זיין געזיכט פערהאַרטעוועט און זיינע אויגען האָבען קאַלט געקוקט אויף איהר, גלייך ווי זי וואָלט געווזען א געגענ־שטאַנד, ניט קיין לעבענדיגער מענש. און ער האָט מיט דעם זעלבען רוהיגען טאָן צוגעגעבען: — אָבער אין אייער איצטיגער שעהנקייט איז דערפאר דאָ אזעלכעס, וואָס שמעקט מיט די שעהנקייט פון א קור־טיזאַנע...

פריעדא האָט רוהיג אויסגעהערט. א פונק האָט אויפגעבליצט אין

איהרע אויגען, אָבער באַלד האָבען זיי אָנגענומען אַ אַ שמייכלענדען און גלעטענדען אויסדרוק. זי האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט:

— אָבער, דאָס וואס אייניגע פון אונז האָבען אין זיך קורטיזאַ־נישעס, אָט דאָס געפעלט אייך מענער אַם שטאַרקסטען! — האָט זי אויס־געלאָזען, אין אַזאַ טאָן, אַזוי ווי זי וואָלט זיך ניט קימערען פאַר קיין זאַך אין דער וועלט.

לעווין איז געוואָרען ערנסט. ער האָט זיך אויפגעהויבען און דורכ־געגאַנגען דורכ'ן צימער. מיט אַמאָל האָט ער זיך אָבגעשטעלט געגען פריעדאַ'ן און צוזאַמענציהענדיג די ברעמען אין אַ קלין האָט ער אָנגעהויבען:

— פריעדאַ, איך וויל איהר זאָלט מיר זאָגען דעם אמת... דעם ריינעם נאַקעטען אמת... פאַר וואָס זייט איהר פון דאַקטאַר אוועק?...

פריעדאַ האָט איהם אָנגעקוקט מיט איהרע גרויסע אויגען, און איהר געזיכט האָט אויסגעדריקט: ענדליך געקומען דערצו.

— גאַנץ איינפאַך, — האָט זי רוהיג געזאָגט און האָט גלייך גע־קוקט אויף לעווין'ען. — מען וואָהנט אַב צוזאַמען עטליכע יאָהר און מען ווערט שטאַרק דערעסען איינע די אַנדערע... און וואו שטעהט עס, אַז מאַן און ווייב מוזען אָבלעבען זייער גאַנצען לעבען זייט ביי זייט?..— האָט זי מיט אַמאָל איבערגעביטען דעם טאָן... אין אַזאַ פאַל איז נור די פראַגע, ווער עס געפינט זיך פריהער געענגט און געבונדען; אין דעם פאַל, בין איך געווען די יעניגע, וואָס האָב זיך צום ערשטען געפונען...

לעווין האָט אונגעדולדיג אַ ציה געטהון מיט די אַקסלען:

— פראַזען, פראַזען! און קלינגען ווי פון ביכעל ארויסגענומען!.. איך גלויב קוים, אין דעם, וואָס איהר האָט ערשט געזאָגט... איהר זאָגט מיר פאָרט ניט דעם אמת!...

— פיעלייכט...

פריעדאַ איז אַ ווייל געבליבען זיצען, האָט וואָס נאָכגעדאַכט. איהר געזיכט איז געוואָרען ערנסט.

— איהר ווילט וויסען דעם אמת, — האָט זי ענערגיש אָנגעהויבען און איהרע אויגען האָבען אונהיימליך אָנגעהויבען גלאַנצען. — האָט דעם אמת!.. איהר זייט בערעכטיגט דערצו, און איהר וועט עס קענען בעסער פערשטעהן, ווי דער דאַקטאַר... דער דאַקטאַר איז צו נאַאיוו, צופיעל

אידעאַליסט, אז ער זאָל דאָס קענען בעגרייפען... וואָרום ביז היינטיגען טאָג קען קיינער פון אייך, מענער, ניט פערשטעהן דער פרוים נשמה... איהר ווילט דעם אמת, האָט איהר געזאָגט. טאָ הערט מיר צו... דאָ האָט זי זיך אָבגעשטעלט, אָבגעכאַפּט דעם אטעם און האָט אָנגעהויבען:

— איך וויים אליין אויך ניט, ווי אזוי איך האָב מיט אמאָל דערפיהלט אין זיך די אמת'ע פרוי, די פרוי די ליידענשאַפטליכע, די פרוי וואָס גארט נאָך הייסער ברענענדיגער ליעבע און אומארמונגען, — אָבער איך האָב דאס מיט אַמאָל אין זיך יע דערפיהלט! און דאמאָלס האָב איך אויך דערפיהלט, אַז אויב איך וועל ווייטער וואָהנען מיט'ן דאקטאר אונטער איין דאַך, וועל איך איהם ווערען אונטריי, וועל איך איהם מוזען אָבנאַרען; און דאס איז מיר ניט אָנגעשטאַנען: איינפאַך מיין שטאָלץ האָט עס מיר ניט ערלויבט... אָט האָב איך זיך אין גאַנצען בעפרייט.. קיין אונטרייע ווייב קען איך אין אזא פאַל ניט זיין!... זי האָט זיך מיט אַמאָל אָבגעשטעלט און געקוקט גלייך אויף לעווין'ען, אזוי ווי זי וואָלט זיך וועלען איבערצייגען, וואָס פיר אן איינדרוק די דאזיגע ערקלעהרונג האָט אויף איהם געמאַכט.

לעווין איז געזעסען אזוי ווי פערגליווערט, קיין איין צוג פון זיין געזיכט האָט ניט פערראטהען, פון וואָס ער האָט אין דער מינוט געטראַכט. ער האָט געטראַכט: „זי איז פול מיט לעבען, אַן אויסברעכענדער ווולקאַן. זי איז פון יענע פרויען, וואָס די ליידענשאפט ערוואַכט צו די שפּעטערדיגע יאָהרען. ער, דער דאקטאר איז פאסיוו, אָדער ער האָט ניט פערשטאַנען איהר נאַטור. רעזולטאַט: — טראַגעדיע!..“

— איך פערשטעה אייך זעהר גוט, — האָט לעווין פלוצלינג געזאָגט און ער האָט אומגעביטען דעם פריהערדיגען טאָן. — און איך וואָלט פאר קיין פאַל ניט וועלען זיין קיינעמס ריכטער און בעזונדערס אייערער... פונדעסטוועגען וואונדערט מיך איין זאַך, און דאס איז, וואס איהר מאָדערנע פרויען, — ער האָט בעזונדערס אונטערגעשטריכען מיט סארקאַזם דעם וואָרט „מאָדערנע“. — וועלכע צייכענען זיך אוים אין אַנדערע פעלע מיט אַ געוויסע זעלבסטשטענדיגקייט, אויסדויער און געדולדיגקייט, קענט ווירקליך ניט ביישטעהן, ווען עס קומט... לאָמיר זאָגען אָפען ... ווען עס קומט צו דער בעט פראַגע....

פריעדא איז געבליבען זיצען אויף אַ ווייל׳ע ווי צוגעשפּאַרט צום

וואַנד מיט אַ האַלב איפּגעעפענטען מויל און אונרוהיגע אויגען. דערנאָך האָט זי קוים, שטיל אויסגערעדט:

— ווייל אָפען גערעדט: אין געוויסע פעלע, איז די בעט דער גרעס־טער און אַנגענעהמסטער טהייל פון אונזער לעבען...

איהרע אויגען האָבען אויפגעבליצט. אַן אונהיימליך פייערל איז איבער זיי איבערגעלאָפען און וואס ליידענדעס האָט זיך ארום איהרע ליפען אויסגעלעגט.

לעווין איז געוואָרען אויפגערעגט. אַ ווילד פרעמדעס געפיהל איז ביי איהם אין הארצען געבאָרען געוואָרען. איהם האָט זיך אין דער מינוט גערוכט, אַז ער האָט דורכגעדרונגען פריעדא׳ס גאַנצען לעבען און נשמה און איז געוואָרען אַ טהייל פון איהר: פיהלט און זעהט דאס זעלבע וואס זי, גלייך ווי ער וואָלט זיך אין גאַנצען אין איהר איבערגעגאָסען. און דא האָט ער דערפיהלט דעם אָנקומען פון אַ מורא׳דיגען שטורם, און פאר זיינע אויגען האָט זיך געעפענט אַ שוואַרצער אבגרונד.

לעווין האָט זיך אויפגעשטעלט. זיינע אויגען האָבען בעקומען אַ הארטען גלאַנץ און עטוואָס גרויזאַמעס האָט געשוועבט איבער זיינע ליפען. און ער האָט אָנגעהויבען מיט אַ ציטעריגען קול:

— פריעדא, איך וואַרן אייך, וואַרפט אוועק אָט דעם ציניִשען און פאַלשען טאָן, וואָס די גאַס, וואָס דער ווינד און די ליטעראַטור האָבען אייך געבראַכט צו טראָגען פון יענע פערפעסטעטע ווינקלען, וואו גע־שלעכטליכער אונצוכט איז געוואָרען אַ קולט, אַ לעבענס אַנשויאונג!... דאַרטען וואָהנען קרעטינען, ווייבע מוהות מיט ליגנערישע נשמות, וועלכע זיינען ניט פעהיג צו קיין זאַך אין דער וועלט, אויסער פיעלייכט צו דער געשלעכטליכער זעלבסט־אויפרעגונג!.. הערט זיך ניט צו צו די פרעמדע שטימען, וואָס מען האָט אין אייך ווי אין אַ פאָנאָגראַף אריינגערעדט, הערט זיך צו צו אייער אייגענער שטימע, די שטימע פון אייער הארצען, די שטימע פון דער נשמה. ווען יענע שטימע וועט אייך בעפרייען, דאַן זייט איהר בעפרייט... אין דער מינוט פריעדא קוק איך אויף אייך, גלייך ווי איך וואָלט געקוקט אויף דעם טיגער, וואָס מען האָט איהם דורך אַ טעות פון שטייג בעפרייט, און ער דערפיהלענדיג זיך פריי האָט זיך ארויסגעלאָזען מיט גרויס אימפעט און אַלץ, וואָס איז געווען אין זיין וועג האָט ער פערצוקט, פערניכטעט און מיט דעם זעלבען אימפעט זיך אָנגע־

שטויסען אָן אַ וואנד און זיין קאָפּ צושמעטערט...היט זיך, פריעדא, צושמעטערט ניט אייער קאָפּ !.. איך ווארן אייך !..

לעווין האָט זיך אויפגעשטעלט גענומען דעם הוט.

פריעדא האָט איהם אָנגעקוקט מיט מאָדנע אויגען :

— לעווין, וואָס איילט איהר ?...

פריעדא האָט זיך אויך אויפגעשטעלט. זי איז געשטאַנען צו איהם אזוי נאָהענט, אַז ער האָט געהערט איהר שווערען אָטהעם און געפיהלט ווי עס בעוועגט זיך העפטיג איהר ברוסט. איהרע אויגען האָבען זיך אזוי ווי מיט אַ טומאַן פערשלייערט און איהר אטעם איז געוואָרען אַ געהאַקטער. זי האָט איהם אָנגענומען ביי דער האנד און זעהר ווייך געזאָגט :

— פערבלייבט דאָ, לעווין.

אַ שוידער האָט דורכגעקרייצט זיין לייב. זיין הארץ האָט גענומען קלאַפּען, דאס בלוט האָט גענומען אזוי ווי אָבפאַלען און ער האָט דערפיהלט אַ שוואַכקייט אין די פיס. ער האָט אין דער מינוט איהר ניט געוואָלט ענטפערען, ווארום זיין קול וואָלט געציטערט, און דאס וואָלט איהם אין גאַנצען ארויסגעגעבען. ער האָט נור גיך אונטער'ן נאָז אַ מורמעל געטהון : איך מוז געהן, איך מוז געהן !.. און ער האָט זיך דער נעהנטערט צום טהיר מיט דער הוט אין האַנד.

— איהר וועט קומען צו מיר ? איהר וועט קומען צו מיר ? — האָט זי איהם בעטענדיג נאָכגערופען.

— יע, יע, איך וועל קומען איך וועל קומען ...

ווען ער איז שוין געווען אין דרויסען האָט ער זיך אָבגעשטעלט, אָבגעצויגען דעם אָטהעם און נאָכאַנאַנד גענומען שלינגען די קיהלע ווינטיגע לופט.

ניט ווייט איז געלעגען אין פינסטערען שאטען דער פּאַרק. איבער'ן פּאַרק האָט זיך געוועלבט אַ דונקלער נאַכט הימעל בעזייעט מיט שטערען. ער האָט אַ קוק געטהון אויפ'ן הימעל און עס האָט איהם פערדראָסען אויף דעם קאַלטען און רוהיג אראָבהענגענדעם הימעל, פון וועלכען עס האָט געוועהעט אזא רוהיגער געמיטה און פריעדען, אָהן האַס און אָהן תאוה.

III.

ווי אזוי עס האָט געטראָפפען, אז אנשטאַט צו וועלען זוכען א וואָסער עס איז וועג צו ערניעדעריגען פריעדא׳ן, ווי ער האָט פון אָנהויב געפּלאַנט האָט איהם גאָר אָנגעהויבען ציהען צו איהר. ווי אזוי דאָס האָט געטראָפּען האָט ער אליין ניט געוואוסט, איהם איז שווער געווען צו אָבזוכען דעם איבערגאַנג, וואָס האָט איהם איבערגעפיהרט פון איינס צו דאָס צווייטע.

עס איז אויך ניט געווען ליעבע, וואָס האָט איהם צו איהר געצויגען, ער האָט געפיהלט, אז ער קען זיין צו איהר זעהר גלייכגילטיג. עס איז אויך ניט געווען ליידענשאַפט. מעהר פון אַלץ איז דאָס געווען נייגעריג־קייט, אַזוי ווי איינער וואָלט זאָגען: לאָמיר זעהן, וואָס פון דעם שפּיעל וועט ארויס... עס האָט זיך איהם געוואָלט מיט איהר א שפּיעל טהון און בעהערשען איהר שיקזאַל.

וואָס פון דעם שפּיעל קען ארויסקומען, האָט ער ניט געוואָלט טראַכ־טען, אָדער בעסער געזאָגט, ער האָט זיך געפּוילט צו טראַכטען.

דעם דאָקטאָר האָט ער נאָך אַלץ ניט געזאָגט, אז ער זעהט זיך מיט פריעדא׳ן, און עס האָט איהם זעהר שטאַרק פערדראָסען פאר וואָס ער זאָגט איהם ניט. איהם האָט זיך געדוכט, אז ער האַנדעלט ניט שעהן קעגען דאָקטאָר, — ניט ווי א דזשענטעלמען. עפּעס א פאַרבאָרגענער געפיהל האָט איהם אָבגעהאַלטען פון דערצעהלען דעם דאָקטאָר, און אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך געהאַט דאָס בעוואוסטזיין פון א מענשען, וואָס איז זעהר זיכער, אז אַלץ וואָס ער טהוט דאַרף אזוי זיין.

לעווין האָט נאָך אמאָל בעגעגענט פריעדא׳ן אין א בעקאַנטענס הויז, און לעווין האָט איהר פערשפּראָכען אויף געוויס, אז וועט קומען נאָך איהר נעהמען אין דער אָפּערא, וואָס האָט נור וואָס דעם סיזאָן געעפענט.

לעווין איז אויף מאָרגען געקומען און איז מיט איהר אַוועקגעפאָה־רען אין דער אָפּערא.

אין דער אפּערא האָט זיך לעווין זעהר לאַנגווייליגט און עס האָט זיך איהם געוואָלט אוועקגעהן נאָכ'ן צווייטען אַקט.

ער האָט עס געזאָגט פריעדא'ן, און פריעדא האָט צופריעדען איינ־געוויליגט. פריעדא האָט איינגעלאַדען לעווין'ען, אַז זיי זאָלען פאָהרען צו זיך אַהיים.

לעווין האָט זיך אַזוי ווי געוויעגט. ער האָט געפיהלט, אַז פון זיין איצטיגען פאָהרען צו פריעדא'ן קען אַמאָל ארויסקומען אַזעלכעס, וואָס ער זאָל דערנאָך חרטה האָבען. פונדעסטוועגען איז ער דאָך געפאָהרען.

אין דרויסען האָט גענומען שנעען, א קאַלטער ווינד האָט זיך אויפ־געהויבען.

זייענדיג שוין נעבען פריעדא'ס טהיר איז לעווין'ען איינגעפאַלען, אַז ער זאָל זיך אומקערען און אָבזוכען דעם דאָקטאָר און איהם אַלץ דער־צעהלען. אין דער צייט האָט פריעדא די טהיר אויף געמאַכט און ער איז איהר נאָכגעגאַנגען.

— אַ שרעקליכער וועטער, — האָט לעווין געזאָגט אָבטרייסלענדיג די העט.

— באַלד מאַכען מיר טהעע, — האָט פריעדא צופריעדען גערעדט. — און איהר לעווין זעצט זיך, מאַכט זיך בעקוועם ....

לעווין האָט זיך געזעצט אין ווינקעל פון קאַנאַפּע. פריעדא האָט זיך געזעצט נעבען טיש, און דאָס האַלב דונקעלע ליכט איז געפאַלען אויף איהרע רייכע שווארצע האָר, און פערכאַפּט א שטיק פון געזיכט. אַן אַנ־גענעהמער ריח האָט זיך ארום געפיהלט.

— אַ שרעקליכער וועטער, אַ שרעקליכער וועטער, — האָט לעווין אַלץ גערעדט, ניט געפינענדיג אויף דער ערשטער מינוט פון וואָס עפּעס אַנדערש צו ריידען — שוין אָבגעוואָהנט פון דעם!

ער האָט פעררויכערט אַ סיגאַרעט און האָט גענומען בלאָזען גאַנצע שטיקער געגרייזעלטע רויך.

— איך האָב שרעקליך פיינד אַפּערא, — האָט לעווין אָנגעהויבען.— עס מאַטערט מיר אויין און עס גיט מיר גאָרנישט דערפאַר... וואו ניט וואו דערפיהלט איהר עפּעס. אין אַלגעמיין איז דאָס אַלאַנגע לאַנגווייליגע פייניגונג....

פריעדא איז אריין אין קיך. לעווין האָט איהר נאָכגעקוקט, בע־

וואונדערט איהר שעהנע פיגור מיט'ן שעהנעם קאָפּ האָר און זיין האַרץ האָט גענומען צוגעהן.

איהם האָט אָנגעכאַפּט יענע נשמה־אונרוה, פאר וועלכע ער פלעגט זיך אליין שרעקען, און ער האָט דערפיהלט ווי אַ פיינליכער פערלאַנג וואַקסט אויף ביי איהם אין האַרצען אַ פערלאַנג, וואָס איז שווער צייטענווייז צו בעהערשען.

פריעדא האָט זיך אומגעקעהרט מיט טהעע.

— עס איז זעהר אַנגענעהם צו זיצען אין אַ וואַרעמען צימער, ווען מען פיהלט מיט'ן גאַנצען לייב, אַז אין דרויסען איז קאַלט און נאַס, — האָט פריעדא שמייכלענדיג גערעדט, זיך אַנידערזעצענדיג אויפ'ן פריי־ערדיגען פּלאַטץ.

לעווין האָט זיך געזעצט נעבען טיש און האָט גענומען טרינקען זיין טהעע.

טרינקענדיג זיין טהעע, האָט לעווין דערווייל רוהיג בעטראַכט פריעדא'ן וועלכע איז געזעסען און האָט פאַר זיך געקוקט, גלאַט אין דער וועלט אריין, אָהן אַ בעזונדער צוועק. לעווין'ען האָט זיך געטראַכט: „אַזא פרוי איז געפעהרליך, דערהויפּט ווען זי איז רוהיג... איז זי זעהר אַ שעהנע?.. פיעלייכט יע, פיעלייכט ניט... איהרע גליעדער זיינען ניט רעגעלמעסיג... אָבער, דער שעהן געשניטענער קאָפּ, איהר בלאַסקייט, איהר פולע ברוסט"...

ער האָט געפיהלט, אַז ער ווערט אונרוהיג.

וואס ער האָט אייגענטליך געוואָלט פון פריעדא'ן, האָט ער אליין קלאָר ניט געוואוסט. און וואָס זיצט ער דאָ? וואָס וויל ער דאָ? ער האָט כמעט ניט פון וואס, און וועגען וואס, מיט איהר צו ריידען... עס איז איהם לאַנגווייליג—און דאָך ווילט זיך איהם נעבען איהר זיין און פיהלען איהר לופט ארום זיך.

דער געדאַנק, אַז פריעדא איז זיין בעסטען פריינד'ס פרוי, איז איצ־טער געוועזען פון איהם זעהר ווייט, גלייך ווי ער וואָלט מיט אַמאָל פערגעסען אָן דעם דאָקטאָרס עקזיסטענץ, אָבער דאָך איז איהם געוועזען זעהר שווער, און ער האָט זיך ניט געפיהלט זיכער. עפּעס אַזוינס איז געוועזען אין דער לופט ארום. עפּעס אַזוינס איז געשטאַנען צווישען איהם און איהר, וואָס האָט זיי אָבגעטהיילט, און געמאַכט שווער די לופט ארום.

פריעדא האָט אויף איהם געקוקט. א קוים מערקבארער שמייכעל האָט איהרע ליפען איבערגעצויגען.

לעווין האָט זיך אויפגעהויבען און זיך געזעצט אויף זיין פריהערדיגען אָרט אין ווינקעל פון קאנאפע.

פריעדא איז צוגעגאנגען און האָט זיך געשטעלט הארט קעגען איהם. איהרע קניע האָבען לייכט בעריהרט זיינע פיס, איהרע אויגען האָבען גלייך געקוקט אויף איהם, איהר אטעם האָט איהם, ווי מיט א פוך־פעדער, צערטליך בעריהרט. זי האָט איהם אין א העלען ווייכען טאָן געפרעגט פון וואס ער טראכט.

לעווין האָט געהאט א שטארקען פערלאנג איהר א כאפ צו טהון ארום דער טאליע און איהר אזוי א דריק טהון צו זיין ברוסט, אז זי זאָל אָנ־הויבען שרייען פאר וועהטאָג און ער זאָל פיהלען מיט זיינע פינגער, ווי עס גיט זיך אונטער איהר לייב אונטער דעם דרוק פון זיין האנד. ער האָט דאס אָבער ניט געטהון. ער האָט נור געזאָגט:

— זעצט זיך פריעדא. — און זיינע ברעמען האָבען זיך צונויפגע־צויגען.

פריעדא האָט זיך געזעצט אין קאנאפע מיט א זייט, אזוי, אז זיי־ זיינען אויסגעקומען איינע אנטקעגען די אנדערע. ביידענס פיס האָבען זיך הארט געגרענעצט, און זיי אליין זיינען געווען דערווייטערט איינע פון די אנדערע, אזוי ווי די שפיטצען ברעגען פון אן אויפגעעפענטען פאָכער.

פריעדא האָט איהם נאָכאמאָל געפרעגט פון וואס ער טראכט.

לעווין האָט אויף איהר א קוק געטהון, א קוועטש געטהון מיט די אקסלען, און געזאָגט:

פון וואָס איך טראכט?... ווער ווייסט פון וואָס מען טראכט.... זעהט איהר, אין דער מינוט האָב איך געטראכט אָט פון דעם שליאק וואָס רינ־ געלט ארום אייער צימער: איך האָב אויף איהם איבערגעצעהלט וויפיעל בינטלעך גרייפס און וויפיעל עפעל, בארען און באנאנעס דאָרטען איז. אין איין אָרט האָב איך בעמערקט, אז עס פעהלט, לויט נאָך דער סעמעט־ ריע א גאנצער בינדעל גרייפס, — פערשוואונדען, און דאָס האָט מיר אביסעל געבאָדערט.... און ווייטער האָב איך געטראכט וועגען אייך און

וועגען אַלגעמיינעם בלינדען שיקזאַל, וואָס ריכטעט אונזער לעבען נאָך זיין ווילען, אונז, פון פריהער, קיינמאָל ניט אויסזאָגענדיג, דאָס וואָס עס וועט מיט אונז טרעפען, ביי דער אָדער יענער געלעגענהייט.... דאָ האָט ער זיך אָבגעשטעלט, ווייל ער האָט מיט אמאָל דערפיהלט די גאַנצע פאַלש־קייט פון זיין טאָן און, אז ער רעדט דאָס, וואָס ער האָט גאָרניט געוואָלט ריידען. און ריידען האָט ער גאָר וואָס אנדערש געוואָלט. עס איז איהם געוואָרען מיאוס פאר זיך אליין.

פריעדא האָט אויסגעצויגען איהר לאַנגע האנד איבער דער ווענטעל פון קאַנאַפּע. איהרע פינגער זיינען לייכט, אזוי ווי אָהנמעכטיג, אָדער אזוי ווי זי אליין וואָלט דערפון ניט וויסען, אראָבגעהאַנגען איבער זיין קאָפּ און לייכט בעריהרט זיינע האָר.

לעווין האָט דערפיהלט די בעריהרונג. ער האָט אויף איהר שאַרף אָקוק געטהון. זייערע אויגען האָבען זיך בעגעגענט. אין זייער קוק איז געלעגען איין וואונש און אזוי ווי עפּעס בעשטימטעס.

און ער האָט ניט געקענט פערשטעהען, ווי אזוי עס האָט געטראָפען, וואס מיט אמאָל האָט ער דערפיהלט, ווי צוויי ווייכע ארעמס האָבען פעסט זיין האלז ארומגענומען, און אויך זיינע ארעמס האָבען אימיצענס א ווייכען נאָכגיביגען קערפּער פעסט געהאַלטען. ער האָט געפיהלט אַן אנגענעהמען ריח פון האאר און ווי הייסע ליפּען בעריהרען זיינע ליפּען; און ווייטער האָט זיך אַלץ געטהון ווי פון זיך אליין.

ער האָט געפיהלט ווי זיינע טרייסלענדע פינגער בעוועגען זיך אין זיידענעם און שפּיעלען וואס פונאַנדער. און אָט פאַלט צו דער ערד א שווערע קלייד און ער שטעהט אויף די קניע און שפּילעט פונאַנדער שיך. זיינע אויגען זעהען א פּאָר שעהנע פיס בעצויגען מיט א פּאָר דורכזיכ־טיגע זיידענע זאָקען, זיינע פינגער, וואס ציטערען, ריהרען זיך אָן עפּעס גלאַטעס, און דערביי שווינדעלט איהם, און זיינע צייהנער בעריהרען זיך איינע אַן די צווייטע.

באַלד גיט זיך אוויס פאר זיינע אויגען און ער זעהט פאר זיך כמעט א נאַקעטע פרוי מיט א בלענדענדען ווייסען לייב, דער אויבערשטער טהייל פון קערפּער נור ארומגעכאַפּט פון זעהר א דינע און דורכזיכטיגע זיידענע העמדעל, וואס פאַלט צו צו די אבשטעהענדע פאָרמען, ווי א

נאָסע טוך. און ער בעהערשט פון אַ שרעקליכען וועהטאָגדיגען פערלאַנג האַלט דער פרוי שטאַרק אין זיינע אָרעמס און פיהלט מיט זיינע אַלע חושים די וואַרימקייט און בעזונדער רח, וואָס שלאָגט פון איהר לייב. און דאָס, וואָס איז אַזוי ליעב ביז צום וועהטהון, טראָגט ער אין אַ צוויי־טען צימער און לייגט אויף אַ בעט. און באַלד איז ער אויך אַ נאַקעטער און ליעגט גלייך מיט איהר און פיהלט מיט זיין לייב נאָך אַ לייב, און אין אנגענעהמע, אין דער זעלבער צייט אויך פיינליכע, בעריהרונג פיהלען אַלע זיינע גליעדער.

פון איצטער אָן האָט די איבעריגע וועלט אויפגעהערט פאַר איהם צו עקזיסטירען. צו דען איז גאָר פאַראַן אַ וועלט און לעבען?... אַלץ האָט זיך פאַר איהם אַזוי דערוויטערט, פערפאַלען געוואָרען אין ערגעץ...

איז דאָס פריעדע?

ניין, עס איז גאָר קיין מענש ניט. עס איז נור אַ רעוואָלטירענדע נאַקעטער קערפער מיט אַ ברויזענדער ברוסט, וואָס בעוועגט זיך, אַזוי ווי געשטויסען פון אַ אינערליכע פינסטערע קראַפט. און די ליפען זויגען, בייסען ביז וועהטאָג.

אַלץ, וואָס ביז אהער האָט אין איהם געלעבט, געדענקט און געפיהלט, איז איצטער פערטעמפט געוואָרען, זיך איבערגעצויגען מיט אַ דיקען שלייער; און איהם איז נור געבליבען אַ נאַקעטער קערפער, וואָס דריקט און פרעסט צו זיך אימעצען מיט ווילדען אימפעט.

ער האָט געפיהלט, אַז ער רעדט עפּעס... אָבער צו דען זיינען דאָס ווערטער, וואָס האָבען אַ זינן?... עפּעס אַ פיבערהאַפטע פּלוידערן אָהן דאָס מינדעסטע עהנליכקייט אויף אַ מענשליכען געדאַנק.

אימעצער האָט איהם געענטפערט מיט דעם זעלבען פּלוידערן. ער האָט אָבער ניט געקענט, פאַר קיין זאַך אין דער וועלט, בעגרייפען די בעדייטונג פון דעם פּלוידערן; צוויי אויגען מיט פיבער־גלאַנץ, פער־טרונקען און אַזוי ווי פערצויגען מיט אַ רויך האָבען שמאַכטענד געקוקט און, אַזוי ווי די אויגען פון יענער שלאַנג, איהם בעהערשט.

און אָט ליעגט ער נעבען איהר אַ מיעדער און האַלט איינגעגעסען זיין קאָפּ און זיינע ליפּען אין איהר וואַרימער, העפטיג שלאָגענדע ברוסט. און זי האַלט שטאַרק ארומגענומען זיין קאָפּ און קושט און בייסט אין

דער זעלבער צייט און שעפּטשעט דערביי אַזעלכע ווילדע אונזיניגע, האלב אָפּגעריסענע פראזען. ער וויים אינסטינקטיוו, וואָס זי וויל: זי וויל אונ־ענדליכע ארעמס און נעכט. זי גארט מיט איהר גאַנצע בלוט נאָך ווילדער ליידענשאפטליכער פערטרונקענהייט... זי איז בעזעסען...

ער הייבט אָן שוואַך צו בעגרייפען די ניט נאַטירליכקייט און שווער־קייט פון זיין לאגע און זינקט אבער ווייטער אין איהרע ארימס.

IV.

לעווין האָט ניט געפיהלט ווי די צייט איז אוועק. איהם האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער איז אַביסעל געשלאָפען, חאָטש ער האָט ניט גע־גלויבט, אַז ער איז געשלאָפען — ווארום ווי קען מען שלאָפען?

אין צימער איז געווען האלב דונקעל און עס האָט געשטיקט.

פריעדרא האָט זיך אויפגעהויבען און געזעצט אין בעט. זי איז אין גאַנצען נאַקעט געווען. איהרע האָאר האָבען זיך פונאנדערגעלאָזען און זיי־נען געפאַלען ארום איהר נאַקען און ברוסט. איהרע פארצויגענע אויגען האָבען געקוקט אויף איהם און איהר אויסדרוק, און אויך דער אויסדרוק פון איהר קערפּער האָבען אפּען געוועדט און געמאָנט.

פריעדרא האָט מיט אמאָל ארומגעכאפּט זיין קאָפּ, איהם טיעף איינגע־קוקט אין די אויגען און געוועדט מיט דעם טאָן ווי קינדער ריידען:

— אָה, איך זעה זיך אין דיינע אויגען. אָה, וואס פאר א שווארצינקע איך בין?... זעה נור, פאר וואס קושט דו מיך ניט?

לעווין האָט איהר כמעט ווי ניט ווילענדיג א קוש געטהון אין די ליפּען. פריעדרא האָט דערפיהלט די קאַלטקייט. זי האָט פּראָטעסטירט.

לעווין איז געוועזען מיעד און איבערזעטיגט. עס איז איהם געוועזען דערווידער איהרע קושען און אומארמונגען. ער האָט זיך געוואָלט בע־פרייען.

— פריעדרא, איך בין מיעד...

— אָה, דו שלעכטער! — האָט זיך פריעדרא געמאכט אין כעס און האָט פערוואָרפען איהרע הענד ארום זיין האלז און איהם אראָבגעצויגען צו זיך, און האָט געשעפּטשעט: נאָך נאָך.... ליעב מיך!...

עס איז איהם געוואָרען היים. א קאַלטער שוויים האָט בעדעקט זיין שטערן. ער האָט זיך פאַמעלאָך בעפרייט פון איהרע ארעמס.

זי האָט איהם אנגעקוקט מיט ווייט אָפענע אויגען, און געבעטען:

— ליעב מיך... ליעב מיך...

לעווין האָט זיך אויפגעהויבען פון בעט און האָט אראָפּגעלאָזען די

פיס אויפ'ן פלאָר. ער האָט א כאַפּ געטהאָן די זאכען און זיך גיך גענומען אָנטהון. ער האָט זיך געשעהמט פאר זיין אייגענער נאַקעטקייט.

פריעדא האָט זיך אנגעהאנגען ביי איהם אויפ'ן האלז און האָט שטיל מיט ליעבע גערעדט:

— לעווין, וואוהין ווילסטו געהן?... ווילסטו מיר אליין לאזען?... אך, ווי שרעקליך!...

— איך מוז געהן, איך מוז געהן. — האָט ער איידעל געזאגט און ער האָט זיך אנגעטהון פארטיג צו געהן.

— ניין, דו וועסט ניט געהן! — האָט פריעדא אויסגעשריען און זי האָט זיך אזוי ווי צוגעקלעפּט צו איהם, איהם ארומגעכאפּט און גענומען קושען און בייסען. איין בים אין האלז האָט איהם בעזונדערס וועה געטהון, ער האָט שיעור פאר וועהטאָג ניט אויסגעשריען.

— מיין גאָט, פריעדא, איהר זייט ווילד, — האָט ער מיט פערפּרעסטע ציינער ארויסגערעדט. — בעטראכט זיך!....

— געה ניט אוועק, געה ניט אוועק, — האָט זי זיך געבעטען. — בלייב דאָ מיט מיר, בלייב דאָ...

לעווין האָט א קוועטש געטהון מיט די אקסלען און האָט גענומען געהן צום טהיר. פריעדא האָט איהם אָנגעכאפּט און ניט געלאזען געהן. ער האָט זי גראב אבגעשטויסען. אויף זיינע ליפּען האָט זיך געדרעהט א זידעל־וואָרט. אין זיין קאָפּ איז געוועזען איין געדאנק: וואָס גיכער זיך צו בעפרייען. ער איז גלייך אוועק צום טהיר.

פריעדא האָט נאָך געפּרואווט מאכען עטליכע טריט צום טהיר, מיט אמאָל האָט זי זיך אבגעשטעלט און האָט מיט איהר היסטערישען קול הויך און מיט האס ארויסגערעדט:

— אנטלויף, אונפערשעמטער!...

לעווינען האָט קיין זאך איצטער אין דער וועלט ניט געאַרט. זיין איינציגער פערלאנג איז געוועזען צו זיין אין דרויסען און אטמען די פרייע לופט. — אזוי האָט איהם געשטיקט.

עס איז שוין געוועזען שפּעט אין דער נאַכט. א געדיכטער שנעע האָט נאַכאַנאַנד געשאָטען און אלץ איבערגעצויגען מיט ווייסען. די בלאַסע לאָמפּ־פייערלאך האָבען שוואך געגלימערט, אזוי ווי אונטער א ווייס־געשפּריצטען גאז.

אַרויסגעהענדיג אין דרויסען, האָט זיך לעווין אבגעשטעלט און אָבגעצויגען דעם אָטהעם. די ווייסקייט פון שנעע מיט דעם געלען אבשיין פון די לאָמפּען צוזאמען געמישט האָבען אויף איהם געמאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק, און איהם האָט זיך, גאָט ווייס פאַרוואָס, אויסגעדאַכט, אַז ער איז דאַ אין דעם זעלבען פּלאַץ שוין איינמאָל געוועזען און דאָס זעלבע איבערלעבט. דערהויפּט איז איהם זעהר בעקאַנט געווען, דאָס גאַנצע אַרומיגע, און ער וואָלט געקענט איצטער זיכער זאָגען, אַז ער איז דאָ שוין איינמאָל געווען און געשטאַנען ווי איצטער מיט די זעלבע איבער־לעבונגען אין האַרץ. — נור, ווען איז דאָס געווען?...

די גרויסע פלעקען שנעע זיינען געפאַלען אויף זיין וואַרימען פּנים זיך צוגעקלעפּט און צוגאַנגען. דערביי האָט ער געפיהלט עפּעס אַ מאָדנע בעריהרונג.

ער האָט איצטער פון קיין זאַך ניט געקענט נאָכדענקען און טראַכטען. עס האָט זיך איהם געפיהלט, אַז עפּעס איז היינט געשעהן, וואָס עס האָט ניט בעדאַרפט געשעהן. אָבער ער האָט וועגען דעם ניט געקענט טראַכטען. ער האָט געהאַט דעם געפיהל פון אַ מענשען, וועלכער ווערט בעהערשט פון אַ גרויסען שרעק און ער זעהט נור זיין איינציגע רעטונג אין דעם בלינדען אַנטלויפען, — און ער לויפט.

ער איז געגאַנגען, אָבער ער האָט ניט געוואוסט וואוהין ער געהט. ער האָט, דאַכט זיך, גאָרנישט געזעהן און בעמערקט, אויסער פּיליכט אַזעלכע קליינע און אובעדייטענדע זאַכען, וואָס ער וואָלט זיך אויף דעם אַן אַנדערש מאָל ניט אָבגעשטעלט. אָט האָט ער מיט אַמאָל בע־מערקט אין אַ פענסטער פון אַ סטאָר, ביים שוואַכען שיין פון עלעקט־רישען לאָמפּ, אַ נעה־מאַשין און האָט זיך אבגעשטעלט און זיך גע־וואונדערט, אַזוי ווי ער וואָלט דאָס צום ערשטען מאָל געזעהן, און דערביי האָט ער צו זיך גערעדט: „אַ מאָדנע זאַך... טיק, טיק, טיק, און עס דרעהט זיך“....

ער האָט געקוקט אויף די צוויי רייהען בלייכע פייערן, און ער האָט געמאַכט אַ פערזוך זיי צו צעהלען, און עס האָט איהם זעהר שטאַרק פערדראָסען אויף די יענע פייערלאַך, וואָס זיינען, ווי געשפּענסטער פּלוצ־לונג פערפאַלען געוואָרען אין דער שנעעיגער דונקעל־גרויקייט. ער האָט געצעהלט און געצעהלט, אַליין ניט פיהלענדיג וואָס ער טהוט. דערביי האָט

ער אָפּט ארויסגערעדט האלבע אבגעריסענע פראזען און דערנאָך זיך גע־כאַפּט, אז זיי האָבען קיין זינן ניט. ער האָט מיט אמאָל דערפיהלט א קעלט אין זיין גאנצען קערפּער. איהם האָט גענומען טרייסלען.

איהם איז ארויף אויפ'ן זינען א טערקישער באָד און ער האָט זיך מיט פרייד אָן דעם געדאנק אנגעכאפּט, און ער האָט שוין אין געדאנק דערפיהלט ווי א ליעבליכע ווארימקייט צושפּרייט זיך איבער אלע זיינע גליעדער.

אלץ, וואָס ער האָט דערנאָך געטהון, האָט ער געטהון מעכאניש. ער האָט אליין ניט געפיהלט, ווי ער האָט בעצאָהלט פאר'ן אריינגאַנג און דערנאָך איבער געגעבען די געלד און זייגער און אם ענדע ווי ער איז ארויף צו זיך אין צימער און זיך אויסגעטהון נאַקעט.

און ווידער איז ער נאַקעט! ער האָט ניט געקענט פערשטעהן, וואָס מיט איהם איז.

ווען לעווין איז אַראָפּ איינגעוויקעלט אין ליילאָך, אויפ'ן שטייגער, ווי די טראגיקער אין אלטע טראגעדיען, איז איהם אויסגעקומען, אזוי ווי ער וואָלט מיט אמאָל אריינגעפאלען אין א געדיכטען ווארעמען נעבעל. עס איז געשטאַנען אין צימער א טומעל: אנדערע האָבען גע־שריען, געצויגען טענער, אנדערע האָבען געזונגען, געלאַכט, גערעדט. און ער האָט ניט געקענט בעגרייפען פון וואנען דער טומעל קומט. באלד האָט ער גענומען פונאנדערשיידען נאַקעטע מענשליכע פיגורען, זיך ווער ארומדרעהען, און ווער ליגענדיג אויסגעצויגען, אין א ליעבליכער ווארימ־קייט, אויף די לאַנגע לעהן־שטוהלען.

לעווין האָט זיך אויסגעלייגט אויף א שטוהל און זיך ארומ־געקוקט. אלץ ארום איז איהם אויסגעקומען פרעמד און אונבעקאַנט, גלייך ווי ער וואָלט דאָ צום ערשטען מאָל געווען. ער האָט געזעהן נאַקעטע פי־גורען זיך ארומדרעהען אין א געדיכטע פארע. די פייערלאָך האָבען גע־ברענט, אזוי ווי אין א געדיכטען טומאַן מיט א געלען אבשיין.

ער האָט געקוקט אויף א גרויסען ריעזיגען מאַן, פונאנדערגעגאָסען פון פעטקייט, מיט א פּאָר דיקע פיס און גרויסע קרומע פינגער, מיט א גרויסען שווערען בויך און מיט פעטס פערגאָסענע ברוסט. איהם איז געווען שווער צו פערשטעהן, פאר וואָס אזא העסליכער מאַן מיט אזא לייב בע־געהט ניט קיין זעלבסט מאָרד... „און ער האָט נאָך א פרוי אודאי, און זי

ליעבט נאָך איהם אויף״... איהם האָט גענומען עקלען....

איהם איז געווען דערווידער די פולע נאַקעטקייט, און ער האָט מיט פעראַכטונג אויף אַלעמען געקוקט.

די ווארימקייט האָט איהם פונאַנדער גענומען. אַ שוויים איז ארויס־געטראָטען איבער זיין גאנצען קערפּער און ער האָט זיך נאָך מעהר מיעד געפיהלט.

פון דעם וואָס ער האָט היינטיגע נאַכט איבערגעלעבט, האָט ער איצטער ניט געטראַכט. ער האָט נור אין אַלגעמיינעם געפיהלט, אז עפּעס איז געשעהן, און בעסער דערפון ניט צו טראַכטען.

עס האָבען זיך אין געדיכטען ווארימען נעבעל געדרעהט נאַקעטע לייבער. ערגעץ וואו האָט מען גערעדט, געזונגען, געליארעמט און געלאַכט און עס האָט זיך איהם געדאכט, אז דער טומעל און אַלע קולות קומען פון ערגעץ וויט, אזוי ווי פון פוסטע פעסער וואלטען זיי ארויסגעקלונגען.

ער איז אריין אין א צווייטען, דערנאָך אין א דריטען צימער, וואו די פּארע איז געווען געדיכט, כאָטש מיט א מעסער צו שניידען. עס האָט איהם פערכאפּט פאר׳ן אטעם.

אן אנגעהיצטער איז ער פון דעם צימער ארויס און זיך גלייך אריינ־געוואָרפען אין דעם גרויסען באסיין מיט׳ן קלאָהרען גרינליכען וואַסער. זיך אבגעטוקט און דורכגעשוואומען עטליכע מאָל און ארויס.

ער האָט געפיהלט זיין לייב, ווי זי ווערט שטייפער. ער האָט אנגע־טאפּט די מוסקולען, און דערביי צו זיך אליין געשמייכעלט.

דערנאָך האָט ער זיך געלאזען איינרייבען מיט אלקאהאָל און איז ארויף צו זיך אין צימער, זיך אויסגעצויגען אויף דער לייווענטענער בעטעל און ער האָט אליין ניט געפיהלט, ווי ער איז ערגעץ וואו פערפאלען געוואָרען.

V.

פאַלשע און שוואַכינקע נשמות זיינען פעהיג צו דערפיהרען יעדער פאַרברעכען ביז צו פאַלאַזאָפיע. געזונדע לעבענס־פעהיגע ליידען אם שטאַרקסטען פון דעם בעוואוסטזיין, אז זיי האָבען געטהון ניט דאס וואָס זיי האָבען געוואָלט טהון.

נאָכדעם ווי לעווינען איז געוואָרען קלאָר די פאַסירונג פון יענער נאַכט, איז אויף איהם אָנגעפאַלען א מאָדנע אונרוה, א אונרוה, וואָס האָט איהם פערשאַפט א טיעפען מאָראַלען וועהטאָג.

ער האָט געגען קיינעם קאָנקרעט ניט געזינדיגט; קיינעם קיין שלעכטס ניט געטהון; קיינעם ניט בעליידיגט, — נור דאָך האָט ער געזינדיגט, שלעכטס געטהון און אימעצען בעליידיגט. געזינדיגט האָט ער קעגען זיך אליין; קעגען יענע אמת'ע, אין איהם איינגעבאָרענע, עהרען בעגריפע און נשמה פיינקייט, וואָס איז אין איהם אלע מאָל געוועזען. בעליידיגט האָט ער דעם דאָקטאָר.

ווי אזוי האָט דאָס פאַסירט?

ער האָט זיך גענומען דערמאָנען, אָבער ער האָט פאַר קיין פאַל ניט געקענט אנכאַפּען דעם אנהייב: ער געדענקט נור, אז אלץ האָט זיך דע־מאָלט געטהון פון זיך אליין, און אז זיין בלוט איז אָנגעגאָסען געוואָרען מיט אזא זאַך, וואָס איז געווען שטאַרקער ווי זיין ווילען.

ווילען, ווילען... וואָס איז דאָס אזוינס?

ווילען, דאס איז דער וועק־זייגער פון דער נשמה, וואו אין געוויסע פעלע קלינגט ער אין דער ריכטיגער צייט, און אין געוויסע פעלע ענט־זאגט ער זיך צו קלינגען גאָר אין גאנצען. יענעם מאָל, האָט ער זיך ענט־זאָגט צו קלינגען, און ער איז געווען אָהן א ווילען.

„אָבער דער דאָקטאָר? ווי וועל איך איהם קענען בעגעגענען, און אויף איין מינוט זיך ניט דערמאָנען, אז אָט בין איך געווען מיט דיין ווייב, מיט וועלכע דו וואוינסט ניט, אָבער וועלכער דו ליעבסט נאָך און האָפסט נאָך מיט איהר, ווען עס איז, צוזאמען צוקומען!... ווי וועל איך

איהם קענען קוקען גלייך אין די אויגען, און אין מיינע אויגען זאל זיך ניט אבשפיעגלען יענער ביליגער און נידריגער אויסדרוק, וואס עס ווייזט זיך אין די אויגען פון דער פרוי'ס געליעבטען, ווען ער רעדט מיט'ן מאן, וואס ער האט נור וואס היינטען ארום ארויסגעשטעלט א צונג?.. ווי?"..

ווארום זי איז דעם דאקטאר'ס פרוי... און ווען איינער בעהערשט א פרוי מיט'ן אמת'ן אינערליכען עהרען־געפיהל, אז דאס איז זי זיין אויסגעקליבענע בלייבט די יעניגע פאר אלע פריינד אונבעריהרבאר — טאבו... און האט ער דאס ניט צושטערט?...

עס האט איהם וועה געטהון, און אין דערזעלבער צייט האט ער גע־פיהלט, אז דער וועהטאג איז א פערדיענטער. ער האט זיך ניט געוואלט רעכטפערטיגען און בעפריעדיגען זיין הארץ און נשמה מיט אלערליי ליגענס און סאפיזמען. — ער האט געליטען.

און נאך מעהר האט ער דערפיהלט שארף דעם וועהטאג, ווען אין א פאר טעג ארום האט ער ערהאלטען פון פריעדא'ן א בריעף, געשריעבען וואהרשיינליך אין היסטערישען צושטאנד, וואו זי בעט איהם, אז ער זאל צו איהר קומען, זי מוז איהם זעהן, זי מוז פאר איהם „איהר גאנצע נשמה אפדעקען, ווי זי האט דאס שוין איינמאל געטהאן מיט איהר ליעב", ווארום זי רעכענט זיך פאר דער אונגליקליכסטער פרוי אין דער וועלט.

„אפט מאל בעגרייפסט דו אליין ניט, ווי דו יוערסט אין לעבען אריינ־געדרעהט און עס איז שווער דערנאך זיך ארויסצופלאנטערן, ווי עס איז שווער דער פייגעל זיך ארויסצופלעכטען פון דעם נעץ סטרונעס, וואס די אינגלאך האבען פאר איהר אויסגעליגט. — האט לעווין געלייענט. — יע, איך אויך האב זיך פערפלאנטערט אין דעם לאבירינט פון דאס, וואס מיר רופען לעבען; און וואהרשיינליך, וועל איך שוין שטארבען אזוי, ניט קיין געטרייסטע... נור, וואס געהט דאס מיר אלץ אן!... מיין הארץ און לייב לעבט, איך פיהל דאס מיט אלע פיברען פון מיין נשמה, (וואס פאר א נשמה עס איז, אבער דאך א נשמה) און וואוהין זיי וועלען מיר פערפיהרען איז איין גאט ווייס... נור מיך געהט עס זעהר ווייניג אן, איך בין דערצו זעהר גלייכגילטיג, — זאלען זיי פיהרען וואוהין זיי ווילען"...

איבערלייענדיג דעם גאנצען בריעף, איז לעווין געבליבען שטעהן, אזוי ווי ער וואלט דעם גלייכגעוויכט פערלארען. ביי איהם אין קאפ האט זיך אויסגעשפרייט א בלאנק. אין דער רגע האט אין זיין מח אויפגעפלאמט

די ערזאינערונג פון איהר ווילדער סעקסועלער בעזעסענהייט און איהם האָט א שוידער געטהאָן.

ער האָט מיט כעס צוריסען דעם בריעף; געמאכט הארט זיין הארץ און מעהר דערפון ניט געטראכט.

ביים דאָקטאָר איז ער שוין א לאנגע צייט ניט געווען, און ער איז כמעט פון הויז ניט ארוים. ער האט פערבראכט די גאנצע צייט אין דער קיים מיט דעם שוואָגער און דער שוועסטער און דערהויפט מיט׳ן קליי־נינקען „אמעריקאנער“, וועלכען ער האָט זעהר ליעב בעקומען.

דער שוואָגער האָט איהם אַלץ גע׳מוסר׳ט, פארוואָס ער זעהט עפּעס ניט צו זוכען, וואָס עס איז צו טהון. עס איז דאָך קיין תכלית ניט צו פּטר׳ן די עטליכע דאָלאר, און דערנאָך ווייטער דאס זעלבע, וואָס אמאָל. דער שוואָגער איז אזוי ווייט געגאנגען, אז ער האָט איהם פאָרגעשלאָגען, אז ער זאָל מיט איהם אריין אין שותפות אין די קלאוק ביזנעס.

— דו ווייסט גאָר וואס, דזשאו, איך נעהם דיך צו פאר א פארטנער,

— האָט איין אין אבענד דער שוואגער גערעדט. — איך גלויב, אז דו וועסט זיך דערצו גוט אויסטויגען...

לעווין האָט זיך דערוויילע אפּגעוואָרפען און געענטפערט פערשיע־דענע תירוצים. איין תירוץ איז געווען, אז ער האָט מורא אריינצוגעהן אין ביזנעס, ווייל ער האָט מורא צו פערוואנדלעט ווערען אין א בורזשוא. דער שוואגער האָט אויפגעפלאמט און ער האָט זיך גענומען קאָכען.

— מיר, דזשאו, קענט איהר דאָך ניט בלאָפען, — האָט דער שוואגער מיט היטץ גערעדט, — מיר שרעקט איהר ניט מיט וואָרט בורזשוא, ווי אייער אַמאָליגער באָדלער האָט דעם בורזשוא געשראָקען מיט דעם מארך פון קינדער... מיר וועט איהר מיט דעם ניט שרעקען. איך קען אייער באנדע צו גוט, ווארום איך האָב דאָך אמאָל צו אייער חברותא בעלאנגט, געווען, ווי איהר רופט עס, א „באָהעמא“ און גדעדנק גוט די קונסט ווי צו פאבריצירען אָט די אלע עקזאטישע שטיק... איצטער וויים איך ווער איהר זייט און ווער מיר זיינען. — ער האָט בעזונדערס אונטערגעשטראכען דעם „מיר“ מיט א געוויסען ניגון. — און דאָס, וואָס איך וויים, איז ווייט ניט אזוי שמייכעלהאפט פאר אייך און אזוי שווארץ פאר אונז.... איך בעט דיר אויף א ווײלע האָבען געדולד אויסצוהערען די פילאָזאָפיע פון א בורזשוא...

דער שוואָגער האָט אָנגעצונדען אַ נייעם סיגאַר, איהם אריינגענומען אין ווינקעל פון מויל, זיך בעקוועם איינגעזעצט אין וויעג־שטוהל און גענומען לאַנגזאַם ארויסברייינגען זיין געדאַנק:

— דאָס לעבען, וועלכען מיר דערוויסען דאַ אויף דער ערד, ווען מיר דערפיהלען, אַז מיר זיינען שוין אויך פעהיג אַ געוויסען אַנטהייל אין איהם צו נעהמען, שטעלט זיך פאַר אַ טהייל פון אונז פאַר, ווי אַ וועג, וואָס ציהט זיך צו וואָס עפּעס... מעג עס זיין בעשטימטעס. יעדער איינציגער פון אונז איז שטענדיג אויפ'ן וועג. זייענדיג אויפ'ן וועג, פיהלען מיר די צייט, פיהלען די לופט, פיהלען דעם שעהנעם וועטער גלייך מיט דעם שטורם — קורץ, מיר פיהלען!... דער אַנדער טהייל, און דאָס איז דער טהייל, צו וועלכען דו בעלאַנגסט, האָט ניט קיין „אויפ'ן וועג“ און דרעהט זיך ארום זיך אליין, ארום אַ קליינע פּינטעלע, ארום זיין „איך“, וועלכען ער האָט וואונדערבאַר ענטוויקעלט — וואָס איז דער וואונדער?.... אין רעזולטאַט, פיליכט, בעקומט זיך די זעלבע סומע, — אָבער דיר פרעג איך, וואו איז דער פאָרצוג פון דעם אייעריגען איבער דעם אונזעריגען?... איך פרעג דיר.

לעווין האָט זיך גוטמוטיג פונאַדער געלאַכט:

— דו ביזט אַ גרויסער נאַר, — האָט איהם לעווין געקלאַפּט אין פּלייצע — וואָס ווילסטו מיט דיין פילאָזאָפיע! און ווער רעדט דיר עפּעס פון „פאָרצוג“... זעה, דו נאַר, ווי דו פיהלסט זיך געשטראָפט און מאַ־טערסט זיך צו פאַרענטפערען דיין בעשטימונג, וועלכע מיר גראַדע גע־פעהלט זי זעהר אין דיר, אָבער פאַר קיין פאַל, ניט אין מיר... איך האָב ניט ליעב ביזנעס... דאָס איז דאָך נור אַ געשמאַק זאַך. פונדעסטוועגען זאָג איך ניט, אַז איך וועל זיך ווען עס איז ניט נעהמען צו ביזנעס! גאַנץ מעגליך, אַז איך וועל מיט פערגעניגען אָננעהמען דיין פאָרשלאַג — וואָרט אביסעל...

דער שוואָגער האָט איהם אָנגעקוקט און הארציג געשמייכעלט.

— אָנקעל, — האָט איהם דער קליינער בעני געצויגען פאַר'ן אר־בעל — לוק מיי מאַסעל...

דער זעקס־יאָהריגער, בלאָנדער בעני איז געשטאַנען נעבען איהם מיט אַ פערקאַטשעטען ארבעל, מיט אַן אויפגעבויגענע ווייסע הענטעל, ווי עס טהוען גרויסע, ווען זיי ווילען ארויסשטעלען די מוסקלען.

לעווין האָט מיט'ן פינגער אָנגעטאַפּט די אויבערשטע פון דער דאַ־רער הענטעל, און האָט זיך געוואונדערט:

— אַה, ווהאט קיינד א מאסעל!..

ער האָט איהם צוגעצויגען צו זיך, געשטעלט איהם נעבען זיך. און דערביי האָט זיך איהם א טראכט געטהאָן: „איך וואָלט שוין היינט אויך געהאט אזא שטיפער".

די שוועסטער האָט געגרייט צום טיש. עס האָט זיך געטראָגען א ריח פון געפּרעגעלטעס.

דער שוואָגער איז נאָך אַלץ געזעסען אין וויעג־שטוהל און האָט מיט ליעבע געקוקט אויפ'ן זוהן.

— זעה, אָט די אַמעריקאַנער, וועלען שוין זיין מעהר מענשען פון אונז — האָט ער אומעדיג געזאָגט, — זיי וועלען ניט זיין אזוי צובראָכען.

— וואָס דרעהסטו א קאָפּ, „צובראָכען"! — האָט לעווין, וועלכער האָט פיינד געהאט אָט די אַלע ווייכקייטען, א זאָג געטהאָן — ווער איז צובראָכען? קיינער איז ניט צובראָכען... דאכט זיך, איך האָב נאָך קיין רוהיגערען און נאָרמאַלערען מענש פון דיר ניט געזעהן... וואָס ווילסטו?..

— וואָס דערצעהלסטו מיר מעשיות! — האָט דער שוואָגער מיט אַמאָל א זאָג געטהאָן — אַלע די אהער־אריבערגעקומענע זיינען אויף האַלב צובראָכען... פון די אַלע אימיגראַנטען וואָס איך קען, און וועלכע האָבען זיך גוט איינגעאָרדענט אפילו, זיינען אַלע צובראָכענע... זעהסטו, די היגע געבאָרענע, דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש!.. אָבער, אָבער זיי זיי־נען קיין אידען ניט. — האָט ער דערענדיגט מיט א זיפץ.

— דיר פערדריסט דאָס?

לעווין האָט וואָס געוואָלט זאָגען, אָבער איז געבליבען זיצען. פונ'ם צווייטען צימער האָט דער טעלעפאָן געקלונגען.

— העלאָ, העלאָ,—האָט די שוועסטער פון אַנדערן צימער געערעדט — יע, — האַלד דהי ווייער!... דזשאו! מען דאַרף דיך האָבען צום טעלע־פאָן, — האָט זי איהם גערופען.

לעווינ'ען איז איינגעפאַלען דאָס הארץ. ער האָט געמיינט, אז דאָס רופט איהם פרידא.

— ווער איז דאָס ? — האָט ער גיך דער שוועסטער געפרעגט.

— דאכט זיך דער דאָקטאָר.

לעווין האָט געמאכט אן אונצופריעדענע מינע.

דער דאָקטאָר האָט גערופען לעווין'ען. ער מוז איהם זעהר נייטיג זעהן, ער האָט איהם וואָס וויכטיגעס צו דערצעהלען.

נאָך סאפער איז לעווין אוועק צום דאָקטאָר.

VI.

ער האָט דעם דאָקטאָר געטראָפּען אויסגעפּוצט אַזוי ווי צום ארויס־געהן. ער איז געווען אוננאַטירליך אויפגעלעבט, וואָס איז צו איהם זעהר ניט געגאַנגען.

— הער, וואָס איך האָב דיר גערופען — האָט דער דאָקטאָר אָנגע־הויבען, ווען זיי האָבען זיך געזעצט. — איך וויל דיין עצה.

לעווין האָט איהם מיט פערדאכט אָנגעקוקט:

— מיין עצה?.. וואָס איז?..

— די געשיכטע דערפון איז אַזוי, — האָט דער דאָקטאָר ווייטער אָנגעהויבען אין דעם זעלבען אונרוהיגען טאָן און האָט גלייך געקוקט אויף לעווין'ען. — קורץ: פרידא וויל קומען צוריק...

לעווין איז געבליבען זיצען מיט אויסגעשטאַרטשעטע אויגען:

— עס קען ניט זיין!

— איך זאָג דיר, אַז יע, — איז דער דאָקטאָר אָנגעגאַנגען, ניט פער־דעכטענדיג עפּעס אין דעם טאָן מיט וועלכען לעווין האָט ארויסגערעדט דעם „עס קען ניט זיין" — איך האָב פון איהר ערהאַלטען עטליכע בריעף. אין דעם לעצטען שרייבט זי, און בעט זיך, אַז איך זאָל איהר מוחל זיין איהר נאַרישען שריט.

— „נאַרישען שריט" — האָט לעווין ווי צו זיך גערעדט. און איהם איז שווער געווען צו פערשטעהן, וואָס האָט מיט פריעדא'ן מיט אַמאָל פּאַ־סירט. ער האָט אינסטיקטיוו דערפיהלט דעם אָנקומען פון אַ שטורם.

— זי וועט דאָ זיין היינט אבענד. איך גלויב, אַז אין אַ האַלבע שעה ארום. — דער דאָקטאָר האָט אַ קוק געטהאָן אויפ'ן זייגער. — נו, זאָג, וואָס זאָל איך טהאָן? מיר איז איהר זעהר שווער צו בעגעגענען...

לעווין האָט גלייך ניט געענטפערט. ער איז זיך דורכגעגאַנגען אַ פּאָר מאָל איבער'ן צימער מיט אַ מינע פון אַ מענשען, וואָס האָט, וואָס שווע־רעם צו ענטשיידען. און זיך מיט אַמאָל אָבשטעלענדיג קעגען דאָקטאָר, האָט ער רוהיג געזאָגט:

— לאָז דאָס צו מיר... איך וועל זיך מיט איהר דורכריידען... דו, געה אוועק פון דאנען און לאָז מיר מיט איהר אַליין. איך וועל דיר אַלץ דערנאָך דערצעהלען.

דער דאָקטאָר האָט אַ ווײַלע נאָכגעדענקט און אזוי ווי ניט־ווילענ־דיג געזאָגט:

— זעה, לעווין, איך פערלאָז זיך אין גאַנצען אויף דיר... זיין קול האָט דערלאַנגט אַ לייכטען ציטער. ער האָט נאָך וואָס געוואָלט זאָגען, אָבער די ווערטער זיינען איהם אין האַלז געבליבען און שרעקליך אויפ־געקוועטשט דאָרטען... ער איז גיך ארויס.

ווען לעווין איז געבליבען אַליין, האָט זיין געזיכט אָנגענומען אַ וויל־דען אויסזעהן. אַלץ, וואָס פריהער איז געוועזן אין זיין געזיכט אָנגעצווי־גען און אָנגעשטריינגט האָט זיך מיט אמאָל אָבגעלאָזען, אָבגעשרויפט. און איהם אין גאַנצען איז בעפאַלען אַ מאָדנע ווילדקייט און אין דער מינוט האָט זיך איהם פערגלוסט אַלץ וואָס ארום זיך צושטערען, צוברעכען און דערנאָך געהן איבער דעם מיט אַ בעוואוסטזיין, אַז דאָס אַלץ האָט ער אָבגעטהאָן.

„ווי האָט זי דאָס געוואגט". — האָט ער מיט׳ן פויסט אימיצען גע־שראקען. — ווי אזוי? ! צו דען איז דאָס מעגליך?... — ער איז ארומגע־גאַנגען איבער׳ן צימער ווי אַ ווילדער.

אין אַ האַלבער שטונדע ארום איז פרידא געקומען און איז געוואָרען איבערראשט צו טרעפען לעווינ׳ען אַנשטאַט דעם דאָקטאָר. זי האָט זיך ארומגעקוקט, אזוי ווי זי וואָלט זיך וועלען איבערצייגען, צו אַלץ אין הויז איז אויפ׳ן זעלבען פּלאַץ ווי פריהער. זי האָט געפונען אַלץ אויפ׳ן זעל־בען פּלאַץ ווי פריהער, אָבער פערלאָזען. און אַ טיעפער אומעט האָט איהר אין גאַנצען ארומגעכאַפּט.

לעווין איז געוועזן שטרענג און ערנסט. ער האָט איהר געבעטען זיצען.

„ער האָט איהר געבעטען זיצען ביי איהר אין הויז" — האָט זי זיך אזוי ווי געוואונדערט און ניט געקענט בעגרייפען, ווי אזוי איז דאָס.

פרידא האָט האַלב פערלעגען, האַלב פערוואונדערט געמורמעלט:

— איהר גאָר? וואו איז דער דאָקטאָר?

לעווין האָט איהר אָנגעקוקט: אַלץ אין איהר איז געוועזן ווי פריהער.

פריש און ליעבליך, און עס האָט פון איהר געשמעקט יענע לופט, וועלכע דייטעט אָן אויף ליעבע און געגוס. נור די אויגען זיינען גרעסער געוואָרען, און ארום זיי האָבען זיך דונקעלע רינגען אויסגעלייגט. אין זיינע אויגען האָט אויפגעשפרונגען א פונק; זיין הארץ האָט א ציטער געטהאָן. אין דער זעלבער צייט האָט ער רוהיג, ווי נור מעגליך, געזאגט:

— דער דאָקטאָר איז אוועק, בעסער געזאָגט, איך האָב איהם געראטהען אוועקצוגעהן... איך וועל זיך דאָ מיט אייך דורכריידען...

אויף איהרע ליפען האָט זיך אויסגעלייגט א איראָניע.

— דאָס הייסט, ער האָט געלאָזען א פערטרעטער, — האָט זי ביטער אָנגעהויבען. — און מיט א פערטרעטער האָב איך ניט צו טהאָן. — זי האָט געמאכט א בעוועגונג, אזוי ווי זי וואָלט געהן צום טהיר.

לעווין האָט א ציה געטהאָן מיט די אקסלען.

— ווי איהר ווילט.

זיין רוהיגקייט האָט איהר ארויסגעבראכט פון געדולד, און זי האָט אויסגערופען:

— איך בין געקומען זעהן דעם דאָקטאָר, אָבער ניט אייך... וואו איז דער דאָקטאָר?

לעווין האָט א טראכט געטהאָן, און האָט מיט אויפרעגונג אין הארצען, אָבער מיט א רוהיגען טאָן, אָנגעהויבען:

— פרידא, דעם דאָקטאָר איז געוועזען זעהר שווער אייך צו בעגעגענען, נאָכדעם, ווי איהר האָט איהם אין בלוט בעליידיגט. איך האָב עס איבערגענומען נור דערפאר, אום איך זאָל אייך קאָנען זאָגען, אז אייער צונויפקומען צוריק מיט'ן דאָקטאָר איז אונמעגליך... ער האָט געוואָלט איהר דערמאָנען אן יענער ווילדער נאכט, נור ער האָט זיך אָבגעהאַלטען.

פרידא איז געוואָרען אויפגערעגט. איהרע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען:

— מיט וואָס פאר א רעכט האָט איהר זיך ארייגצומישען צווישען מיר און דעם דאָקטאָר?...

לעווין האָט רוהיג, אונטערשטרייכענדיג יעדער וואָרט, געענטפערט:

— מיט דעם רעכט פון א פריינד, וועלכער וויל דעם דאָקטאָר ניט זעהן אַלס אן אָבגענאַרטען מאַן...

פרידא האָט זיך געמאַכט אַזוי ווי זי פערשטעהט ניט צוליעב וואָס ער האָט דאָס געזאָגט און זי האָט מיט אַ קאַלטען, רוהיגען טאָן געזאָגט:

— איך האָב אייך דאָך שוין פריהער ערקלעהרט, אַז מיט אייך האָב איך גאָרנישט צו טהאָן.

— אָבער אין דעם פאַל, מוזט איהר מיט מיר האָבען צו טהאָן, — האָט לעווין מיט איינגעהאַלטענעם כעס צוריק געגעבען.

פרידא איז אויפגעשפרונגען. איהר גאַנצע האַלטונג האָט אויסגע־דריקט פעראַכטונג. און זי האָט מיט דעם טיעפסטען האַס, וואָס זי האָט נור געקענט אָנקלייבען אין טאָן, ארויסגעזשיפּעט ווי אַ שלאַנג:

— איהר זייט אַ לומפּ, אַ געמיינער פערפיהרער! — און האָט זיך מיט אַ בעזונדער ווילדקייט און גיפט אַ וואָרף געטהאָן אויף איהם.

לעווין איז געוואָרען בלייך, און איז אינסטיקטיוו אָבגעטראַטען אַ פּאָר טריט אויף הינטער, און אין דערזעלבער צייט האָט ער אָנגעכאַפּט איהר אויסגעשטרעקטע האַנד, וועלכע האָט איהם געוואָלט אָנכאַפּען און זי שטאַרק, אַליין ניט פיהלענדיג, אַ נעהם געטהאָן, אַז פרידא האָט מיט אַ מאָדנעם קוויטש, וואָס דערביי איז איהם אַ שוידער אריבער, גענומען שרייען און זיך וואַרפען אין קאָנוואולסיען.

לעווין האָט זיך אין דער ערשטער מינוט פערלאָרען. ער האָט אַזאַ סצענע קיינמאָל ניט ערוואַרטעט.

— וואָס איז מיט אייך, פרידא? — האָט ער מיט בלייכע ליפּען קוים ארויסגערעדט.

פרידא האָט אויסגעבראַכען אין אַ היסטערישען געוויין, דערביי האָט זי אַלץ פון זיך געריסען, זיך נאָך אַמאָל אויף איהם אַ וואָרף געטהון. און איהם אָנגעכאַפּט פאַר די לאַצען פון ראָק און גענומען מיט געוואַלד רייי־סען. ער האָט איהר צערטליך, ווי נור מעגליך, אָנגענומען און איהר צוגע־פיהרט צום קאַנאַפּע, און אַלץ צו איהר גערעדט:

— פרידא, וואָס איז מיט אייך, בערוהיגט זיך פרידא!...

מיט אַמאָל איז זי אויפגעשפרונגען און אַ לויף געטהאָן צום טהיר, זיך ארומגעקוקט, און נאָך אַמאָל מיט'ן טיעפסטען האַס ארויסגעזשי־פּעט:

— איהר זייט אַ העסליכער, ניעדעריגער מענש! — און איז גלייך ארויסגעלאָפען, לאָזענדיג אָפען די טהיר.

לעווין איז געבליבען שטעהן ווי א פּאַראַליזירטער. אויף א רגע האָט ער פערלוירען זיין גלייכגעוויכט, דערנאָך האָט ער א ציטער געטהאָן, אזוי ווי אימיצער וואָלט בעריהרט זיין לייב מיט א קאַלטע גליטשיגע האנד. אין דער מינוט האָט זיך איהם אָפּגעדוכט, אז מיט פרידא'ן מוז וואָס טרעפען. עפּעם פּאַטאַלעס... ער האָט געוואָלט איהר נאָכלויפען, אָבער זיינע פיס האָבען זיך פון ארט ניט געריהרט; געוואָלט איהר נאָכרופען און זיינע ליפּען זיינען געבליבען צוגעשלאָסען. צום סוף האָט ער א מאַך געטהאָן מיט'ן האנד, וואָס דאָס האָט אזוי ווי געזאָגט:

— זאָל זיין ווי עס איז — פערפאַלען!..

ווען דער דאָקטאָר האָט זיך אומגעקעהרט, איז לעווין געזעסען אויפ'ן קאַנאַפּע און האָט מיט אונגעדולד ארום זיך געקוקט. דער דאָקטאָר איז געווען נייגעריג, און איהם האָט זיך געוואָלט וויסען מיט אמאָל אלץ, וואָס איז צווישען זיי פארגעקומען. דערביי האָט זיין הארץ זעהר העפטיג געשלאָגען.

לעווין איז געווען בלייך, שטרייגג און הארט, און ער האָט איהם נור דערצעהלט, אז פרידא איז געווען זעהר בייז, וואָס זי האָט איהם ניט געטראָפען, און, אז זי איז א בעס'דיגע אוועק.

דער דאָקטאָר האָט זיך פערטראַכט און שטיל געזאָגט:

— פיליייכט איז זי גערעכט.

לעווין האָט גאָרנישט געזאָגט. ער האָט נור א קוועטש געטהאָן מיט די אַקסלען, אזוי ווי איינער זאָגט: וואָלסטו ניט אוועקגעהן, — וואָס האָב איך דאָ צו טהאָן?...

דעם גאַנצען אבענד זיינען זיי ביידע געווען פערכמורעט; זייער שמועס האָט זיך ניט געקלעפּט. דער דאָקטאָר האָט געבייגקט נאָך פרידא'ן און ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי זי קומט צו איהם און בעט איהם מיט חרטה אין איהרע אויגען און הארצען. און ער גלעט איהר איבער'ן קאָפּ און קוקט אויף איהר אזוי צערטליך און ליעב, אזוי ווי אויף א קינד, וואָס האָט נור וואָס געזינדיגט, אָבער קומט און בעט זיך איבער... דאָ האָט ער דערפיהלט א מאָדנעם וועהטאַג, א וועהטאַג, וואָס האָט אויפגעדריקט זיין הארץ און איהם געבראַכט פאַר די אויגען, וואָס אנדערש... ער האָט זיך אָבגעשטעלט, ווייטער ניט געוואָלט טראַכטען, אזוי ווי ער וואָלט מורא

האָבען פאר זיין אייגענעם בעשלום, וואָס ער קען פאסען אין א מינוט פון וועהטאג.

ער האָט זיך פון אויפרעגונג אויפגעהויבען, זיך דורכגעגאנגען איי־בער׳ן צימער עטליכע מאָל און דערביי האָט ער פאר זיך אין דער שטיל אימפּראָוויזירט אין דעם טיעפסטען מינאָר, אזעלכע סענטימענטאלע מו־זיקאלישע פראזען, אז לעווין׳ען איז אריבער א סקרוך איבער׳ן לייב און ער האָט זיך דערפיהלט אונהיימליך.

לעווין האָט פון דער זייט געקוקט אויפ׳ן דאָקטאָר, בעטראכט זיין גאנצע פיגור און איהם האָט בעהערשט א געפיהל פון רחמנות. אָבער אין דער זעלבער צייט האָט לעווין פיזיש ניט געקענט פערטראגען דעם דאָק־טאָר׳ס ארומגעהן איבער׳ן צימער. דערהויפּט דאָס אונטערזינגען. ער איז געוואָרען צורייצט און האָט זיך אויפגעשטעלט.

— וואוהין? — האָט זיך דער דאָקטאָר פּלוצלינג אָבגעשטעלט. — וואוהין געהסטו?...

— אין ערגעץ ניט...

— בלייב דאָ נעכטיגען, לעווין.

— אָלל־רייט!

— איך פיהל מיך זעהר אומעדיג.

לעווין האָט א קוק געטהאָן אויפ׳ן דאָקטאָר. דעם דאָקטאָר׳ס געזיכט האָט אויסגעדריקט אונענדליכע עהרליכקייט, אָבער וועלכע איז שוין דער־ווידער אין איינינע געזיכטער. זיינע אויגען האָבען פון אונטער די גלע־זער ארויסגעקוקט, אזוי ווי די אויגען פון א צושראָקענער חיה, וואָס איז פערטריבען געוואָרען אין א ווינקעל. זיין גאנצע פיגור האָט אויסגעדריקט א געוויסע ניט־פעהיגקייט בייצושטעהען וואָס שטורעמדיגעס. און לע־ווין׳ען האָט זיך ניט ווילעדיג א פראגע געשטעלט:

— צו דען מוז מען דוקא האָבען אזא עהרליכען פּנים אום צו קענען דורכגעהן דעם לעבען? — און ער האָט א קוועטש געטהאָן מיט די פּליי־צעס.

VII.

לעווין׳ען האָבען זיך די גאַנצע נאַכט געַ׳חלום׳ט אַזעלכע מאָדנע חלומות. חלומות, וואָס איז זיי נאָכדעם אפילו שווער צו גערענקען. איין זאַך, וואָס ער האָט יע דייטליך געפיהלט, איז געווען דאָס בעוואוסטזיין, אַז ער איז דער הויפּט־פּונקט, ארום וואָס אַלץ דרעהט זיך. עפּעס האָט זיך אַלץ ארום איהם גערדרעהט, אומעטום איז ער געווען דער יעניגער, צוליעב וועמען אַלץ האָט זיך בעוועגט. אומעדום, וואו ער איז געווען, דאָרטען איז אויך פרידא אויסגעוואַקסען. אָבער וואָס פאַר אַ פערגלייך איז זי געווען מיט איהם? אַזוי ווי אַ קליין פּינטעלע אויף דער לבנה. אָבער די קליין פּינטעלע איז געווען אין איהם און ער האָט זיך פאַר קיין פאַל פון איהר ניט געקענט בעפרייען, סיידען טהאָן אַזאַ מיטעל, וואָס זאָל איהם אַליין טהייער קאָסטען.

אַזוי האָט זיך איהם אָבגעפּלאָנטערט די גאַנצע נאַכט. אין דער פריה האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַז אימיצער וועקט איהם.

לעווין האָט אויפגעעפענט די אויגען און ער האָט אַזוי ווי דורך אַ שלייער געזעהען פיר זיך שטעהען דעם דאָקטאָר, אַ ציטערנדען ווי אַ בלאַט.

— וואָס איז?

— שטעה אויף, אַ שרעקליכער אונגליק האָט געטראָפען!

לעווין׳ס געזיכט האָט בעקומען אַ טעמפּען אויסדריק, אַזוי ווי דאָס רוב, ערשט אויפגעוועקטע פון שלאָף, מענשען. און ער האָט אויסגעשטעלט די אויגען און נאָך אַמאָל איבערגעפרעגט.

— וואָס זאָגסטו?...

— לעווין, אַן אונגליק האָט געטראָפען! פרידא איז בעגאַנגען זעלבסטמאָרד.

לעווין איז אויפגעשפרונגען:

— וואָס דרעהסטו אַ קאָפּ!...

— פרידא איז בעגאַנגען זעלבסטמאָרד, — האָט דער דאָקטאָר אַזוי ווי אָבגעדרוקט די ווערטער מיט אַ ציטערענדען קול.

— וואו, וואָס, ווען ?..

— איהר שוועסטער האָט מיר נור וואָס טעלעפאָנירט... זי האָט איינ־גענומען גּעז.

— גּעז ?

לעווין איז ארויס פון בעט, און ער האָט זיך מיט א פיבערהאַפטע שנעלקייט גענומען אָנטהון.

— קום, — האָט לעווין א זאָג געטהון, ווען ער איז פארטיג געוואָ־רען און איהם איז באַלד איינגעפאלען, אז זיי געהן צו א טויטען.

דער טאָג איז געווען א גרויער, דער הימעל ווי א בלייענער בלעך איז געהאנגען ניעדעריג איבער דער גאַס. עס האָט זיך גענקליבען צו שנעען.

לעווין האָט איצטער בעזונדער שארף ניט געפיהלט און בעגריפען דעם אונגליק, אזוי ווי עס האָט זיך פון אָנהייב אויסגעדרוכט. ער האָט פריהער פון אַלץ, זייענדיג אין דרויסען, דערפיהלט יענע אונאַנגענעהמע אונבעקוועמליכקייט, וואָס עס פיהלט זיך, ווען מען קריכט נור וואָס ארויס פון א ווארימע בעט, און צוליעב וואָס עס איז א סיבה געפינט מען זיך מיט אמאָל אין קאַלטען פייכטען דרויסען. די קעלט האָט איהם דורכגענומען די ביינער. ער האָט געציטערט.

ביי פרידאַ׳ן אין הויז איז געווען אַלץ איבערגעקעהרט. לעווין איז אין דעם צימער געווען ביי נאכט, ווען א האַלב־דונקעלער, רויטער פייער האָט ליכט און שאָטען ארום זיך געשפרייט, און א שארפער ריח פון ווייאָ־לעט האָט אָנגעפיהלט די לופט, און פרידא אַליין מיט אויגען פול לעבען איז געזעסען און האָט אַלץ אין ליידענשאפט און געגום געוואָלט פערוואנד־לען. איצטער אָבער, האָט די העסליכע גרויקייט פון טאָג זיך צוזאמען גע־מישט מיט א שטיקענדען ריח פון געז, און פרידא איז אויפ׳ן בעט א טוי־טע געלעגען.

פרידא איז געלעגען אין בעט. ארום בעט האָט זיך געדרעהט איהר שוועסטער, מיט׳ן געזיכט עהנליך צו פרידאַ׳ן, און האָט יעדער ווייל וויילע אויסגעבראָכען אין א היסטערישען שלוכצען.

איבערן בעט איז געשטאַנען א דאָקטאָר אין ברילען מיט א בלאָנדע בערדעל. דערביי איז געשטאַנען נאָך א פרוי, וועלכע לעווין האָט קיינמאָל ניט געזעהן.

ביי זייער ארייגאנג האָט די שוועסטער א קוק געטהאָן אויפ׳ן דאָק־

טאָר, און האָט גלייך אויסגעבראכען אין אַ געוויין, פערדעקענדיג מיט די הענד דעם געזיכט.

לעווין האָט אַ שוידער געטהאָן. איהם איז פיזיש אונמעגליך געווען צו פערטראגען ווען פרויען האָבען געוויינט.

לעווין און דער דאָקטאָר זיינען צוגעגאנגען צום בעט.

ביידע דאָקטוירים האָבען זיך מיט די אויגען איבערגעקוקט. דער דאָקטאָר מיט דער בלאָנדער בערדעל האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען, וועלכע האָבען אָהן ווערטער געזאָגט: „זי איז טוידט“.

פרידא איז געלעגען האַלב־צוגעדעקט מיט ארויטען, וואָלענעם בלאַנקעט. אַ האַלבער, ווייסער און קאַלטער אַקסעל מיט דער גאַנצער האנד זיינען געלעגען אין דער ברייט פון בעט. די שנעע־ווייסע נאַכט־העמד מיט די פיינע שפּיצען ארום האַלז האָבען זיך צומישט מיט די שווארצע לאָקען האָאר, וואָס זיינען, אָהן אַ קאָנטראָל, געלעגען ארום צושפּרייט. איהר געזיכט איז אַזוי ווי בלוי געוואָרען; די שווארצע ברעמען האָבען זיך אין האַלבען־בויג שאַרף געצייכענט. די אויגען זיינען געווען האַלב־צוגעמאַכט. דער גאַנצער אויסדריק פון איהר געזיכט איז געווען אַ טעמפּער, אַ גאָר־נישט־זאָגענדער, אַזוי ווי דער אויסדריק פון אַ מענשען, ווען ער איז אַליין מיט זיך, און עס בעהערשט איהם אַ טעמפּע גלייכגילטיגקייט צו אַלץ וואָס עס לעבט.

דער דאָקטאָר האָט זיך ארונטערגעלאָזען אויף די קניע, האָט ארונטערגעלייגט זיינע הענד אונטער איהר האַלז, און האָט צוגעלייגט זיין אויער צום ברוסט. צוליעב וואָס ער האָט עס געטהאָן, האָט ער אַליין אויך קלאָר ניט געוואוסט. ער האָט זיכער געוואוסט, אַז ער וועט מעהר ניט הערען דאָס האַרץ שלאָגען, ווארום דער טוידט האָט איהר שוין בעהערשט, נור ער האָט עס געטהאָן מעכאַניש, אָדער ווייל ערגעץ־וואו ביי איהם אין אַ ווינקעל, האָט שוואַך געטליעט אַ פונק פון האָפנונג און גלויבען... אפשר.. אפשר....

זיין אויער האָט געפיהלט איהר אָבקיהלענדע ברוסט, און עס האָט איהם עפּעס אָט די בעריהרונג פערשאַפט אַן אונהיימליכע סענסאַציע. גלייך ווי עס טרעפט אָפט, ווען מען לייגט צו אַ גלאַטע ווארימע האַנד צו אַ קאַלטע, שערעכעוואַטע זאַך. ער האָט געטאַפּט איהר האַנד, געהייבען דעם קאָפּ. אַלץ איז געווען שווער — אָהן לעבען.

עס האָט זיך איהם געוואָלט וויינען. די טרעהרען האָבען זיך איהם אין האַלז געשטעלט. נעכטען האָט ער איהר ערוואַרט, און איצטער ליעגט זי טוידט... „און זי וועט שוין קיינמאָל מעהר ניט זיין, — מעהר וועט ער איהר קיינמאָל ניט זעהן".

לעווין איז געשטאַנען אַן אַ זייט און האָט שטום צוגעקוקט. ער איז געוועזען בעהערשט פון אַ טיעף־רעליגיעזען געפיהל און רעספּעקט, וואָס עס פיהלען אַממייסטען די מענשען אין דער געגענוואַרט פון טויטע. אַלץ אין איהם האָט גערוהט, געשלאָפען. די געדאַנקען האָבען זיך אָבגעשטעלט און ער האָט נור געפיהלט... געפיהלט אַ טיעפען וועהטאָג און פערדרוס.

דאָס איז ניט געוועזען יענער פערדרוס און וועהטאַג, וועלכע האָבען איהם דערמאָנט, אַז ער איז אין דעם טוידט בעטהייליגט, און ער דאַרף זיך פיהלען שולדיג — דאָס איז געוועזען אַן אַנדער וועהטאַג און פערדרוס; אַ בלינדער וועהטאַג, וואָס ווערט פון זיך אַליין געבוירען אין די טיעפעני־שען פון דער נשמה, אין יענע מינוטען, ווען די מענשליכע נשמה דער־הויבט זיך איבער די אַלע קליינינגקייטען פון אַלטעגליכען לעבען; פערלאָזט אויף אַ ווייַלע דעם גרענעץ, וואָס טהיילט שאַרף אָפּ דאָס ענדליכע פון דאָס אונענדליכע, און ווערט פערשמאָלצען מיט עפּעס גרויסעס און אונבעוואוס־טעס.

פון אומעטום האָט אַ קעלט געוועהט: פון די פענסטער, פון די וועגד, פון די מענשען און פון דער געשטאָרבענער. אַלץ איז געוועזען ארומגעכאַפּט מיט דעם הויך פון טוידט; און אַלע זיינען מיט איהם געוועזען פערצווייגען, אַזוי ווי אַ שויב, ווען אַ וואַרעמער אטהעם בלאָזט אויף איהר.

און דאָ ניט לאַנג האָט זי געלעבט. דאָ ניט לאַנג איז זי געוועזען בעזע־סען מיט אַלע ליידענשאַפטען, וואָס העגגען ארום לעבען ווי אַ טומאַן ארום טייך. דאָ ניט לאַנג האָט איהר ברוסט געשטורעמט, דאָ אין דעם זעלבען בעט...

„נאָך, נאָך... ליעב מיך!" — האָט זיך איהם ווי אין אַ חלום אין גע־דעכטנים אָבגערופען איהר קול, און אַ קאַלטער ציטער, האָט ווי אַ עלעק־טרישער פונק דורכגעקרייצט זיין גאַנצען קערפּער.

און דאָ האָט איהם ארומגעכאַפּט אַ שאַרפער וועהטאַג און אַ נאָגענ־דע בענקעניש, און ער האָט מיט אַמאָל דערפיהלט די בעדייטונג פון לע־בען. אַזוי ווי איצטער וואָלט איהם ערשט קלאָר געוואָרען, אַז עס איז דאָ

אויף דער וועלט טיעפע, אונבעגרייפליכע ליידען. ליידען, וואָס זיינען טיע־פער פון לעבען....

און אָט איז גערונען זיין לעבען רוהיג, ווי אלע וואסערען איידער זיי שטויסען זיך אָן וואָס אָן... און אָט האָט ער זיך אָן וואָס אָנ־געשטויסען, אָנגעשלאָגען זיך אָן אַ פרעמדען שיקזאל — און אלץ איז מיט אמאָל געוואָרען אנדערש...

ער האָט געהערט אַ ווילד־פרעמדע שטימע ריידען:

— יע, זי איז טוידט, מען דארף מעלדען דער פאָליציי.

„מען דארף מעלדען דער פאָליציי" — האָט ווי אן עכאָ ביי איהם אין קאָפּ אָפּגעקלונגען, און ער האָט אָנגעשטריינגט די אויערען, גלייך ווי ער וואָלט זיך אין אַ טיעפען וואלד געפונען.

דריטער קאַפּיטעל.

דעמערונג.

I.

די פריהלינג־זון איז געשטאַנען איבער בראָדוויי, און ליכט גאָלדענע איז געפאַלען אויף דער לאַנגער גאַס און זיך געשפּיעלט מיט די בעגולטע גרויסע בוכשטאַבען פון די אויבערשטע שילדען, פון די פערשיעדענע פירמען. די הויכע געביידען פון ביידע זייטען גאַס, ענג, ווי אַ פעלזען־וואַנד געשלאָסען, האָבען דער גאַס געמאַכט עהנליך צו אַ געדיכטע אַללע אין וואַלד, וואו עס דוכט זיך, אַז די ליכט פאַלט פון אַ גלעזערנעם דאַך. אין דער פּערספּעקטיוו האָט זיך די גאַס און דער שטרייף הימעל איבער איהר ענג צונויפגעגאָסען און זיינען ווי פערפאַלען געוואָרען אין אַ אש־גרויען געוועב. די קאַרס האָבען זיך פּאַמעלעך געשלעפּט אויף דער גאַנצער ליינג פון גאַס, און האָבען דערמאָנט אָן שלעפּעדיגע זשוקעס אין אַ זומערדיגען פאַרנאַכט. דעם טעמפּען גערויש און שטויב, וואָס די רעדער האָבען אָנגעמאַכט, און אויך דער אונפערמיידליכער קלינגען, האָבען דערמאָנט אָן אייביגער וואָכעדיגקייט און אונרוהיגקייט.

יעדע ווײלע האָט זיך געהערט דאָ אַ קלינגען, דאָ אַ געשריי, וואָס איז שווער פונאַנדערצונעהמען, און דאָס טרובען פון אויטאָמאָביל־האָרנס. די פערשיעדענאַרטיגקייט פון דעם טומעל האָט דערמאָנט אַ בלאָז־אָרקעסטער, איידער ער פאַנגט אָן צו שפּיעלען.

אויף די טראָטואַרען פון ביידע זייטען גאַס, האָט זיך דאָס אַמעריקאַנער געשעפטס־פאָלק געצויגען. כאָטש עס איז געווען אין מיט'ן טאָג, דאָך האָט זיך אויף דער גרויסער גאַס געפיהלט אַ פיבערהאַפטע בעוועגונג: פון די איבערשניידענדע גאַסען זיינען יעדער ווײלע אָנגעפאָהרען שווער געלאָדענע וועגען און זיינען געבליבען שטעהן, וואַרטענדיג אויפ'ן פייף פון דעם טראַפיק־פּאָליסמאַן.

דער פּאָליסמאַן, אַ הויכער, אַ געזונדער, אַזוי ווי פון בראָנז אָבגעגאָסען, איז געשטאַנען אין מיטען גאַס, צווישען די אַהער און הין לויפענדע קארס, אָטאָמאָבילס און וועגען. און מיט איין פּאַך פון זיין האַנד, אַזוי ווי מיט אַ צויבער־שטעקעל, האָט ער אַלץ אָבגעשטעלט און בעוועגט.

ארום האָט זיך געפיהלט אַ לופט פון וואַכעדיגען און טהעטיגען לעבען, אַ טהעטיגקייט, וואָס ווערט געטריעבען פון יונגע פעהיגע מענשען.

לעווין איז געגאַנגען איבער בראָדוויי און האָט פאר זיך געקוקט איבער די קעפּ פון די מענשען, גלייך אהין, וואו די גאַס און דער שטרייף הימעל איבער איהר, ווערען צונויפגעצויגען אין איינעם ווי אין אַ קלין. געקוקט האָט ער אָהן אַ ציעל און האָט דערביי אַליין ניט געפיהלט, אַז ער קוקט אויף עפּעס. וואָס אַזוינס איז געלעגען אין דער פערשלייערטער ווייטקייט, וואָס האָט איהם אונבעוואוסטזיניג אנגעשטימט אויף זעהר אַ ווייכען טאָן. זיין האַרץ און נשמה האָבען אַזוי ווי נאָך עפּעס נאָכגעזונגען.

פּלוצלינג איז זיין בליק געפאַלען אויף אַ גרויסע שילד פון אַ געווייסער פירמע, און ער האָט פאר זיך אין דער שטיל איבערגעלייענט דעם נאָמען, נאָך אַמאָל איבערגעלייענט און האָט זיך געוואונדערט, וואָס עס זיינען פאראַן אויף דער וועלט אַזעלכע קאָמישע פאַמיליען. און וואָס מעהר ער האָט זיך גענומען איינטראַכטען, אַלץ מאָדנער איז איהם פארגעקומען, און איהם איז געווען שווער זיך ארויסצופּלאָנטערען פון דעם נאַרישען צושטאַנד.

באַלד האָט ער גענומען טראַכטען פון דעם, ווי ער, ווען ער איז נאָך געווען אַ גרינער, פלעגט געהן איבער בראָדוויי יעדען פריהמאָרגען צו דער ארבייט. און אין דער רגע האָט זיין נאָז, אַזוי ווי פערנומען, די לופט פון יענער צייט. אויף איהם האָט עפּעס אַ ווייהע געטהאָן, און ער האָט אַליין אין דער מינוט ניט געקענט בעשטימען, צו עס טהוט איהם הנאה, אָדער פארקעהרט, עס טהוט לייד פאר עפּעס.

ביים ווינקעל פון אַ געוויסער גאַס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך ארומגעקוקט, און איז אריין אין גאַס.

צוליעב די הויכע און פערשטויבטע געביידען האָט די גאַס אויסגעזעהן שמאָל און פינסטער. די גאַנצע לייננג פון גאַס איז געווען פערשטעלט מיט וועגען פון פערשיעדענע עקספּרעס קאָמפּאַניעס. פון אַלע טהירען האָט מען געשלעפּט גרויסע, טיקטורענע קאַסטענס, איינגעוויקעלט אין

דונקעל־געלבען גלאַנציגען פּאַפּיר. פון די פּראַכט־וועגען האָבען לייטע מיט אייזערנע הוקס אין די הענד, אראָבגעלאָדען גרויסע הילצערנע קאַסטענס, און אויך רויהע מאַנופעקטור פון אַלערליי סאָרטען. אין גאַס איז געהאַנ־גען אַ טומעל. די אנלאָדער מיט פערקאַטשעטע ארבעל, מיט געזונדע מוס־קולען האָבען אָנגעלאָדען און אראָבגעלאָדען, און צווישען זיך, אויף זייער כאַראַקטערישען לשון און פריינדליכען שטייגער, זיך געזידעלט.

אין גאַס האָט געשמעקט מיט רויהע מאַנופעקטור און האָלץ.

לעווינ'ען איז אָט דער ספּעציעלער ריח גוט בעקאַנט געוועזען. עס פּלעגט איהם פון דעם ריח אַמאָל ניט גוט ווערען, ווען ער פּלעגט איהם דערשפּירען פאַר צעהן בלאָק. איצטער האָט איהם אויך אַ שווידער געטהאָן. אָבער ער האָט זיך באַלד דערמאָנט, אַ שמייכעל געטהאָן, און אויפ'ן צונג האָט זיך ביי איהם געדרעהט:

Never more . . .

Never more . . .

ער האָט זיך אָבגעשטעלט פאַר אַ הויכע געביידע, בעטראַכט די מע־שענע ברעטלאַך מיט די נעמען פון די פירמען, און איז גלייך אריין אין עלעוויטער.

ביים צוועלפטען שטאָק איז ער אראָבגעשטיגען..

לעווין איז נאָך קיינמאָל ניט געוועזען ביים שוואָגער אין שאַפּ. און אַלץ האָט איהם אויסגעזעהן ווייט און פרעמד.

ער איז געבליעבען שטעהן אין אַ שמאָלען קאָרידאָר ארומגעצאַמט מיט הילצערנע ברעטער. פון ביידע זייטען טהירען. אויף איין טהיר איין אויפשריפט „שאָו רום"; אויף דער צווייטער — „נאָ אדמיטענס".

הינטער די דינע הילצערנע ווענטלאַך איז די ארבייט אָנגעגאַנגען אין פולען גאַנג. עס האָט נאָכאַנאַנד געציטערט אַ עלעקטרישער שטראָם, וואָס האָט וואָס געטריבען. דערביי האָט זיך געהערט אַ שטילער און געמאָסטע־נער רוישען פון נעה־מאַשינען, און דאָס קלאַפּען פון פּרעס־אייזענס; אַ הויכע ריידעריי, אַמאָל אַ געלעכטער און אַ אויסרוף. דאָס אַלץ האָט זיך צוזאַמענגעמישט און אויסגעבילדעט עפּעס גאָר אַ בעזונדער ליאַרעם, וועלכער איז איהם זעהר גוט בעקאַנט געוועזען.

אָט וואו עס זיינען פערלאָרען געגאַנגען עטליכע יאָהר פון זיין לע־בען — האָט ער מיט'ן הארצען געפיהלט, ווען ער האָט זיך צוגעהערט צום בעקאַנטען טומעל. ער האָט אַ ציטער געטהאָן, אַזוי ווי אַ מענש, וואָס כאַפּט זיך אויף פון אַ פער'חלום'טען צושטאַנד, און ער איז אריין אין „שאו רום“.

II.

זיין שוואָגער איז געשטאַנען אין מיטען צימער, מיט א ציגאר אין מויל און האָט מיט דער מינע פון אן ארטיסט, ווען ער רוקט זיך אָפּ פון ווייטען צו זעהען דעם עפעקט פון דער בילד, בעטראכט א מאַנטעל, וואָס איז געווען אָנגעטהאָן אויף א הילצערנעם פיגור.

דאָס גאַנצע צימער ארום איז געווען פערשטעלט פון הייזגערס, אויף וועלכע עם זיינען געהאַנגען פרויען־סוטס פון פערשיעדענע סטיילס און קאָלירען. די גרויסע, ברייטע פענסטער האָבען ארויסגעקוקט אויף דעם נאָרד טהייל פון ניו יארק. דער פלאָר איז געווען דיק אויסגעבעט מיט גרי־נעם קארפעט, און ארום די וועגד זיינען געשטאַנען פיגורען, אויף וועלכע עם זיינען געווען אָנגעטהאָן דאָ זיידענע און דאָ שווערע גארמענטס.

נעבען שוואגער איז געשטאַנען דער דעזיינער, א מאַן פון א יאָהר פערציג, מיט זעהר א טרוקענעם געזיכט און שמאָלע אויגען, וואָס האָבען אויסגעקוקט ווי פערטרונקען. אָנגעטהאָן איז ער געווען ווי א „דוד", מיט א געקאָלירטע וועסט און העמד, און עטוואָס ספעציפיש שניידערשעם האָט זיך געפיהלט אין זיין גאַנצער האלטונג.

ביי לעווין'ס אריינגעהן, האָט זיך דער שוואָגער אָפּגעקעהרט און בע־גענענט לעווין'ען מיט א שמייכעל און האָט ווייטער בעטראכט דעם גאר־מענט.

— וואָלט דאָ זיך ניט געבעטען א שטיקעל שוטאַש? — האָט דער שוואָגער גערעדט און ער האָט מיט די פינגער געוויזען אויפ'ן קאָלנער. — אָט דאָ ארום קאָלנער, ניט?...

דער דעזיינער האָט געשוויגען. אין זיין שווייגען איז געלעגען זעהר פיעל איינגעשפּארטקייט, און זיין מינע האָט אזוי ווי פאר זיך גערעדט: „וואָס ווייס דער יאָלד?"

— נו, וואָס זאָגט איהר, מיסטער קראַניץ? — האָט דער שוואָגער ווייטער געפרעגט.

— מען בעדארף ניט קיין שוטאַש, — האָט דער דעזיינער אָנגעהוי־

בען מיט א דייטשען אקצענט. — יע. עס קאָמבינירט... פערשטעהען זיי, ווען די שוטאש הערום קאלאר ארויפגעלייגט ווערדען, ווירד עס דעם גאנ־צען עפעקט פערלירען... עס ווירד ניכט קאָמבינירען... דעם ווארט „קאָמ־בינירען" האָט ער ארויסגערעדט מיט א בעזונדער ליידענשאפט.

— נו, לעווין, ווי געפעהלט דיר מיין שאפ? — האָט דער שוואָגער זיך מיט אמאָל געווענדעט צו לעווין'ען, אין דער צייט, וואָס דער דעזיי־נער האָט אראָבגענומען דעם מאַנטעל פון פיגור.

— מען קען דען סעמפעל פערטיג מאכען? — האָט דער דעזיינער געפרעגט.

— יע, מיסטער קראנץ.

לעווין האָט זיך ארומגעקוקט.

— אָלל־רייט! א שעהנער שאפ.

עס איז אריין די פיגור־ליידי, א הויכע, א שלאנקע מיט א שעהנעם קאָפּ פלאקסענע האאר און בלויע אויגען, מיט א גארמענט, וועלכען זי האָט נאכלעסיג געהאלטען אויפ'ן ארעם.

— העללאָ, מיס דזשאנס, — האָט דער שוואָגער איהר בעגעגענט, כאָטש ער האָט איהר שוין דעם צוואנציגסטען מאָל היינט געזעהן. — דאָס איז מיין שוואָגער! — און ער האָט מיט א שמייכעל אָנגעוויזען אויף לע־ווין'ען.

זי האָט זיך אָבגעקעהרט און א קוק געטהאָן אויף לעווין'ען, דערביי האָט זי געשמייכעלט אזוי, מיט יענעם בעזונדער זיסען שמייכעל, וואָס ארבייט זיך אוים ביי פרויען־קעלנער, פערקויפערינס און מעניקיור־ליי־דיעס.

— פּליעזד טו מיט יו! — האָט זי מיט א בעזונדער שטייגער ארויס־געזאָגט, און איהרע אויגען האָבען געלאכט.

לעווין האָט זיך ליכט פערנייגט.

— אה, איז דאָס א „גויה"! — האָט דער שוואָגער געלאכט — א טריפה'נע ביין...

— א „גוי", א „גוע" — האָט זי איבערגעקרימט, פערשטעהענדיג, אז דאָס מיינט מען איהר.

זי האָט אָנגעטהאָן דעם מאַנטעל, וואָס זי האָט געהאלטען אויפ'ן ארעם. דאָס איז געווען אזא מין לאנגער און לייווענטענער מאַנטעל, פון

גאָלד־ברוינעם קאָליר געטרימט מיט גרינעם. דער שוואָגער האָט מיט א מינע פון א קענער גענומען בעטראַכטען דעם מאַנטעל.

די פיגור־ליידי איז געשטאַנען און האָט גלייך געקוקט אין גרויסען שפּיעגעל. דער שוואָגער האָט בעטראַכט דעם מאַנטעל פון אַלע זייטען, און לעווין האָט אויך מיט די אויגען נאָכגעפאָלגט די בעוועגונגען פון דער שעהנער בלאָנדער פיגור־ליידי.

— אָלל־רייט! — האָט ער געזאָגט, נאָכדעם ווי ער האָט דעם מאַנ־טעל בעטראַכט פון אַלע זייטען. און ער האָט איהר געהאָלפען אראָפּנעה־מען דעם מאַנטעל.

די פיגור־ליידי איז ארויס, שמייכלענדיג אין אַלע זייטען.

לעווין איז צוגעגאַנגען צום פענסטער.

פון דעם פענסטער פון צוועלפטען פלאָר, האָט זיך געזעהען דער גאַנ־צער נאָרד־טהייל פון מאַנהעטען, ליגענדיג אויסגעצויגען אין ווייכען און אנגענעהמען דרימעל קעגען דער וואַרימער פריהלינג זון. עס האָט זיך גע־זעהען ווי דער איסט־ריווער און דער האָדסאָן האָבען געהאַלטען איינגע־פריימט דעם שמאָלען און לאַנגען אינזעל מאַנהעטען, און איבער די ריי־ווערס האָט זיך פונאַנדערגעטראָגען פון איין זייט לאַנג איילאַנד, און פון דער אנדער זייט די הויכע שטיינערנע פאַליסאַדען, וואָס זיינען אין א טיעפען בלוי געלעגען איבער דער גאַנצער ליניע.

אין דער מינוט האָט לעווין דערפיהלט אין זיך אזא צוגאַס פון מוטה און ענערגיע, כאָטש מיט בלויזע פויסטען אויף דער גאַנצער וועלט צו געהן.

ער איז צוגעגאַנגען צום שוואָגער, און געבענדיג איהם די האַנד, האָט ער געזאָגט:

— הערריי, איך וועל דיין פּאַרטנער...

דער שוואָגער האָט איהם אָנגעקוקט און צופריעדען געזאָגט:

— זעהסט, דו האָסט זיך ארומגעזעהן...

III.

קומענדיג פון שאפ אהיים, האָט לעווין געפיהלט, אז איין טהייל פון זיין לעבען האָט זיך מיט היינטיגען טאָג געענדיגט, און פון היינט אָן הויבט זיך אָן א צווייטער טהייל. א טהייל, וואו ער וועט זיך מוזען ארויס־ווייזען גאָר אין אַן אַנדער ליכט. ער וועט זיך מוזען בעגעגענען מיט אַנדע־רע מענשען, מיט אַן אַנדער לופט, און ער וועט דארפען קומען אין צוזאַ־מענשטויס מיט פערשיעדענע עלעמענטען.

איצטער האָט ער געוואָלט וואָס גיכער אָב׳פּטור׳ן נאָך איין זאַך, וואָס האָט זיין נייגעריגקייט פעראינטערעסירט, און דערנאָך זיין אין גאַנ־צען א פרייער מענש.

— מינע, — האָט לעווין געזאָגט צו דער שוועסטער — איך געה אריין מיט הערריי׳ן אין פּארטנער.

— דו האָסט זיך ערשט ארומגעזעהן, — האָט די שוועסטער געזאָגט מיט אַזאַ מינע, גלייך ווי זי וואָלט פון פריהער וויסען, אַז אזוי וועט סוף כל סוף זיין — זאָל זיין מיט גליק.

— איצטער וויל איך, אַז דו זאָלסט אויסגעפונען, וואָס איז געוואָ־רען מיט חנה׳ן? וואו געפינט זי זיך איצטער?... דיר איז דאָס לייכטער אויסצוגעפינען — האָט לעווין ווייטער גערעדט צו דער שוועסטער.

מינע האָט אויף איהם א קוק געטהון. אין דער מינוט איז זיין געזיכט געוועזען שטרענג און ערענסט.

— איך ווייס וואו זי איז, — האָט די שוועסטער אָהן חשק און אזוי ווי ניט ווילענדיג געזאָגט.

לעווין האָט אויף איהר דורכדרינגענד א קוק געטהון.

— דו האָסט איהר געזעהן?

— ניין.

— טאָ וואס זשע רעדסטו אזוי?

— איך האָב בעגעגענט מיינע א בעקאַנטע מיידעל, — איז די

שוועסטער אָנגעגאַנגען. — די מיידעל וואָהנט מיט איהר צוזאַמען... זיי האַלטען אַליין רומס, טאַקע דאָ אין די בראָנקס...

מינע׳ס קאַלטקייט און פרעמדקייט האָט לעווין׳ען געגעבען צו פיהלען, אַז מינע ווייס פון וואס...

ער האָט פערלאַכטליך געשמייכעלט.

מינע, זאָג מיר דעם אמת, — דו ווייסט עפּעס וואס דיר דוכט זיך, אַז מיר וועט זיין ניט אָנגענעהם צו וויסען... זאָג, איך בין ניט קיין אינגעלע!.. — דאָ האָט ער געצוואונגען געשמייכעלט.

מינע האָט נאָך אַ קורצען שווייגען געזאָגט:

— איך גלויב, אַז דיין זוכען איז אומזיסט... זי לעבט דאַכט זיך מיט איינעם... עפּעס אַן אַנאַרכיסט.

לעווין האָט זיך מיט געוואַלד בעהערשט, אַז זיין געזיכט זאָל ניט ארויסווייזען, וואס ער האָט אין דער מינוט דערפיהלט, און דערפיהלט האָט ער אַ שרעקליכען וועהטאָג

— אָללרייט, זי איז פריי — האָט ער מיט בלייכע ליפּען געזאָגט און מיט אַמאָל איבערגעהאַקט און מעהר דערפון ניט גערעדט.

„און אָט איז דאס" — האָט ער געטראַכט. — אָט איז דער ריכטיגער וועהטאָג"....

איהם איז שווער געווען צו בעגרייפען, פאר וואס עס טהוט איהם אזוי וועה. וואס פאר א רעכט האָט ער אויף איהר?.. איז ער ניט פריי?.. איז זי ניט פריי?.. שוין זיעבען יאָהר, אַז זיי זיינען צוגאַנגען זיך. אייגער האָט צום אַנדערען גאָרנישט ניט. — אָבער פאר וואס טהוט איהם פּאָרט וועה?..

ער האָט אָבער געפיהלט, אַז עס מוז זיין עפּעס אַ טיעפערע אורזאַך, וואס איז שווער באַלד מיט׳ן נאַקעטען אויג צו ענטדעקען, פאר וואס עס איז שווער אין גאַנצען זיך צו בעפרייען פון דעם שווערען געפיהל, וואס האָט איהם איצטער, נאָך זיעבען יאָהר, גענומען אויף דאס ניי פּייניגען... עס מוז זיין גאָר אַנדערע געפיהלען, וואס דרעמלען ערגעץ טיעף אין אַ ווינקעל פון הארץ און נשמה, און ערוואַכען, גראַד דעמאָלט, ווען מען ערוואַרטעט זיי גאָרניט.... עס מוזען עקזיסטירען אַזעלכע טיעפע געפיהלען און אינערליכע געזעטצע, וואס בינדען דעם מענשען און בעשטימען בלינד זיין שיקזאַל; דער הויפּט אין דער סעקס פראַגע... וואס איז אַזוינס

מאַן און ווייב ?... צוויי ליבער, געטריבען פון איין און דעם זעלבען פערלאַנג, האָבען שטום און אונבעוואוסט זיך אַ וואָרט געגעבען, אַז זיי זאָלען געהערען איינער צום אַנדערען... און זיי זיינען אויף אייביג פער־בונדען. עס וועט ניט העלפען קיין צושיידונג... איינער פאַר דעם אַנ־דערען וועט שטענדיג וועה טהון...

ער האָט געטראַכט:

„איך האָב איהר אַמאָל געליעבט... זי איז אַוועק, און זי פעהלט מיר... טויזענדע פרויען זיינען דאָ. צו יענע בין איך ניט פערבונדען... זי האָט מיט איהרע אויגען מיר צוגעזאָגט טריי צו זיין... אַך נאַריש־קייט... נאַרישקייט!..

ער האָט געפיהלט אין זיך יענע קראַפט פון קענען ביישטעהן יעדער וועהטאָג, יעדער נסיון. ער האָט זיך גוט געקענט און אויך געוואוסט, אַז קיין זאַך אין דער וועלט וועט איהם פון קאַלטע ניט ארויסברייינגען; און דעריבער האָט ער אָפט דער פיהרט זאַכען זעהר ווייט און דערנאָך זיך אָבגעטרייסעלט — און ווייטער דערזעלביגער.

דעריבער האָט ער אויך דאָס שפּיעל איצטער אונטערגענומען. עס איז ביי איהם געבליבען, אַז ער וועט פיהרען דאָס שפּיעל ביז'ן סוף.

עס איז געוועזען שבת אָבענד, ווען ער האָט אויסגעקליבען פאַר דער גינסטיגער צייט צו מאַכען זיין ערשטען בעזוך צו חנה'ן, זיין אַמאָליגע פרוי.

ער האָט געדריקט דעם גלעקעל און דאָס האַרץ האָט איהם גע־קלאַפּט.

— אַך, צום טייפעל, — האָט ער צו זיך מיט אַנגסט גערעדט, און האָט זיך אַזוי ווי פאַר זיך אליין געשעהמט פאַר זייי שוואַכקייט און האַרץ־קלאַפּעניש.

געעפענט האָט איהם די טהיר אַ ברונעטע מיידעל, וועלכע איז האַרט אויף איהם אָנגעגאַנגען, אַזוי, אַז ער האָט ניט געקענט בעמערקען אַפילו, וואָס פאַר אַ געזיכט זי האָט, ווייל עפּענענדיג פון אינוויינינג די טהיר, איז אויסגעקומען, אַז זיי האָבען זיך כמעט ווי אָנגעשטויסען; און לעווין

האָט נור געקענט בעמערקען דעם שיין פון די, וואהרשיינליך, שווארצע אויגען, שווארצע האָר און ברעמען.

די מיידעל איז אָבגעטראָטען א פּאָר טריט אויף הינטער און האָט איהם פראגענד אָנגעקוקט.

— וואוינט דאָ ניט איינע... א מיסס... — האָט ער אָנגעהויבען און האָט זיך פערהאקט, ווייל ער האָט אין דער מינוט ניט געוואוסט ווי איהר פאמיליען נאָמען אָנצוגעבען און איהר מיידעלשען פאמיליען נאָמען איז איהם שווער געווען זיך צו דערמאנען... — אָה, יע, מיסס ראבינאָוויץ. אָדער לעווין, — האָט ער מיט אמאָל ארויסגעזאָגט.

— מיסעם לעווין, — יע, דאָ וואוינט א מיסעם לעווין, — האָט די מיידעל מיט א ניגון אויסגעצויגען און האָט גלייך געקוקט אויף לעווין׳ען, מיט יענעם בעזונדערען קוק, וואס מען קוקט אויף אלע אונבעקאנטע מענשען, וואס מען זעהט זיי צום ערשטען מאָל ביי א געוויסער געלעגענהייט.

די ברונעטע מיידעל האָט זיך אָבגעקערט, געטהון עטליכע טריט איבער׳ן קאָרידאָר צום טהיר, וואס האָט געפיהרט צו א צימער, און האָט אין ענגליש געזאָגט:

— אננא, איי דזשענטעלמען וואָנטס טו סי יו!

אין צווייטען צימער איז געווען ליכטיג. לעווין האָט געהערט אימיצען ריידען, און א פרעהליכען לאכען. אננא איז ארויסגעלאָפען זיך געשטעלט אין טהיר פון ליכטיגען צימער, וואס דאס האָט איהר געמאכט אויסצוזעהן ווי א סילועט, וואס ערשיינט אויף א ווייסען ליילעך. לעווין האָט איהר דערקענט נאָך די אויסערליניען, און זיין הארץ האָט נאָך מעהר געקלאפּט.

לעווין איז אויף איהר אָנגעגאנגען. זי האָט זיך אביסעל אויף הינטער אָבגערוקט און איהם אָנגעקוקט. זי האָט איהם דערקענט, איז געוואָרען בלייך און צוטומעלט.

— לעווין, — האָט זי זעהר שוואך ארויסגערעדט.

אין דער מינוט האָט איהם זעהר הנאה געטהון, וואס זי איז געוואָרען בלייך, ווייל ער האָט געפיהלט, אז זיין מאסקע איז געבליבען אונבעוועגליך. ער האָט פריי געזאָגט:

— יע, חנה, דאס בין איך — ניט ערוואַרטעט. ער האָט זיך ארומ־געקוקט.

ארום טיש, איבער וועלכען עס איז אראָבגעהאנגען א גרינער לאָמפּ אויף קייטען, מיט פיער גאַז־ברענער, זיינען געזעסען אפּאָר יונגע לייט און מיידלעך. קענטיג, אז זיי האָבען זיך ניט געלאנגווייליגט, ווייל זייערע געזיכטער, זיינען געווען בעלעבט, כאָטש אין דער מינוט, זיינען זיי אַלע געווען פערנומען מיט בעטראַכטען איהם אזוי ווי דער שטייגער איז, ווען א פרעמדע פערזאָן ערשיינט פּלוצלינג. דערהויפּט האָט איהם בע־טראַכט די מיידעל, וואס האָט איהם די טהיר געעפענט, וועמענס אויס־דרוק האָט אין דער מינוט געוויזען, אז זי שטויסט זיך עפּעס אָן.

לעווין איז געווען זעהר שעהן אָנגעטהון. עלעגאַנץ האָט זיך גע־פיהלט אין זיין גאַנצער האַלטונג און ער האָט ניט האַרמאָנירט מיט דער גאַנצער אומגעבונג.

— זעצט זיך, — איז איינגעפאַלען דער ברונעטער מיידעל די ער־שטע, גאַסטפריינדליכקייט אויסצודריקען.

— איך גלויב, אז איך וועל אייך ניט שטערען, — האָט ער געזאָגט אויסטהוענדיג דעם ראָק און העט מיט דער מינע פון א מענשען, וואס פיהלט זיך אומערדום ווי אין דער היים.

אננא האָט ביי איהם צוגענומען דעם ראָק און העט און עס אריינ־געטראָגען אין א צווייטען צימער.

לעווין האָט זיך געזעצט אין א ווינקעל נעבען פענסטער און האָט בעטראַכט די גאַנצע קאָמפּאַניע.

ארום טיש זיינען געזעסען צוויי יונגע לייט און צוויי מיידלעך. איי־נער פון די יונגע לייט איז געווען זעהר א שעהנער. ער האָט געהאַט א ווײ־סען גלאַטען געזיכט מיט שעהנע שוואַרצע אויגען און ברעמען, און לאַנגע שוואַרצע האָר פערקאַמט מיט פּרעטענזיע. אין זיין אויסדרוק פון גע־זיכט איז געלעגען פיעל ווייכקייט און לייכטזין, און אויך זעהר פיעל פון יענעם שטריך, וואס איז צו בעמערקען ביי א געוויסען טיפּ שעהנע מע־נער: — וואהרזאָגער, אפּעריסטען און אַלערליי האַנד שאַרלאַטאַנעס.

דער צווייטער יונגער מאַן א פּאָעט און אויך מיט לאַנגע האָר און מיט א גרויסען אויסגעשלייפטען האַלזטוך, איז שוין געווען דער היפּך פון

דעם ערשטען. א לאַנגע און פלאַכע קאָפּ ווי ביי א פערד מיט א פּאָר נאַרישע אויגען און מיט זעהר ניט קיין גלאַטע הויט.

פון די מיידלעך איז געווען איינע זעהר א שעהנינקע. א פּאָר לע־בעדיגע אויגלעך זיינען ארומגעלאָפען אהין און הער, דער נעזיל אביסעל פעררויסען מיט א גוטען און נאַרישען שמייכעל אויף די אביסעל פונאַנ־דער געגאַנגענע ליפּען. די צווייטע איז שוין געווען א מיידעל, א שווערע, שוין גאָר ניט קיין יונגע, אָבער מיט שפּורען פון יוגענד און פרישקייט. דער אויסדרוק פון איהר געזיכט איז געווען א שווערער, א אונגעדולדיגער, און עס האָט אזוי ווי אויסגעוויזען, אז אָט, אָט, ביי יעדער קלייניגקייט, וועט זי ווערען נערוועז און צורייצט.

די מיידעל וואס האָט לעווין׳ען געעפענט די טהיר איז געווען נאָך א יונגע און שעהנע מיידעל מיט א פּאָר גרויסע אויסדרוקספאָלע אויגען און מיט א קאָפּ שווערע און געדיכטע האָאר. זי איז געזעסען אביסעל אָבגערוקט פון טיש מיט א מינע, אזוי ווי זי וואָלט זאָגען: אָט לאָמיר זעהן, וואס עס וועט באַלד זיין.

חנה, אלס די בעל־הבית׳טע פון הויז, איז ניט געזעסען אויף איין אָרט. דאָ איז זי געזעסען נעבען טיש, דאָ איז זי ארויס אין קיך, צו־ריקקערענדיג זיך האָט זי זיך שוין געזעצט אויף א צווייטען פּלאַטץ.

נאָכדעם ווי לעווין האָט זיך איינגעזעצט אין ווינקעל, האָט ער, ווי ער פלעגט אַלע מאָל טהון אין אזא פאַל, פעררויכערט א סיגאַרעט, און האָט געבלאָזען דעם רויך געדיכט, און דורך דעם רויך, אזוי ווי דורך א וואָלקען, געקוקט אויף דאס ארומיגע.

דאָס וואָס עס האָט איהם ביי דעם ערשטען קוק אויף חנה׳ן, כמעט ווי איבערראַשט, איז געווען איהר פרישע און יונגע געזיכט מיט די קלאָרע אויגען, און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אז זי איז גאָר יונגער געוואָרען. דאָס, וואָס זי איז פאר דער צייט, פיעל און בעדייטענד שעהנער געוואָרען, האָט אין איהם ערוועקט איצטער עפּעס א זאָנדערבאַרען געפיהל; און עס האָט איהם אזוי ווי פאר עפּעס פעררדראָסען און באַנג געטהון.

ער האָט געקוקט אויף איהר און פערשיעדענע געפיהלען, עראיננע־רונגען זיינען געקומען און אוועק. אָט האָט איהם אין נאָז א שמעק געטהון יענע פרישע פריהלינג לופט, ווען זיי זיינען אוועק וואוינען צו־זאַמען. עס איז דעמאָלט פונקט נאָך פסח געוועזען. זיי האָבען דע־

מאָלט ערגעץ אפ־טאון דריי צימערען געדונגען, — און ער, אַך, ווי שלעכט ער האָט דעמאָלט געפיהלט!

אין מיטען דערינען האָט זיך איהם דערמאנט, אז די יוגענד איז אוועק, אוועק אויף אייביג, און אַ שאַרפער וועהטאָגדיגער געפיהל האָט איהם אין גאַנצען ארומגעכאפּט און אַלץ האָט איהם אויסגעזעהן לע־כערליך און אינהאַלטסלאָז.

„פארוואס האָט ער דעמאָלט חתונה געהאט" — איז איהם מיט אמאָל ארויף אויפ׳ן געדאנק, און האָט זיך אליין געוואונדערט.

„און וואס זיטץ איך דאָ? — האָט ער זיך געפרעגט.

ער האָט אליין ניט פערשטאַנען וואס מיט איהם טהוט זיך איצטער. איהם איז שווער געווען צו פערשטעהן ווי אזוי איז ער אהער געקומען צווישען די ווילד פרעמדע מענשען. — און וואס וויל ער דאָ?

„און וואס איז איהם אזוי שווער אויפ׳ן הארץ און נשמה?" וואס דריקט איהם? פיעלייכט דער פריהלינג ווינטעל, וואָס בלאָזט אריין דורך׳ן אָפענעם פענסטער? — יע, דאס איז דאס...

ער איז מיט אמאָל צוגעגאַנגען צום פענסטער און געוואָלט עס פערמאַכען. ער האָט זיך אָבער באלד געכאפּט, אז עס וואָלט אויסגע־קוקט זעהר ניט שעהן, און ער. איז געבליבען שטעהן אַ פּאָר מינוטען אין אָפענעם פענסטער, געקוקט אויף די בלייכע גאס לאָמפּען, און אויף די פיגורען, וואס האָבען ווי געשפענסטער געשלייכט איבער׳ן טראָטואר, און דערנאָך זיך אוועקגעזעצט אויף זיין פריהערדיגען פּלאַטץ.

עס איז איהם איצטער שווער געווען צו בעפרייען זיך פון אָט דער שלעכטער אָנגעבונדענער שטימונג, און איהם האָט אין גאַנצען פערדראָ־סען, וואס ער איז גאָר געקומען.

אַלע, און אַלץ האָט איהם איצטער גערייצט.

עס האָט איהם גערייצט זיין געוועזענע ווייב, דערפאר וואס זי איז שעהן און יונג, עס האָבען איהם גערייצט די מיידלעך, דערפאר, וואס זיי האָבען געלאַכט; עס האָט איהם גערייצט דער שעהנער יונגער מאַן, דער־פאר, וואס ער האָט גערעדט אָהן אן אויפהער און אַלץ אזעלכע אבסורדען; עס האָט איהם גערייצט דער פּאָעט, דערפאר, וואס ער האָט געהאט אַ פלאַכע קאָפּ ווי ביי אַ פערד און איז געגאַנגען אַ געבונדענעם האלז־טוך.

ער האָט זיך מיט אמאָל אויפגעהויבען.

חנה האָט איהם אָנגעקוקט, האָט פערשטאַנען, אַז ער לאַנגווייליגט זיך. זי האָט איהם דערלאַנגט דעם ראָק און העט.

ביים טהיר האָט ער צו חנה׳ן געזאָגט שטיל, אַז קיינער זאָל ניט הערען: — דו ווילסט ארוים אביסעל?

חנה האָט אַ טראַכט געטהון און האָט שטיל געזאָגט:

— אָללרייט.

זי איז אריין אין צימער און איז באַלד ארוים אין אַ העט און מאַנטעלע.

— איך קום באַלד צוריק — האָט זי ארויסגעהענדיג פון צימער צו די הויז־לייטע געזאָגט און איז צוגעגאַנגען צו לעווין׳ען.

זיי זיינעןביידע שווייגענדיג ארוים אין דרויסען.

זיי זיינען געגאַנגען ביידע איינע נעבען די אַנדערע און האָבען גע־שוויגען. גלייך ווי ביי זיי וואָלט שטומערהייט אַ וועט פאַרגעקומען, ווער עס וועט דער ערשטער אָנהויבען צו ריידען. געהענדיג, האָט לעווין ביי זיך אין האַרצען אָבגעמאַכט, אַז ער וועט פאַר קיין פאַל דער ערשטער ניט אָנהויבען. און זאָלען זיי זיך אפילו דאַרפען צוגעהען, ער וועט דער ערשטער דעם מויל ניט עפענען.

ער האָט אויסגעהאַלטען. די ערשטע האָט חנה אָנגעהויבען, אָבער אָנגעהויבען מיט אזא טאָן, אַז ער איז געבליבען פערוואונדערט.

— דזשאו, זאָג, וואס ביזטו צו מיר געקומען? — האָט חנה גלייך קאַלט און שטרענג מיט אַמאָל אַ פרעג געטהון, און געוואַרט אויף אַן ענטפער.

לעווין האָט אין דער מינוט ניט געוואוסט, וואס איהר צו ענטפערען. די פראַגע איז געשטעלט געוואָרען אזוי שאַרף און ניט געריכטערהייט, אַז ער האָט פון די פערשיעדענע ענטפערס, וואס זיינען איהם ארויפ־געפאַלען אויפ׳ן זינען, צווישען זיי אייניגע איראָנישע און פרעכע, ניט געוואוסט אָן וועלכען זיך אָנצוכאַפען. דעריבער האָט ער געענטפערט אָט גלאַט אזוי אין דער וועלט אריין.

— געקומען צו דיר? אָט אזוי זיך... איך פערשטעה ניט, פאר וואָס ניט קומען, נאָכדעם ווי איך האָב דיך אַכט יאָהר ניט געזעהען... איך האָב זיך פּשוט פערביינקט. — די לעצטע ווערטער האָט ער מיט אַ איראָנישען שמייכעל געזאָגט.

זי האָט איהם פון דער זייט אָנגעקוקט.

— זיך פערביינקט ... איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אז דו קענסט ביינקען. — האָט זי אין דעם זעלבען טאָן צוריקגעגעבען.

עס האָט פאר לעווין'ען געקלונגען מיט אלייכטען קריעג, וואָס ער האָט פאר קיין פאַל ניט געוואָלט.

ער האָט א טראַכט געטהון און אָנגעהויבען אין א רוהיגען געלאַסע־נעם טאָן, ווי נור מעגליך:

— איך פערשטעה דיך ווירקליך ניט, חנה, וואס מיט דיר איז דער מעהר. איז דען ווירקליך א פערברעכען אין דעם, וואס איך האָב דיר אָבגעזוכט, און געקומען זעהן זיך מיט דיר?... איך פערשטעה דיר ניט, אָדער בעסער געזאָגט איך פערשטעה אייך ניו יאָרקער ניט... ער האָט א קוועטש געטהון מיט די אַקסלען.

— איך גלויב, אז דו האָסט מעהר ניט וואס צו קומען צו מיר... מיר זיינען פרעמדע. — האָט זי מיט א בעהאַלטענעם כעס געזאָגט.

— פרעמדע?.. איך האָב דאס גאָרנישט געוואוסט — האָט ער מיט שפאָט און טאָן געזאָגט.

זי איז געוואָרען אויפגערעגט.

— גוד נייהט — האָט זי מיט אמאָל אזאָג געטהון און האָט זיך אומגעקעהרט צוריק.

לעווין האָט מיט דעם זעלבען שפאָטישען שמייכעל איהר נאָכגע־קוקט, און האָט צו זיך אין דער שטיל געזאָגט:

— לויף, לויף — דו וועסט קומען.

דערנאָך האָט ער זיך אומגעקוקט און ער איז אריין אין טונקעלען פארק.

געהענדיג האָט ער זיך געוואונדערט, פאר וואס ער איז אזוי רוהיג, אין דער זעלבער צייט, וואס ער האָט זיכער געוואוסט, אז שפעטער וועט עס איהם וועה טהון. אָבער דערווייל האָט אַלץ אין איהם אזוי ווי איינ־געדרעמעלט. קיינע פערלאַנגען, קיינע תאוות און געפיהלען האָבען זיך איצטער גערעגט אין זיין הארצען. ער האָט אין זיך געפיהלט א מאָדנע

רוהיגקייט און האַרמאָניע, גלייך ווי אַלץ ביי איהם אין קאָפּ און האַרצען וואָלט זיך געשטעלט אויף אַ פּונקט פון גלייכגעוויכט.

ער האָט זיך אליין צוגעהערט, ווי ער האָט שטיל אויסגעפּייפט אַ פּאָר פיגורען, פון אַ וואַלס, און עס איז איהם זעהר געפעלען געוואָרען די עכטקייט און עלעגאַנטע פרייקייט, וואס האָט זיך געפיהלט אין די פיגורען.

מיט אַמאָל האָט אַזוי ווי אַ בליטץ געטהאָן אין זיין געדאַנק — פריעדא!

ער האָט דערלאַנגט אַ ציטער מיט׳ן גאַנצען לייב.

IV.

לעווין האָט דאקטאר גאָלד'ען ניט געזעהען פיר די לעצטע צוויי מאָנאט, אָדער בעסער געזאָגט פון דעם טאָג אָן, ווען זיי זיינעןביידע גע־שטאַנען נעבען פריעדא'ס טויטען בעט. און דאָס איז אויך געווען יענער פאַטאַלער טאָג, וואס האָט זייער פריינדשאַפט אין צווייען געשפּאָלטען. מיט פולער בעוואוסטזיין פון איין זייט און בלינדען אהנען פון דער צוויי־טער זייט, זיינען זיי זיך פונאַנדער געגאַנגען יעדערער זיין וועג, דערביי יעדערער פיהלענדיג טיעף ביי זיך אין הארצען, אַז עפּעס איז געשעהן צווישען זיי ביידען; און דאס וואס איז געשעהן, איז זעהר פון איידעלען כאַראַקטער און מען טאָר דאס קיין מאָל ניט אָנריהרען.

לעווין האָט געפיהלט, אַז דער דאקטאר האָט, אזוי ווי אין דער פינסטער, וואס אָנגעטאַפּט, דערשפּירט; און דאס האָט איהם זעהר גע־קרענקט.

דעריבער ווען ער איז איינמאָל אין אַבענד געקומען צום דאקטאר, האָט ער מיט אַמאָל דערפיהלט אַ פרעמדקייט און קאַלטקייט, גלייך ווי ער וואָלט אריין מיט אַמאָל אין אַ דומפּע קירכע.

דער דאקטאר האָט איהם קאַלט בעגעגענט, און עס האָט זיך לעווין'ען גערוכט, אַז זאָגאר מיט אַ געוויסען ווידערווילען.

אין הויז איז אַלץ ווי אַמאָל געוועזען, אָבער דאָך האָט זיך געפיהלט אַ שטויב און פערלאָזענקייט; און ער, דער דאָקטאר אליין איז אויך עפּעס אַנדערש געוואָרען. ער איז מעהר ארומגעוואַקסען און די אויגען האָבען פון אונטער די גלעזער ארויסגעקוקט מיט אַ טיעפער מעלאַנכאָליע, אזוי ווי די אויגען פון א קראנקען, ווען ער קוקט אויף פרישע געזונטע מענשען, וואס זיינען איהם געקומען מבקר חולה זיין.

ווען לעווין איז אריין אין קאַבינעט איז דער דאָקטאר געזעסען איבער אַ דייטשען בוך, וועלכען לעווין האָט שפּעטער בעמערקט איז געוועזען מאקס מילער'ס: „שרי ראמאקרישינא פּאראמאגאזמא זיין לעבען און לעהרע".

ביי זיין אריינגאַנג האָט דער דאַקטאר אויפגעהויבען די אויגען און זיך שטארק צוגעקוקט, גלייך ווי ער וואָלט איהם מיט׳ן ערשטען קוק ניט דערקענט, דערנאָך האָט ער אזוי ווי ניט ווילענדיג געזאָגט:

— הא, דו ביזט דאס, לעווין,—זעטץ זיך...

א היבשע ווײַלע זיינען זיי געזעסען און געשוויגען. לעווין האָט זיך דערפיהלט ניט אַנגענעהם.

— דו גענהסט, ווי עס ווייזט אויס, אין ערגעץ ניט? — האָט לעווין מיט אמאָל אָנגעהויבען.

דער דאקטאר האָט גלייך ניט געענטפערט. דערנאָך האָט ער ווי צווישען די צייהנער ארויסגעזייעט: — ניין אין ערגעץ ניט.

לעווין האָט א ציה געטהון די אַקסלען.

— דו זיצט זיך אזוי דאָ פערשפּאַרט ווי א נזיר, און קריכסט אין טיעפענעש פון בודיזמוס, — האָט לעווין מיט א לייכטען טאָן אָנגעהויבען.

דער דאָקטאר האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און געקוקט אַנגעשטרענגט אויף לעווין׳ען.

— יע, לעווין, איך, פון מיין זייט האָב מיט דער, וואס איהר רופט אָן „וועלט“ אָבגעשניטען, — האָט דער דאקטאר אָנגעהויבען אין א זעהר רוהיגען און ערנסטען טאָן — און איך האָב מיר געשאַפען אליין א וועלט, אַן אייגענע וועלט, וואו איך בין אַלע און אַלץ.

— „א וועלט פון זיך אליין“ — האָט לעווין געלאַכט. — עס קלינגט זעהר אַנגענעהם, גאָלד.

— דו לאַכסט, לעווין?

— פיעלייכט...

— עס וועט זיין א צייט, וואס דו וועסט פיהלען דאס זעלבע וואס איך, — האָט דער דאקטאר אין א אומעדיגען טאָן אָנגעהויבען, — יע, איך בין זיכער, אַז דו וועסט דאס זעלבע פיהלען. דער אונטערשיעד איז נור אין דער צייט: פריהער אָדער שפּעטער. — אָבער לעווין דו וועסט קומען צום צושטאַנד, ווען עס וועט אָנהויבען דעמערען... זעה, לעווין, — האָט ער מיט אמאָל אָנגעהויבען און אין זיינע אויגען האָט אויפגעבליצט א פייערל. — זעה, איך האָב זעהר ליעב דעם לעבען, און דאָך וואָלט איך וועלען אוועק פון איהם, — ווארום אונזער לעבען, היינט צו טאָג, איז א טרוקענער קאַלענדאר, וואו די דאַטען ווערען פערצייכענט, און דאס

גאָר !.. דעריבער האָב איך גענומען אַ שטיק קרייד און געמאַכט ארום זיך אַ קרייז, און צו זיך געזאָגט: דאָ, גאָלד, אין דעם קרייז ליעגט דיין לעבען, און היט זיך ארויסצוגעהן פון קרייז ... ווארום, דאס רייכקייט פון אינערען לעבען ליעגט קיינמאָל ניט ערגעץ וואו אין דרויסען, נור אין זיך, פילייכט זעהר טיעף, אָבער דאָך אין זיך ... דער מענש, דאס איז אַ טויער, דורך וועלכען די יאָהרען געהען דורך, דורכגעהענדיג ריהרען זיי איהם נור אָן, און ער פיהלט די צייט און מעהר גאָרנישט ... דער דאקטאר האָט זיך אָבגעשטעלט, אַ קוק געטהון אויף לעווין'ען, וועלכער איז רוהיג געזעסען און גערויכערט אַ סיגארעט.

— מיין גאָט! — האָט לעווין אין אַ לייכטען טאָן אויסגערופען, — ווי איך פערשטעהע האָסטו זיך אָנגעשלאָגען אָן רעליגיע !...

— פיעלייכט יע, — האָט דער דאקטאר פרום געענטפערט. — איך בין אויפ'ן וועג צו רעליגיע ...

— היט זיך, עס איז זעהר ניט קיין גלאטער וועג, — האָט לעווין געשפּאָסט, — עס איז זעהר לייכט אויף דעם וועג געשטרויכעלט צו ווערען און אריינפאַלען אין יענער מעלאַנכאָליע, פון וואַנען עס איז קיין צוריקקעהר ניטאָ.

דער דאקטאר איז געוואָרען אויפגערעגט:

— גענוג, גענוג. זיי רוהיג לעווין !..

לעווין האָט אַ קוועטש געטהון מיט'ן פּלייצע.

— אַ שעהנעם בעגריף האָסטו פון רעליגיע, — האָט דער דאקטאר צורייצט געזאָגט און ער האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ, זיך דורכגעגאַנגען אַ פּאָר מאָל איבער'ן צימער. — יע, יע, אַ שעהנעם בעגריף ... ניין, ניין, זאָג איך דיר! — האָט ער מיט אמאָל אויסגעשריען און זיך געשטעלט ענטקעגען לעווינ'ען אין אָנגעבויגענער האלטונג ... רעליגיע, דאס איז וואס גאָר אַנדערש. רעליגיע: דאס איז דאס פּאָלקאָמענע הארמאָניע צווישען דעם אינערליכען מענשליכען פיהלען און דענקען מיט דעם לעבען און אָטעמען פון דעם גרויסען אוניווערזיום ... דאס, ברודער, איז רעליגיע !.. און ווער עס קען זיין אייגענעם לעבען אזוי איינשטעלען, יענער איז גליקליך, יענער האָט גאָט געפונען, און פאר יענעם הערט אויף צו עקזיסטירען דער טוידט אין דער פאָרמע ווי ער עקזיסטירט פאר דער גאַנצער וועלט. — ווארום טוידט, יענער מאָנסטער וואס לאָזט אונז פון

אויג ניט אראָב, יענער מאָנסטער, וואס רוקט זיך ווי א שווארצער וואָלקען אָן און הענגט ווי דאס דאמאָקל שווערד איבער אונזערע קעפּ, — אָט דער טוידט, אָט דער שרעק, איז, אין גרונד נור, א בעגריף. און דער בעגריף פערשווינדט גלייך, ווי נור דו געהסט אריין אין די טויערען פון הארמאָניע... דו הערסט, הארמאָניע...

— וואס דרעהסטו א קאָפּ! — איך פערשטעה דיך ניט — האָט לעווין מיט א שמייכעל אויף די ליפּען געזאָגט, דערביי האָט ער געמאַכט א מינע, אזוי ווי עס וואָלט איהם ווירקליך קיין זאך אין דער וועלט ניט אינטערעסירט.

—דו פערשטעהסט ניט? — האָט דער דאקטאר זיך געוואונדערט.— וואס איז דאָ פאראן צו פערשטעהן?.. איז דען ביי דיר א וואונדער, ווען דו זעהסט אימיצען קומען צו אזעלכע איבערצייגונגען?.. און איך בין פאָלקאָם איבערצייגט, אז מיר מאָדערנע מענשען האָבען ערפונדען פער־שיעדענע פאָרמען ווי איינצוויקלען זאכען און ערשיינונגען, וועהרענד מיר האָבען אָבער ניט וואס איינצוויקלען. אונז פעהלט דער אמת'ער בעגריף פון א וועלט געדאנק, אָדער רוף דאס אָן גאָט... מיר ווייסען ווי איינצוריכטען גרויסע יום טובים,—אָבער דעם יום טוב אליין האָבען מיר ניט; מיר קענען זיך מאַכען, אז מיר טרויערען, אָבער דעם טיעפען טרויער אליין האָבען מיר ניט; מיר קענען שעהן ריידען וועגען א גאָט, אָבער דעם גאָט אליין האָבען מיר ניט; מיר קענען ריידען וועגען א פאָלק, מיר קענען מיט שעהנע ווערטער בעשאפען א גרויס אידיש פאָלק, — אָבער קיין פאָלק האָבען מיר דאך ניט... אָט דאס האָסטו דיר, די היינטיגע קולטור: גרויס ווי א בארג און שוואך ווי אן אויסגעבלאָזענע איי... איך פון מיין זייט האָב דערפיהלט דעם גרויסען ליגען, דערשפּירט דעם געשטאנק, וואס איהר ווילט מיט פּערפיום פערבאָרגען, און איך בין אוועק פון אייך, און זיך איינגעשלאָסען אין זיך אליין, ווארום נור מיט זיך אליין קען דער מענש גאָט דערגרייכען... — דער דאקטאר האָט זיך אָנגעשטעלט, א קוק געטהון אויף לעווין'ען און געווארט.

לעווין האָט א מאך געטהון די האנד איבערן שטערען, גלייך ווי ער וואָלט וועלען עפּעס אראָבנעהמען פון דאָרטען, און ער האָט רוהיג אָנ־געהויבען:

— דאס אלץ, וואס איך האָב פון דיר היינט געהערט איז ניט ווערט

קיין אויסגעבלאָזענע איי. און עס קלינגט אין מיינע אויערען ווי די „פרייהייטס-ליעבענדע" פראַזען פון א סאפראדזעטס „גאָלדענעם" מויל... אין אַלץ דעם, וואס דו האָסט אָנגערעדט איז ניטאָ קיין וואָרט אמת — איך מיין אמת אין ברייטערען זין ... יע, דאס אַלץ אָבער בעווייזט מיר, אַז דו האָסט זעהר אַ שוואַכען בעגריף פון דעם לעבען אין אַלגעמיין, און נאָך אַן ערגערען בעגריף פון דיין אייגענעם לעבען, וועלכען דו הרג'עסט אוועק אין גאַנצען ; אמת, אויף אַ זעהר זאָנדערבאַרען אופן. דו בעגעהסט זעלבסטמאָרד ... ווארום סוף כל סוף, וועסטו זיך מיט דיינע גאָטזוכעניש ניט אָנשטויסען אָן גאָט, וואס אין דעם בין איך זיכער, און גיכער פאר אַלץ וועסטו זיך אָנשטויסען אָן דער העסליכער מיזאנטראפיע, וואס דאס בין איך נאָך זיכערער ... וואַרף אוועק אָט דעם נארישען גריבלען, און זיי אַ מענש מיט אַלעמען צו גלייך ... טפוי, נאַרישקייט !..

דער דאקטאר האָט איהם אָנגעקוקט און רוהיג אויסגעהערט, דער־נאָך האָט ער אַ שמייכעל געטהון און קוקענדיג פון אונטער־די ברילען אויף לעווין'ען האָט ער אָנגעהויבען :

— דו ביזט גערעכט, לעווין. דיין מורא האָבען, אַז איך זאָל אריינ־פאַלען אין מיזאנטראפיע, איז אין גאַנצען ניט אָן אַ גרונד ... יע, עס איז זעהר לייכט אריינצופאַלען, אָבער ניט איך ... איך זאָג, ניט איך, ווייל איך האָב דאס אַלץ פאָרגעזעהן, און איינגעאָרדענט אזוי מיין אָרימען לעבען, אַז איך האָב פאר דעם גאָר קיין מורא ניט. פערקעהרט, איך האָב מורא, אַז איך זאָל ניט ליידען פון אַן אנדער זאַך ... נור געגוג דערפון !.. דו ווילסט וויסען ווי איך האָב איינגעאָרדענט מיין לעבען ?— הער, איך וועל דיר דערצעהלען.

לעווין האָט אויף איהם געקוקט און זיך געוואונדערט. דער דאקטאר איז איהם זאָנדערבאר פאָרגעקומען. און ער האָט גענומען פאר עפּעס מורא האָבען.

— הער מיך אויס, לעווין, — האָט דער דאקטאר אין דעם זעלבען טאָן, וואס פריהער אָנגעהויבען. — הער מיך אויס, ווי איך האָב מיין לעבען איינגעאָרדענט : פריהער פון אַלץ האָב איך מיין פּראקטיקע פער־קלענערט, דאס הייסט ניט אין דעם זינען פון פּאציענטען ! ניין, פּאַ־ציענטען האָב איך גענוג !.. אָבער דאס וואס איך מיין, איז, אַז ניט ביי אַלע פּאציענטען נעהם איך געלד ... אָבגעמאַכט מיט זיך אליין, אַז ביי

קיין אָרימע קיין פּעני ניט נעהמען ... דאָס אַלֿ. איך דאַרף קיין געלד ניט ... איך דאַרף קיין אָטאָמאָבילס ניט !.. אויף מיין אָרימען לעבען וועל איך האָבען גענוג ... ווייטער ליעב איך זעהר מיינע אָרימע פּאַציענטען, און איך גיב זיך איבער צו זיי מיט לייב און נשמה ... איך טרייב פון אָפיס ארויס יענע רייכע פּראַקטיקע, וואָס איז אָבער פערבונדען מיט שאַרלאַטאַניזם... איך טרייב זיי פּשוט ארויס... אָט קומט צו מיר פּאַריגע וואָך א יונגע פרוי און וויל איך זאָל איהר מאַכען א קרימינעלע אָפּעראַציע, אַז איהר מאַן זאָל דערפון ניט וויסען, וועגען געלד איז קיין רייד ניט—ארויסגעטריבען, ארויסגעיאָגט מיט אַשטעקען !.. אָבער עס קומט א ווייבעל, א געוועהנליכע אידישע פרוי און פערטרויט מיר אַסוד, אַז זי איז אָנגעשטעקט .... איך ווער פעראינטערעסירט און פרעג : פּיע־לייכט איז איהר מאַן קראַנק ! דאָ ווערט זי רויט ווי א בוראַק און שטאַ־מעלט, אַז ניט פון איהר מאַן, נור פון אַן אַנדערען ... ארויסגעיאָגט, ארויס־געיאָגט ... טויזענדע און טויזענדע אַזעלכע פעלע ... איך יאָג זיי, איך יאָג זיי ווי הינט ... און דאָס ברודער איז געלד. — איך אָבער דאַרף ניט קיין געלד !.. זעהסטו לעווין, אַז מיין לעבען איז אַזוי איינגעאָרדענט, אַז ניט וואָס איך דערווייטער זיך פון מענשען, פּערקעהרט, איך דערנעהנ־טער צו מיר מענשען ... מענשען אָרימע, וואָס האָבען קיין זאַך ניט אין לעבען ...

דער דאָקטאָר האָט זיך אָבגעשטעלט, א קוק געטהון אויף לעווין'ען, און אויף זיין געזיכט האָט זיך ווידער אויסגעשפּרייט יענע קרענקליכע אונצופריעדענהייט, וואָס לעווין האָט בעמערקט ביים אריינקומען.

לעווין האָט אַזוי ווי ניט ווילענדיג געזאָגט :

— טהו ווי דו פערשטעהסט .. יעדערער איז א חכם פאַר זיך. און ער האָט זיך אויפגעהויבען ..

— דו געהסט, לעווין

— איך געה.

— געה מיט גאָט.

— און דו וועסט שוין אַזוי בלייבען זיצען ?..

— יע, לעווין, מיין גאַנצען לעבען ...

— גוד נייהט.

— גוד נייהט.

לעווין איז ארוים.

פאַר וואס האָט זיך לעווין געפיהלט אזוי ניעדערגעשלאָגען, אזוי צובראָכען? ניט שוין זשע האָט זיין נשמה וואס אַזעלכעס דער שפּירט, וואס האָט אין דער מינוט, ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון דאקטאר, איהם געגעבען צו פיהלען, אז אָט, אָט קומט אָן די דעמערונג... די דע־מערונג פון דער נשמה?

„מעהר וועל איך איהם ניט זעהען"‚— האָט לעווין געטראַכט, גע־ענדיג פון דאקטאר... אָבגעשניטען, אָבגעשניטען... עס וויים, ער פּיהלט... ניט שוין זשע האָב איך זיין לעבען אין צווייען געשפּאָלטען?.. יע, איך"...

דא איז איהם געוואָרען מיט אמאָל זעהר שווער אויפ׳ן הארצען, און א טיעפע בענקשאַפט נאָכ׳ן אונבעוואוסטען האָט איהם ווי מיט א רייף ארומגעכאפּט, און ער האָט זיך געפיהלט געענגט און געדריקט.... דעם ערשטען מאָל האָט ער דערפיהלט יענע בענקשאַפט, וואס ווערט דערנאָך בעגלייט מיט א קאַלטע גלייכגילטיגקייט צו אַלץ וואס לעבט און עק־זיסטירט.

ער איז ארויף אופי׳ן קאַר, גענומען א צייטונג אין איהר געקוקט און קיין איין וואָרט ניט פערשטאַנען. ער האָט אונבעוואוסט געקוקט אויף די געזיכטער וואס זיינען ענטקעגען איהם געזעסן, און אויך אויף די פער־שיעדענע אַדווערטייזמענטס, אייניגע אַדווערטייזמענטס איבערגעלייענט עטליכע מאָל הין און צוריק, אָבער ער האָט ניט פערשטאַנען, וואָס דארטען טהוט זיך.

ביי דער דריי און צוואַנציגסטער סטריט און בראָדוויי איז ער אָב־געשטיגען און איז געבליבען שטעהן, אזוי ווי ער וואָלט ערשט א טראַכט געטהון ווי אזוי קומט ער פּלוצלינג אהער.

פאַר זיינע אויגען האָט זיך אויסגעברייטעט דער אין שאָטען ליגענ־דער סקווער און צוויי לאַנגע עוועניוס בעגאָסען מיט זילבערנעם ליכט האָבען זיך איבערגעקרייצט און זיינען וויים, ווייט פערפאַלען געוואָ־רען; און גאָר הויך צווישען די וואָלקענס, האָט געגלימערט דער פייער דיגער קופּאָל פון דעם מעטראָפּאָליטאַן טויער, אזוי ווי אָפּט די זון אין א טומאַניגען טאָג. די דינע וואָלקענס, וואס האָבען זיך געצוויגען ארום פייערדיגען קופּאָל האָבען זיך מיט שוואַכען שיין אָבגעפאַרבט, און עס

האָט דערמאנט אָן דעם שיין ,וואס עס קומט ארויס פון די הייליגע ביל־דערם קעפ.

לעווין האָט א טראכט געטהון און איז אריין אין א דערבייאיגען קאבארעט.

V.

נאָכדעם ווי ביי לעווין'ען איז געבליבען, אז ער זאָל מעהר צום דאָקטאר ניט געהן, האָט ער מיט אמאָל שארף דערפיהלט, פיליכט דעם ערשטען מאָל אין לעבען, יענע אונבעוואוסטע בענקשאפט, וואס פערוואנ־דעלט אלץ אין א דריקענדע גרויקייט. איהם האָט זיך צייטען־וויז גע־טראכט, אז עס איז גאָר ניט כדי צו לעבען. — און וואס לעבט מען?

און אָט שטעהט ער מיט זיינע צוויי און דרייסיג יאָהר פאר דריי טויערען, און וויים ניט אין וועלכען טויער צו קלאפען. אָדער פיליכט גאָר אין גאנצען ניט קלאפען; — אָבשטעלען די צייט אויף אייביג!

עס שטעהן פאר איהם דריי טויערען: דער טויער פון זינד, דער טויער פון רעליגיע אין עכטער ריינקייט און דער טויער פון פיליסטער: אלץ אויף דער העלפט... נון פונדעסטוועגען, אין וואס פאר א טויער קלאפט מען פאָרט אָן?.. עס הויבט אָן פארנאכט צו ווערען... עס דעמערט; און באלד רוקט זיך די נאכט אָן.

לעווין איז געשטאנען אויפ'ן שוועל פון א גייסטיגען און פסיכישען קריזיס. ער איז געשפרונגען פון איין פעלז צום צווייטען: דאָ, האָט זיך איהם געוואָלט אָבלאָזען די לייטצעם פון זיין אייגענעם לעבען, און זאָל דאס לעבען, ווי א צואווילדעטער פערד, איהם טראָגען, — און וואס ס'וועט זיין, וועט זיין! דאָ, האָט זיך איהם געוואָלט אריין אין דעם טויער פון רעליגיאָן, וואו אלץ איז שעהן און ערהאבען, און וואו פריעדליכע רוהע און גייסטיגע זעטיגונג רוהט אויף אלע געזיכטער און הערצער: — וואו לעבען און טוידט גיסען זיך צוזאמען, פערפיינט דורך זעהר אן איידעלען איבערגאנג.

דער דאָקטאר, ער איז פארטיג, אויסגעקליבען זיין וועג. אָבער וועל־כען וועג זאָל ער אויסקלייבען? וועלכען טויער זאָל ער קלאפען?..

לעווין האָט זיך אליין געוואונדערט, ווי אזוי עס קומען צו איהם אָט די דאָזיגע שטימונגען? ווי אזוי עס קומט צו איהם אָט דער אונערבארעמ־

ליבער ספּלין ?.. ווי אזוי ?.. איז דאס לעבען ניט אזוי איינפאַך, אזוי קלאָר, ווי דער מארגען פון, נור וואס, אן אויפגעהענדען טאָג ?... טו ווי אזוי קומט, אז ער זאָל זיך אזוי פּיהלען און ווארפען אויף אַלע זייטען ?.. איז שווין פּילייכט זיין טאָג געענדיגט ?

די אַלטע נאאיווע און אייביג יונגע פראַגע :

פאר וואס האָט ער געלעבט ? און צוליעב וואס לעבט ער ?

צו דען האָט ער, מיט זיך, און זיין בלוט ניט ארייננעטראָגען יענעם טהייל גליק, וואס פאלט אוים אויף יעדען מענשען ? צו דען האָט זיין ערשיינען ניט פונאַנדערגערוקט דעם לעבען, אזוי ווי א שטיין דעם וואסער, ווען ער פאַלט אין איהם ?.. אַלע, אַלע, איז געוועזען ווי געוועהנליך, ווי ביי אַלעמען, — אָבער וואס ? און צוליעב וואס ?..

דאָס אַלע האָט לעווין געפיהלט און זעהר שארף, גראד אין יענער צייט, ווען ער האָט זיך גענומען שטארק צוגרייטען און אריין אין דעם איבער־ריגען טהייל פון זיין לעבען מיט זיכערע טריט און זיעגען. אין דער זעלבער צייט, ווען פאר זיין אויג האָט זיך אויסגעשפּרייט א ברייטע און ווייטע פּערספּעקטיוו מיט אשעהנעם זונאונטערגאנג, האָט אָבער גאָר פון אן אנדער זייט זיך אָנגערוקט א שאָטען און געשטעלט זיך הינטער איהם, און אזוי ווי דער טוידט הינטער בעקלינגם אויער, האָט אויך דער שאָטען איהם אָן עטוואָס דערמאָנט. דערמאָנט איהם, אז זיין לעבען זינקט.

לעווין איז אין זיך ניט געוועזען גענארט. ער האָט זיך גוט געקענט. זיינע פּרעטענזיעס זיינען ווייט ניט געגאנגען און זיך אויך ניט פערשפּרייט אויף א ברייטען קרייז. ער האָט ניט בעדויערט, וואס זיין לעבען געהט פערלאָרען גאָרנישט ניט אויפּטהוענדיג פאר דער מענשהייט. פאר דאס אַלע איז ער געוועזען צופיעל סקעפּטיק. ער האָט נור גענומען בעדויערען זיין לעבען, דעם לעבען פון אן אונבעדייטענדען און אַלטעגליכען מענשען ; וואס, ער אויך האָט ניט אויסגעמידען דעם טוידטליכען גיפט פון צווייפעל און ניט גלויבען.

דאס אַלע האָט לעווין געפיהלט, איינמאָל א בייטאָג זיצענדיג אין פענסטער פון פראָנט צימער, וואס איז ארוים צום פּארק.

אין דער זעלבער צייט, וואס ער האָט אזוי געפיהלט, האָבען זיינע

אויגען געזעהן דעם בלייך־בלויען הימעל העגגען איבער'ן גרינווערענדען פּארק, און אויך די אַלע מענשען, וואס האָבען זיך געדרעהט אין און ארום פּארק. אין דער מינוט איז איהם געווען פרעמד דער געדאנק, אז אַט די אַלע מענשען, וואס דרעהען זיך דאָ ארום, איז יעדער אַ וועלט פאר זיך, און יעדער מיינט, אז ער איז צו וואָס וויכטיגעס בעשטימט. איהם איז געווען שווער זיך פאָרצושטעלען, אז יעדערער האָט אהיים און געהט אין אַ בעשטימטען אָרט. וואו טהוען זיי זיך אַלע הין? האָט זיך איהם געפרעגט.

און דורך דעם גאַנצען וואָלקען פון צווייפעל און גייסטיגע מיעדיג־קייט, האָט נאָך עפּעס פאר איהם ארויסגעקוקט, אַזאַ זאַך, וואס ס'האָט זיין געפאַלענע שטימונג אָפּטמאָל דערהויבען און אָנגעפילט איהם, אפילו מיט וועהטאָג, אָבער אויך מיט יענעם אנטערעס צום לעבען, וואו אַלץ ווערט מיט אמאָל אַנדערש.

עס איז פאר איהם געווען אונפערשטענדליך: ער, לעווין איז פער־ליעבט.

אַז ער איז פערליעבט איז ער געווען זיכער, און ער האָט אליין גע־לאַכט פון דעם ווילדען קאַפּריז, אָדער נארישען איינפאַל: זיך פערליעבט אין זיין געוועזענער ווייב!

נו, איז וואָס?

דאָ, אָבער האָט ער דערפיהלט, אַז צווישען איהר און איהם שטעהט עפּעס, וואָס וועט אַלץ צושטערען. און ווייטער, ווייטער — בלאַנק!

מיט אמאָל האָט זיך איהם פערגלוסט זי צו זעהען. איינמאָל פאר אַלע מאָל, וויסען וואס דער סוף וועט זיין! אויב זי וועט וועלען נעהמט ער זי און בויט אויף אַ שעהנע היים, — און זאָל דאס לעבען רינען, ווי טויזענדע אַנדערע בירגערליכע לעבענס.

אין דער צייט, ווען לעווין איז געווען פערנומען מיט אנאַליזירען זיך, איז די שוועסטער אריין און איז צו איהם צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל זיי נעהמען אין דער אָפּערא. געבעטען האָט זי איהם אין האַלבען שפּאַס, מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען.

— דזשאו, — האָט זי אָנגעהויבען פאָרצושטעלען אויף איהר ווייַ־בערשטען שטייגער, דעם לעצטען אבענד אין דער אפּערא, — דזשאו, עס איז גאַאַלאַ פאָרשטעלונג; מען שפּיעלט פיער פערשיעדענע אַקטען פון

בעזונדערע אָפּעראס. עס וועט אַנטהייל נעהמען אַבסאָלוט דער גאַנצער קעסט פון דער אָפּערא!.. און דאָ האָט זי איהם גענומען אויסרעכענען די נעמען פון די זינגער, יעדערער נאָך זיין שטימע.

לעווין האָט זיך געוואונדערט:

פון וואַנען ווייס זי דאס אַלץ, און אַזוי פּינקטליך! זי רעדט פון דעם אַלעם מיט אזא זיכערהייט, אזוי ווי זי וואָלט אין דעם געבוירען געוואָרען. און ער האָט דאָך אָבער געוואוסט דעם אמת וועגען זיין שוועסטערס מו־זיקאַלישע פעהיגקייטען. ער האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס: „דזשאָסט ווימען“!.

לעווין אַליין האָט זיך געוואָלט אַביסעל צושטרייען. ער איז אוועק־געפאָהרען דאון־טאון און געקראָגען דריי טיקעטס.

עס איז געוועזן שבת אַבענד, און שוין שפּעט אין פריהלינג. אין דער היים פון זיין שוועסטער האָבען זיך אַלע גערינכט. דער שוואָגער האָט זיך אויסגעפּוצט אין א טאָקסידא, וואס איז איהם זעהר שלעכט געגאַנגען. און אין אַלגעמיין האָט ער געהאַט א נעבאַכ'דיגען געזיכט, גלייך ווי ער וואָלט זאָגען: וואס ווילען זיי פון מיר? איך בין ניט שולדיג.

די שוועסטער איז געוועזן זעהר פער'עסק'ט. האָט צוויי מאָל אוי־בערגעקאמט איהרע שעהנע בלאָנדע האָר און איז דאָך צום סוף געבליבען א ניט צופריעדענע. עפּעס האָט זיך איהר אויסגעדאכט, אז די פריזור איז צו הויך, און די נייע שאַמוש'ענע קלייד מיט'ן ניעדריגען שניט זעהר פּלומפּ.

ענדליך איז זי פארטיג געוואָרען, האָט אָנגעטהון איהרע דימענטענע רינגען, זיך בעטראכט אין שפּיעגעל און איז געבליבען צופריעדען.

לעווין איז נאָך אַלץ ניט ארויס פון זיין צימער.

— דזשאָ, וואס הערט זיך?! — האָט די שוועסטער אריינגעשריען דורך דער פערמאַכטער טהיר פון זיין צימער.

— אָל רייט! איך געה באַלד ארויס.

— מיר וועלען פערזאמען, גיכער!

— אָל רייט, איך בין שוין פארטיג, —איז לעווין ערשיענען אויפ'ן שוועל אין פולער אבענד קליידונג.

די שוועסטער האָט אויסגעגלאָטשט אפּאָר אויגען:

— אָה, דזשאָ, ווי סוועל, — האָט זי אויסגערופען. — זעה נור, העררי!..

דער שוואָגער איז געקומען פון צווייטען צימער און דערזעהענדיג לעווין'ען מיט'ן שווארצען פראק, מיט'ן הויכען ווייסען קאָלנער, האָט ער זיך פונאנדערגעלאכט.

— זעה נור, זעה נור — א ספּאָרט!

— וואס מיינסטו, ווי דו, — האָט די שוועסטער זיך ארייגעמשיט און דערוויילע מיט א קוק פון א קריטיק בעטראכט איהם פון קאָפּ ביז די פיס. — זעה, ווי דער רעקעל זיצט אויף איהם, — היינגט ווי א זעקעל. — אָה, איז דאס א שלימזל. — האָט זי פערענדיגט מיט א געמאכטע טרויעריגע מינע, און באַלד אויפ'ן אָרט זיך פרעהליך פונאנדערגעלאכט.

די שוועסטער האָט גענומען איילען און באַלד זיינען זיי אוועקגעפאָהרען.

דאס אלץ, וואס מען האָט געשפּיעלט, געזונגען אין דער אָפּערא האָט לעווין'ען זעהר ווייניג אינטערעסירט. ער האָט עס שוין אפשר צום צעהנטען מאָל געהערט און געזעהן. ער איז געזעסען נעבען דער שוועסטער אין דער ערשטער רייהע באַלקאָני אָנגעשפּאַרט אָן דעם מעשענעם פּאַרענץ, געפיהלט די גלאַטקייט און קאַלטקייט, און גלייך אראָבגעקוקט פון דער הויך אונטען אין אָרקעסטער, וואו אין דער פינסטערער גרויסער הויז, האָבען, די וואס זיצען אונטען, אויסגעזעהן אזוי ווי אין זעהר א גוטע אָרדנונג, אויסגעשטעלטע מצבות אויף א בית עולם, — און דאס גאנצע הויז ווי א טיעפער הייל אין דער פאָרמע פון א פערדשוף. נאָהנט צום גרויסען רויטען פּליושענעם פּאָרהאַנג, האָט אזוי ווי פון אונטער דער ערד ארויסגעשיינט א לאַנגע רייהע ליכט און אָבגעגאָסען דעם רויטען פּאָרהאַנג מיט א בלייכען שיין און אויף דעם גאַנצען אָרקעסטער, וואס איז דערביי געזעסען. דער קאָנדוקטאָר מיט זיין אהין און הער וואַרפענדען שטעקעלע, האָט זיך געצייכענט אויף דעם ליכטיגען פאָן, ווי א שוואַרצינקער טאָוועלנער מענשעלע אויף א ווייסע וואַנד, אין דער צייט, ווען מען ציהט פאַר די פיסלעך מיט א פאָדעם.

דאָרטען ביים ליכטיגען שטרייף פון דער ראַמפּע, האָט זיך איינער

אזוי ווי ארויסגע'גנב'עט צווישען די שווערע פאַלדען פון פאַרהאַנג, ארויס־געשטעקט אפריהער דעם נאַרישען פּאַיאַצקען קאָפּ און זיך נאַריש ארומ־געקוקט. באַלד איז ער ערשיענען אין דעם קאָנווינציאָנעלען פּאַיאַצקען סוט, פערנייגט זיך פאַר'ן פּובליקום און גענומען, מיט אַ פרישער ברייטער שטימע, זינגען.

לעווין האָט זיך צוגעהערט צום פּראָלאָג פון פּאַגליאַטשי און אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך געקוקט אראָפּ און זיך מיט איינמאָל געטהיילט מיט די איינדריקע, וואס איז געקומען פון דער פינסטערער טיעפער הויז, און פון דעם זינגען פון באַריטאָן.

דעם פּראָלאָג האָט דער כלמר'שדיגער פּאַיאַץ פערענדיגט מיט אַ באָמבאַסטישען זשעסט און פעריסענקייט. — דאס פּובליקום האָט גע־קלאַפּט.

לעווין איז געוואָרען אונגעדולדיג. די לופט ארום איז געווען דורכ־געזאַפּט מיט פערשיעדענע פּערפיומען צונויפגעמישט מיט דעם ריח פון אַלטען פערשטויבטען קארפּעט. עס האָט איהם געשטיקט. ער האָט קוים דערלעבט, אַז מען האָט אָבגעשפּיעלט דעם אַקט און ער איז אראָפּ אין רויכ־צימער.

געהענדיג איבער די ברייטע, און מיט רויטען פּליוש געבעטע, טרעפּען מיט דער האַלב־דונקעלער בעלייכטונג, האָט ער געפיהלט, דאס וואס עס פיהלען גרויסע און וויכטיגע מענשען, ווען זיי געהען אראָפּ פון די טרעפּ פון זייער פּאַלאַץ, דאָרט אונטען צום אודיענץ, וואס וואַרט געדולדיג אויף זיי. ער האָט אויך אין דער מינוט דערפיהלט זיין אייגענע בעדייטונג און האָט זיך מיט געוויסער ווירדע ארומגעקוקט אין אַלע זייטען: וואו פון די לייכט אויפעפענדיגע טהירען פון די לאָזשען, פון דעם גאַנצען האַלב־קייליכדיגען טיעף, האָבען גענומען ערשיינען מיט אַ געוויסע ווייכ־קייט, שעהנע עלעגאַנטע דאַמען און הערען, אַלע אין פולען גלאַנץ, די מענער אין שוואַרצען, די דאַמען אין פערשיעדענע בונטע קאָליערען.

זיי אַלע, גלייך מיט איהם, זיינען אראָפּ אויף די ווייך־געבעטע טרעפּען, און ער האָט געפיהלט דעם איידעלען ריח פון פּערפיום און גע־קוקט אויף די ניעדעריגע אויסשניטען פון די דאַמען; געזעהען קלאָרען געזונטען לייב, בעשטויבט מיט פּודער, שעהנע פינקעלדיגע אויגען מיט

פערשיעדענע געזיכטער: אַלע האָבען זיך געצויגען ווי אין אַ פּראָצעסיע צום גרויסען זאַל.

ער איז פערביי געגאַנגען אַ שפּיעגעל און ער האָט זיך איינגעקוקט: זיך דערזעהן אין פולען גרויס און זיך געוואונדערט: אַנטקעגען איהם איז געשטאַנען אַ יונגער מאַן, וואס האָט אויסגעזעהן שעהן און עלעגאַנט. — „און דאס בין איך דאָך“! — אַ צופריעדענער שמייכעל האָט זיינע ליפּען בעריהרט.

אין רויך־צימער האָט ער געטראָפען איניגע בעקאַנטע, וועלכע האָבען זיך געטהיילט מיט די איינדריקע פון דעם נור וואס געהערטען אַקט. און האָבען אויך ניט פערפעהלט איהם צו פרעגען זיין מיינונג.

לעווין, ווי אין יעדען פאַל, ווען מען האָט וואס פּלוצלינג געפרעגט, האָט אַ ציה געטהון מיט די אַקסלען און געזאָגט:

— ווער ווייס.

לעווין האָט זיך געזעצט אויף אַ ווייכע סאָפאַ, בעטראַכט דעם גרויסען הויכען צימער מיט די בלייכ־גרינע ווענט און מאַטעוועך בעלייכטונג.

ער האָט זיך איצטער געפיהלט זעהר בעקוועם און אַנגענעהם. אין דער בעקוועמליכקייט אין געלעגען יענע רוהיגע זאַטקייט און צופריע־דענהייט, וואס מאַכט דעם יעניגען פערגליווערט און אמאָל פערשטיינערט.

לעווין האָט דאס געפיהלט מיט אַלע זיינע גליעדער און חושים און דערביי האָט ער זיך אַ טראַכט געטהון, אַז אייגענטליך, אָט דאס אַ, אָט די זאַטקייט און צופריעדענהייט זוכען דאָך די מענשען.

ער איז ארויס אין פּאַרקעט־זאַל, און האָט גענומען קוקען אויף די לייגג פון גאַנצען זאַל.

איינע פון דאס שעהנסטע אין לעווין׳ען איז געוועזען זיין קוק, דעמ־מאָלט ווען ער האָט געקוקט איבער די קעפּ פון מענשען, גלייך ווי ער וואָלט קיינעם ניט געזעהען.

פון אַ ווינקעל זאַל האָבען אויף לעווין׳ען איינגעשפּאַרט געקוקט אַפּאָר אויגען און פערפאָלגט זיין יעדע בעוועגונג. עס איז שווער געווען צו טרעפען, וואס ווילען און וואס זאָגען די אויגען, פון דער יעניגער, וואס איז אַן אַ זייט געשטאַנען.

לעווין האָט זיך מיט אמאָל אָבגעקעהרט, גלייך ווי ער וואָלט דער־פיהלט אַ האַנד פון הינטען ארויפגעלייגט אויף זיך. דערזעהענדיג דער

יעניגער, וואס איז אָן אַ זייט געשטאַנען, האָט איהם אַ קלאַפּ געטהון אין הארצען. דערנאָך האָט ער אַ שמייכעל געטהון און איז גלייך אויף איהר אָנגעגאַנגען:

— חנה, דו ביזט דאָ?!

חנה האָט איהם רוהיג בעטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס:

— ווי עלעגאַנט.

לעווין האָט דערפיהלט אַ לייכטע איראָניע.

— וואס, געפעלט דיר? — האָט ער אנגעהויבען, ניט וויסענדיג, וואס צו פרעגען און ריידען.

חנה האָט פערשטאַנען זיין פערלעגענהייט און האָט דריבער אָנגע־הויבען ריידען פון דער אָפּערא. דאָ האָט שוין לעווין איהר ניט געהערט. עס האָט איהם ניט אינטערעסירט איהר מיינונג. ער האָט איהר געזאָגט, אַז ער וואָלט איהר וועלען זעהן נאָך דער אָפּערא.

חנה האָט איהם אָנגעקוקט. איהר קוק האָט גערעדט: צו וואס דארף מען דאס?..

אין דער מינוט האָט זיך לעווין'ס געזיכט ווי פערהארטעוועט און אַ שפּאָטישער שמייכעל האָט זיינע ליפּען פערקרימט:

— דו ווילסט ניט?

חנה האָט איהם אָנגעקוקט און רוהיג געזאָגט:

— אָלל רייט, איך וועל וואַרטען.

אין דער מינוט איז פון דער אַנדערער זייט זאָל אָנגעקומען דער שעהנער יונגער מאַן, וואס לעווין האָט דעמאָלט געטראָפען ביי חנה'ן. ער איז גלייך געגאַנגען אויף זיי. לעווין האָט איראָניש אַ שמייכעל געטהון און געזאָגט:

— אזוי, וועסט אויף מיר וואַרטען? גוד ביי! — און ער איז אוועק.

VI.

לעווין האָט געזאָגט זיין שוועסטער און שוואָגער, אַז ער האָט אימע־צען געטראָפען און ער מוז אוועקגעהן. די שוועסטער האָט איהם שמייכ־לענדיג אָנגעקוקט, גלייך ווי זי וואָלט זאָגען: מיר ווייסען שוין וועמען דו האָסט געטראָפען.

לעווין האָט חנה'ן געטראָפען ביים ארויסגאַנג. זיי האָבען ביידע שווייגענדיג גענומען ארויסגעהן און זיינען דערווייל הינגעצויגען געוואָרען מיט'ן געדרענג. לעווין האָט חנה'ן געהאַלטען אונטער'ן אָרעם, געפיהלט די ווייכקייט פון איהר האַנד און זייט, און ער האָט דערביי דערפיהלט אַן אנגענעהמע צערטליכקייט און פיינקייט.

אין דרויסען איז דער געדרענג געוואָרען נאָך ענגער: עס האָט זיך בעגעגענט דער ארויסגעהענדער פּובליקום מיט דעם וואס פון גאַס.

לעווין האָט פעסט גענומען חנה'ן פאַר'ן אָרעם און האָט כמעט ווי מיט גוואַלד דורכגעבראָכען די וואַנד פון מענשען, און זיינען ארויס פון געדרענג.

בראָדוויי האָט געלעבט, בראָדוויי האָט געברענט:

טויזענדע עלעקטרישע ליכטער, קאָמבּינירט אויף פערשיעדענע אופנים, האָבען אויסגעדרוקט דעם גייסט פון בראָדוויי און פערוואַנדעלט דער נאַכט, ווען עס הימעל איז אזוי ווי פערפּאַלען געוואָרען, אין אַ ריי־סענדען ליכטיגען טאָג. איבער דעם גאַנצען שטח איז געהאַנגען אַ בלוי־ליכער רויך, וואס איז געקומען געשפּאַרט, פון די נור וואס בעוועגענדע אָטאָמאָבּילען. עס האָט שטאַרק געשמעקט מיט געזאָלין און שטויב און אויך מיט פרישער ווייכער און גלעטענדער פריהלינג לופט, וואס האָט זיך דאָך אהער ארייגעריסען. טויזענדע מענשען געדריקט איינע אין די צווייטע האָבען זיך געצויגען אהער און אהין, און עס האָט אויסגעזעהן, גלייך ווי צוויי אין דער ענטגעגענריכטונג לויפענדע שטראָמען, וואָלטען זיך בעגעגענט.

— חנה, דו ווילסט עסען? — האָט איהר לעווין מיט אַמאָל גע־פרעגט.

— יע.

דער ענטפער האָט לעווין׳ען פערשאַפט פערגעניגען.

— אַלל רייט, מיר געהען.

זיי זיינען אריין אין אַ רייכען רעסטאָראַן.

דער גרויסער זאַל פון רעסטאָראַן איז נאָך געווען האלב ליידיג. דאס נאָך־טהעאטער פובליקום האָט זיך נור וואס גענומען קלייבען. דער גאַנ־צער, שעהן דעקאָרירטער, זאַל איז געלעגען אין אַ ווייכען האלב־ליכט. די, אין שטילע פאַרבען, געמאָלענע ווענד מיט די פעטינקע אמורען און די רוהיגע נאַקעטע פרויען, אויסגעלייגט אין פערשיעדענע מאַלערישע פאָזען, האָבען ווייך און אַנגענעהם אָנגעפיהרט, אין דער האלב־דונקעל־הייט, זייער אונאויפהערליך אייביגען שפּיעל. אין ווינקעל פון זאַל האָט אויף דער קליינער ביהנע געזונגען אַ בלאָנדע מיידעל אונטער די בע־גלייטונג פון פיאַנאָ.

זיי האָבען זיך געזעצט ביים וואַנד. אַ קעלנער איז אויסגעוואַקסען הינטער זייערע פּלייצעס.

— וואָס עסטו, חנה? — האָט לעווין איידעל געפרעגט.

חנה האָט אַזוי ווי ניט ווילענדיג אַ נעם געטהון די שפּייז קאַרטע און האָט געאָרדערט דאס ערשטע אויף וואס איהר אויג איז געפאַלען.

לעווין האָט געאָרדערט ווין און אויך וואס צום עסען.

אין רעסטאראַן האָט גענומען ווערען טומעלדיגער. נאָכאַנאַנד האָבען אריינגעשטרוימט אין זאַל פרישע און בעלעבטע געזיכטער. אַ טומעלדיגע ריידעריי און הילכיגער אויסברוך פון לאַכען האָט זיך געטראָגען איבער׳ן גאַנצען זאַל. די פרויען זיינען געווען ענטציקענד. די לופט ארום האָט געשמעקט מיט פריהלינג, ליעבע און גענוס.

די בלאָנדע זינגערקע האָט מיט געפיהל געזונגען:

If you don't want me
Why do you hang around?

Why do you haunt me just like a haunting melody?
What did I do to you? What did I do to you?
I can't forget you. What am I going to do?
What am I going to do?

לעווין'ען איז זעהר געפעלען געוואָרען דאס ליעד, ניט קוקענדיג אויף די שאַרפע זיסקייט און סענטימענט, וואס ער האָט ווי דעם טוידט פיינד געהאַט. דערהויפּט איז איהם געפעלען געוואָרען די אַרט און ווייזע ווי די לעצטע פראַזע איז אויסגעדריקט געוואָרען, און האָט מיט א קינדערשע אונגעדולדיגקייט געוואַרט ביז וואַנען זי וועט צוריקקעהרען אין דעם צווייטען פערז צו דער זעלבער פראַזע.

— זאָג מיר, חנה, ווי אזוי האָט זיך דיר געלעבט די צייט, וואס איך האָב דיך ניט געזעהען? — האָט לעווין מיט אַמאָל אָנגעהויבען און דערביי האָט ער זיינע אויגען איינגעגעסען אין איהרע, גלייך ווי ער וואָלט וועלען זיך מיט זיי אָנזעטיגען.

איהרע גרויסע העלע אויגען האָבען אָבער רוהיג און גלייכגילטיג געקוקט אויף איהם, און האָט אויך מיט רוהיגען טאָן געענטפערט:

— ווי האָב איך געלעבט די צייט?.. געלעבט ווי נאָך טויזענדע אזוי ווי איך לעבען... און זי האָט מעהר ניט גערעדט.

איצט האָט לעווין דערפיהלט, אז ער ליעבט איהר, ליעבט איהר מיט'ן גאַנצען פייער פון זיין נשמה. און אין דערזעלבער צייט האָט ער דערפיהלט א טיעפען וועהטאָג, יענער וועהטאָג, וואָס געהט האַנד אין האנד מיט שטאַרקער ליעבע.

לעווין האָט אנגעווענדעט פערשיעדענע מיטלען, איהר צו בעוועגען, אז זי זאל וואס ריידען, אָדער פון זיך דערציעהלען. — אָבער זי האָט געשוויגען. געזעסען רוהיג און געקוקט פאַר זיך אין דער טיעף פון זאַל, וועו ניט ווען האָט זי לאַקאָניש געענטפערט אויף אָ דירעקט צו איהר געשטעלטע פראַגע.

לעווין האָט איהר איינגעלאַדען טאַנצען.

זיי זיינען אריין אין צווייטען זאַל, וואו אונטער דעם קלאַנג פון א קליינעם שטרייך־אָרקעסטער, האָבען וואַלסירט איבער גלאַטען פּאַרקעט א צעהנדליג פּאָרלעך.

זיי האָבען געטאַנצט.

טאַנצענדיג האָט ער געפּיהלט מיט די פינגער איהר גאַנצען לייב אונטער'ן זיידענס. מיט אַמאָל איז איהם איינגעפאַלען, אַז ער דאַרף איצטער, אַזוי טאַנצענדיג, מיט די פערליעבטע אויגען, אויסזעהן זעהר נאַריש. ער האָט זיך פערשעהמט.

What am I going to do?
What am I going to do?

האָט זיך איהם אין געדאַנק אָהן אַן אויפהער געדרעהט די פראַזע.

פאָהרענדיג אַהיים מיט דער סאָבוויי, האָבען זיי די גאַנצע צייט געשוויגען. לעווין האָט זיך אַזוי ווי אָהנמעכטיג געפיהלט קעגען איהר. ער האָט נאַרנישט געקענט טהון.

קוקענדיג אויף זיין שטייגער אויף די פערשיעדענע אַנאָנסען, וואס ציהען זיך אויסגעבויגען ווי א שליאַק ביי די ווענד פון טריין, האָט ער זיך מיט אַמאָל דערמאָנט אַן פריעדאַ'ן, און אָן יענעם אַבענד, ווען זיי זיינען אַזוי ווי איצטער, אויך געפאָהרען פון דער אָפּערא. און פונקט ווי דעמאָלט האָט איצטער דער איטאַליענער באַרבער מיט'ן ספּעציפישען שמייכעל מיט די אויפגעשטעלטע ליפּען, האַלטענדיג אין איין האַנד א פלעשעל רויטליכען טאָניק, מיט דער אַנדערער האַנד אויפגעדריקט די צוויי פינגער, אַזוי ווי ער וואָלט דאַרטען האַלטען א שמעק טאַבאַק, פאַרגעשלאָגען דעם קונד אויפ'ן שטוהל א האַר־טאָניק. און זיין זיסער שמייכעלע האָט אַזוי ווי גערעדט: דזשאַסטאַ גוד, דזשאַסטאַ פיין.

לעווין האָט מיט א מאָדנע איינגעשפּאַרטקייט געקוקט אויף דער אַנאָנסע. און עס איז איהם אויסגעקומען זעהר זאָנדערבאַר צו טראַכטען, אַז די אונבעדייטענדע נאַרישע אַנאָנסע, האָט אויך זיך אריינגעריסען אין זיין לעבען און עפּעס דאַרטען אויסגעשפּילט... און עס איז דאָך פּאַרט אַזוי געוועזען! דעמאָלט האָט ער דאָך אויך אויף איהר געקוקט!...

וואו איז איצטער פריעדא? — האָט זיך איהם מיט אַמאָל אַזוי ווי א פרעג געטהון.

ער האָט זיך איצטער שאַרף דערמאָנט; און יענע נאַכט איז פאַר

איהם אין זיין זכרן פריש ארויסגעשפרונגען. ער האָט דערפון ניט גע־וואָלט טראַכטען.

אָבער וואו איז איצטער פריעדא? — האָט איהם אזוי ווי אימעצער געפּערעגט.

איהם האָט זיך אין דער מינוט אויסגעדוכט, אַז אימעצער פרעגט איהם דאס, ער האָט זיך ניט ווילענדיג ארומגעקוקט.

קיינער האָט איהם ניט געפרעגט: אנטקעגען איהם און ארום איהם זיינע געזעסען מענשען, וואס ער האָט זיי גאָרניט אינטערעסירט, און געקוקט האָבען זיי אויף איהם, נור דערפאר, ווייל ניט קוקען איז געווען אונמעגליך.

„א טריין גלייכגילטיגקייט ציהט זיך", — איז איהם איינגעפאַלען, און איהם איז געוואָרען אזוי אומעדיג, אזוי שווער, אַז עס האָט איהם פערדראָסען, וואס ער לעבט גאָר.

ביי דער טהיר פון חנה'ס הויז, ביים געזעגנען זיך האָט איהר לעווין מיט אמאָל געפרעגט, אויב זי וואָלט וועלען ווערען צוריק זיין ווייב.

חנה האָט געמאכט א מינע, אזוי ווי די פּלוצלינגע פראגע וואָלט איהר גאָרניט איבערראַשט, און האָט שמייכלענדיג געזאָגט:

— ווערען צוריק דיין ווייב. — איך ווייס ניט, אויב דו אליין ווילסט דאס ערענסט....

— וואס מיינסטו, איך וויל דאָס ערענסט?

— שטעל די פאָר, אַז פאר דער צייט, וואס איך בין פון דיר אוועק, האָב איך געהאַט פערהעלטניסע מיט צוויי מענער, — האָט זי ערענסט געזאָגט און דערביי געהיט זיין אויסדרוק פון געזיכט, וועלכער האָט זיך אזוי ווי פון שארפען וועהטאָג גענומען אויפקארטשען.

— עס קען ניט זיין, עס קען ניט זיין!.. דו זאָגסט א ליעגען! — האָט ער ווילד אויסגעשריען און איהר אָנגעכאַפּט פאר'ן האַנד.

— גוד נייט! — האָט זי שארף געזאָגט און בעפרייט איהר האַנד פון דאס זייניגע, און גלייך פערשוואונדען אין דעם דונקלען קאָרידאָר.

לעווין איז געבליבען שטעהן א צוטומעלטער. ער האָט ניט געקענט בעגרייפען, וואס דאָ איז נור וואס געשעהען. דער וועהטאָג ביי איהם אין הארצען איז געוואקסען און איהם אָנגעשפּארט אין האַלז. עס האָט איהם געשטיקט.

— מיין גאָט, איז דאס מעגליך! — האָט ער זיך אליין געהערט זאָגען

ער האָט מיט אמאָל גענומען לויפען, לויפען ווי א ווילדער. עס האָט זיך איהם געוואָלט טהון וואס שרעקליכעס; ווען ער האָט איהר איצטער נעבען זיך, וואָלט ער איהר מיט די בלויזע פויסטען דער׳הרג׳עט

ער האָט זיך מיט אמאָל אָבגעשטעלט און זיך געפרעגט:

— איז זי אויף אייביג פאר מיר פערלאָרען?

איהם האָט זיך געוואָלט וויינען.

VII.

אויף מאָרגען איז לעווין אוועק אין שאַפּ און האָט מיט'ן שוואָגער געהאַט א קאָנפערענץ, ווי אַזוי אָנצופיהרען די ביזנעס, נאָך די רעפאָרמען, וואָס ער, לעווין, האָט געוואָלט אריינברייננגען.

דער פריהלינג סיזאָן האָט זיך שוין געענדיגט און מען האָט זיך שוין גערארפט נעהמען גרייטען צום ווינטער סיזאָן. לעווין האָט דורכאויס געוואָלט, אַז דער שאַפּ זאָל פערגערעסערט ווערען, עס זאָלען נאָך אריינ־גענומען ווערען א צעהנדליג מאשינען און אַן ערשטע קלאַס דעזיינער, און אין אַלגעמיין זעהען צו פערגרעסערען די ביזנעס אויף א גרויסע מאָס.

דער שוואָגער האָט זיך אַלץ געקוויינקעלט: ער איז געווען א מענש א רוהיגער, ניט קיין אונטערנעהמער. ער האָט זיך בענוגענט מיט די ביזנעס אין דער מאָס, ווי עס איז איצטער געווען געפיהרט. אָבער צום סוף האָט ער נאָכגעגעבען. ער האָט ניט געקענט ביישטעהען לעווין'ס איינגעשפּארטקייט.

אין אַלץ, וואס לעווין האָט איצט אונטערגענומען איז געלעגען א מין פערביסענע ענטשלאָסענהייט מיט א גלייכען און זיכערען טריט פאָר־ווערטס, גלייך ווי ער וואָלט זיך אונטערגענומען צו דערגרייכען, אום אַלע פרייזען אין דער וועלט, דעם געוויסען ציעל, וואס איז פאר זיינע אויגען געשטאַנען.

— ווי זיינען דיינע בעציהונגען צו די ארבייטער? — האָט לעווין מיט אמאָל געפרעגט דעם שוואָגער, נאָכדעם ווי ער איז דורכגעגאַנגען דעם גאַנצען שאַפּ און בעטראַכט אַלץ מיט א פעדאַנטישע פינקטליכקייט.

— זעהר גוטע, — האָט דער שוואָגער געענטפערט.

— און וואס איז מיט דער יוניאָן?

— גאָרנישט, — מען באַדערט מיך ניט.

— מאַכען די ארבייטער דאָ א גוטען לעבען?

— איך ווייס ניט, וואס דו מיינסט „א גוטען לעבען“, — האָט דער

שוואַגער אויף איהם מאָדנע געקוקט. — איך ווייס אז זיי זיינען צו־פריעדען.

— אָלל רייט !..

צו דער זעלבער צייט האָט ער חנה'ן געשריעבען, און איהר געבעטען, אז זי זאָל איהם ענטפערען, וואו ער קען איהר זעהן, פילייכט דעם לעצטען מאָל.

חנה האָט איהם געענטפערט, אז זי וועט זיין דעם אבענד אליין אין הויז. ער קען קומען.

און אָט האָט זיך פאר איהם ווידער געעפענט די טהיר. און אָט איז ער ווידער אין דעם זעלבען צימער. אָבער פון וואס הויבט מען אָן צו ריידען ?

נאָך א אנגעשטרענגטע און ניט נאַטירליכע איבערוואַרפען זיך מיט די געוועהנליכע פראַזען, האָט לעווין מיט אמאָל אָנגעהויבען.

— דו ווייסט, חנה, אז איך ליעב דיך !

חנה האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אז זי ווייס.

— דו ווייסט, אז איך בין געקומען אהער, נאָך זיעבען יאָהר, עקסטרא צוליעב דיר ? — האָט ער ווייטער גערעדט, — דו פילייכט ווייסט דאס ניט, אָדער עס לוינט דיר ניט צו וויסען ; אָבער פאר מיר .... פאר מיר ...

— ער האָט זיך אָנגעשטעלט און ניט געוואוסט מיט וואס צו ענדיגען

— אָבער צו וואס פיהרט דאס אלץ ? — האָט זי אזוי ווי אונגע־דולדיג געפּערגט.

— עס פיהרט דערצו, — האָט זיך לעווין געכאַפּט, אז איך פון מיין זייט, האָב אָן דיר ניט פערגעסען און געדענקט פון דיר, פילייכט די גאַנצע צייט ... איצטער פרעג איך דיך, זאָג מיר דעם אמת, צי האָסטו פון מיר אויך געדענקט ?..

— פילייכט.

לעווין האָט איהר שאַרף אָנגעקוקט, און האָט דערביי ארויסגענומען א סיגארעט און פעררויכערט.

פילייכט, זאָגסטו, — האָט לעווין געלאזט גאַנצע וואָלקענס רויך. — יע, דאס איז זעהר קורץ : מיר האָבען זיך איינפאַך געביטען מיט די ראָלען : מיר מענער ריידען היינט אם מעהרסטען.

חנה האָט געשמייכעלט.

— דו רויכערסט גוטע סיגאַרעטען, — האָט זי מיט אמאָל געזאָגט, — איך גלייך דעם רויך ...

— יע, גוטע סיגאַרעטען ... רויכערסטו פיליכט? — האָט ער איראָניש געפרעגט.

— דערווייל, נאָך ניט.

זיי האָבען געשוויגען.

לעווין האָט דער ערשטער אָנגעהויבען:

— נאָכדעם, חנה, ווי איך בין צו דיר געקומען, זיך מיט דיר פערינטערעסירט, — דו אָבער ביזט געבליבען אונגעריהרט, וואס דאס איז דיין רעכט, געוועהנליך .... איך האָב דיר געמאַכט א פאָרשלאָג, און דו האָסט איהם אויף א בעזונדער אופן צוריקגעשטויסען .... היינט, וואהרשיינליך, זעה איך דיך דעם לעצטען מאָל; און וואס עס זאָל מיט אונז טרעפען, זאָלען מיר איינע צו די אַנדערע ניט האָבען — אבסאָלוט פרעמדע מענשען !..

חנה האָט אויפגעהויבען די האַלב פערדעקטע אויגען, אויף איהם געלאָזען רוהען איהר שטרענגען, אָבער אין דער זעלבער צייט אויך מילדען, קוק. דערנאָך האָט זי נור געפרעגט:

— אָבער צו וואס רעדסטו דאס אַלץ?

לעווין האָט א ציה געטהון מיט די אַקסלען און געזאָגט:

— איך ווייס אַליין אויך ניט ...

ווייטער האָבען זיי געשוויגען.

— חנה, — האָט לעווין ווידער דער ערשטער אָנגעהויבען, — זאָג מיר דעם ריינעם אמת ... — דאָ האָט ער זיך אויף א ווייַלע אָבגעשטעלט, אזוי ווי ער וואָלט א טראַכט טהון פון וואס עפּעס ניט אונאַנגענעהמעס, דערנאָך איז ער ווייטער אָנגעגאַנגען ... — זאָג מיר צי עס האָבען עפּעס א גרונד יענע ווערטער, וואס דו האָסט מיר געזאָגט, דאָ ניט לאַנג, פאַר דער טהיר פון דיין הויז?

— וועלכע ווערטער?

— דו געדענקסט ניט?.. דו האָסט געזאָגט, אז פאַר דער צייט, וואס איך בין דאָ ניט געוועזן האָסטו געהאַט צוויי געליעבטע ...

חנה האָט איהם אָנגעקוקט.

יע, איך האָב געזאָגט ....

— איז דאס אמת?

— יע, אמת, — האָט זי שוואַך ארויסגעזאָגט.

לעווין האָט גאָרנישט געזאָגט. ער האָט נור, גאָט ווייסט פאר וואס, גענומען וואס אויספייפען. און אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך גע־פיהלט א שאַרפען וועהטאָג.

חנה האָט אויף איהם געקוקט פון דער זייט, און איהם בעטראַכט: זיין געזיכט איז געווען רוהיג און האַרט. עס האָבען נור די אויגען אונ־היימליך פאר זיך איינגעשפאַרט געקוקט.

— לעווין, איך האָב דיך בעליידיגט? — האָט מיט אמאָל חנה געפרעגט.

— מיך בעליידיגט?.. איך ווייס ניט.... און ער האָט אקוועטש געטהון מיט די אַקסלען.

— זעהסט, אז דו האָסט אפילו קיין מוּטה צו זאָגען, אז דאס האָט דיר בעליידיגט, — האָט חנה מיט אמאָל אָנגעהויבען און איהרע אויגען זיינען גרעסער געוואָרען. — אָט דאס זייט איהר מענער—א גאַנצער באַנטש פייגלינגע... זי האָט מיט פעראַכטונג געקוקט אויף לעווין׳ען.

לעווין האָט זיך אויפגעהויבען.

— דו געהסט?

לעווין האָט אָנגעטהון די הוט:

— גענוג.

— וואַרט, נאָך א פאָר ווערטער. — איז חנה׳ס שטימע געוואָרען ווייכער און שוואכער.

— מיר זיינען פרעמדע מענשען, חנה.

— ניין, ניין, ניט קיין פרעמדע מענשען! — האָט חנה כמעט מיט א ווילדען האַסט אויסגעשריען. — עס קען ניט זיין, עס קען ניט זיין... איינמאָל מאַן און ווייב... אויף אייביג, אויף אייביג... נאַ דיר א בעוויז!.. זי איז צו איהם צוגעלאָפען, איהם ארומגעכאַפּט ארום האַלז און דערלאַנגט צוויי מאָל א קוש אין מויל.

לעווין איז געשטאַנען א צוטומולטער. ער האָט די קושען ניט געפיהלט, אָבער ער האָט געוואוסט, אז זי האָט איהם נור וואס גע־קושט. איהרע אויגען האָבען איצטער גלייך אויף איהם געקוקט און ער האָט אין זיי געזעהען א גאַנצע וועלט. ניין, אָבער דאס זיינען ניט

זיינע אויגען. מיט די זעלבע אויגען האָט זי אויף אַנדערע געקוקט... און אַט שפּיגלען זיך אין זיי אָב איהרע געליעבטע... יע, יע, אַנאַ זיינען זיי! — און ער האָט דערפיהלט א שרעקליכען וועהטאג און בענקעניש.

— זעטץ זיך, לעווין, — האָט איהם חנה געבעטען. — איצטער הער מיך אויס.

לעווין האָט זיך אראָבגעלאָזען אויפ׳ן שטוהל. די הוט האָט ער נערוועז געקנייטשט צווישען די פינגער.

חנה האָט זיך איינגעזעצט אויף איהר פריהערדיגען פּלאַץ, האָט זיך אָנגעשפּארט אָן ווענטעל פון שטוהל, און האָט אָנגעהויבען:

— פאַראַן זאכען, וואס מיר, אלס פרוי, איז שווער צו פערשטעהן ביז היינטיגען טאָג. אין איינע פון די זאַכען איז: די רעכט פון מאַן...

ביי די ווערטער האָט לעווין געמאַכט אַן אונגעדולדיגען פּאַך מיט דער האַנד און ער האָט זיך אויפגעהויבען.

— גענוג, גענוג, חנה, איך וויים וואס דו וועסט זאָגען, — האָט לעווין גיך גערעדט. — מעגליך, אז דו ביזט גערעכט, אָבער ס׳איז דאָך פּאָרט ניט אזוי....

— זעטץ זיך ,לעווין, — האָט איהם חנה געבעטען.

לעווין האָט זיך צוריק געזעצט.

— דו האָסט מיר פריהער געפרעגט צי איך האָב געדענקט פון דיר די גאַנצע צייט, — האָט חנה אָנגעהויבען מיט אזא טאָן, אזוי ווי מען קלייבט זיך צו צו דערצעהלען עטוואס פּאַטעטישעס. — יע, זאָג איך דיר איצטער, איך האָב פון דיר זעהר פיעל געדענקט.... דאָ האָט זי זיך אָבגעשטעלט און געקוקט מיט רוהיגע אויגען אויף לעווין׳ען.

— אָבער, חנה, אַט דאס וואס דו האָסט געזאָגט וועגען די געליעבטע, איז דאָך א ליגען?... האָט לעווין, מיט וועהטאָג אין הארצען און ביטערקייט אין טאָן, געזאָגט.

חנה האָט זיך פערטראַכט...

— ניין, ניט קיין ליעגען, — האָט זי מיט בלייכע ליפּען קוים ארויסגערעדט.

לעווין איז אויפגעשפּרונגען. ער האָט זיך געכאַפּט פאר׳ן קאָפּ און האָט גענומען געהען איבער׳ן צימער הין און צוריק.

מיט אמאָל איז ער געבליבען פאר איהר שטעהן, און האָט מיט ווילדען האס אויף איהר אַ קוק געטהון, זי אָנגעכאַפּט ביי דער האַנד און שטאַרק גענומען דריקען. און פון צווישען די ציינער האָבען זיך ארויסגעריסען אונפערשטענדליכע האַלב געהאַקטע פראַזען:

— הא, מיט איהם... זאָג, וואס שווייגסטו!.. הא, געליעבט, גערדריקט צו דיין ברוסט... שטאַרק געליעבט!... זאָג, זאָג!...

חנה האָט ניט פּראָטעסטירט, זי איז געזעסען רוהיג און האָט מיט פולע אָפענע שטילע אויגען אויף איהם גלייך געקוקט. איהר קוק האָט גערעדט: דריק, דו באַרבאַר.

לעווין האָט בעגעגענט איהר שטילען קוק. און ער איז געבליבען שטעהן ווי פערגליווערט. ער האָט איהר אָבגעלאָזען די האַנד און האָט שטיל גענומען געהן צום טהיר.

חנה האָט איהם נאָכגעקוקט. אין דער מינוט האָט זי פון קיין זאַך אין דער וועלט ניט געטראַכט. זי האָט געפיהלט אַ מאָדנע גלייכגילטיגקייט צו אַלץ אין דער וועלט, אָבער אין דער זעלבער צייט אויך אַ טיעפען שמערץ... זי האָט געזעהען, ווי דער יעניגער, וואס האָט איהר לעבען פון אָנהויב אָן אַ וואונד געטהון אָן אַ זייט, אָט דער יעניגער, וועמען זי ליעבט איצטער פערשווינדט, פערשווינדט אונבעשטראָפט, און זי קען איהם ניט אָבהאַלטען...

מיט אמאָל איז זי אויפגעשפּרונגען און האָט מיט פערצווייפלונג אין טאָן געפרעגט:

— לעווין, וואוהין געהסטו?

לעווין האָט געפיהלט, אַז זיינע פיס ווערען איהם שווער און זיין האַרץ שוואַכער. און אָט ווערט געבוירען אַ שאַרפער פערלאַנג צו צו געהן צו איהר און נעהמען איהר אין די אָרעמס, גלעטען, קושען איהר און זאָגען, אַז ער ליעבט איהר מעהר ווי אַלץ אין דער וועלט, מעהר

ווי זיין אייגענעם לעבען. און ווייטער האַלטען איהר אין די אָרעמס און צערטלען און שעפּטשען איהר אין אויער ווייכע און סענטימענטאַלע פראַזען, אַזוי, אַזוי ביזט אין דער אייביגקייט אריין.

און אָטאָ האָט ער זיך אָבגעקעהרט און געהט דאָכט זיך צו איהר. אָבער פּלוצלינג האָט אַ געדאַנק איהם אַ שלאַג געטהון און ער איז גע־בליבען ווי אַ צוגעשמידטער שטעהן מיט אַ האַלב אויפגעעפענטען מויל און מיט ווילדע אויסגעטאַרטשעטע אויגען.

מיט אַמאָל איז ער צוגעלאָפען צו חנה'ן איהר אַ קוש געטהון אין שטערען און איז פערשוואונדען.

נאָכדעם ווי לעווין איז פערשוואונדען איז חנה געשטאַנען ווי אַ פער־גליווערטע אויף דעם זעלבען פּלאַץ און פאָזע אַ היבשע ווײַלע און געקוקט צום טהיר, וואו לעווין איז פערפאַלען געוואָרען, גלייך ווי זי וואָלט וואַרטען און האָפען, אַז אָט, אָט עפענט זיך צוריק די טהיר און ער קומט אריין. די טהיר האָט זיך נישט געעפענט, לעווין איז ניט געקומען, און זי איז צוגעגאַנגען צום טיש, זיך אַראָבגעלאָזען אָהנמעכטיג אויפ'ן שטוהל, איינגעגראָבען דעם קאָפּ אין איהרע אָרעמס און האָט שטיל גע־נומען וויינען.

ווי לעווין איז נור ארויס אין דרויסען, אַזוי האָט ער גענומען לויפען, גלייך ווי ער וואָלט מורא האָבען פאַר זיך אַליין, אַז אָט קעהרט זיך אום. לויפענדיג האָט ער צו זיך אַליין גערעדט אַזעלכע אונפערשטענדליכע פראַזען, און ער האָט געמאַכט מיט די הענד, אַז די מענשען וואָס האָבען זיך איהם בעגעגענט אויפ'ן וועג האָבען איהם פערדעכטיגט אָנגעקוקט.

— גע'פּטר'ט אַן עסק, אַ סוף און אַן עק!... האָט ער עטליכע מאָל איבערגע'חזר'ט. פאַרטיג, פאַרטיג.

ער איז אריין אין פּאַרק און האָט זיך אַ מידער אַראָבגעלאָזען אויף אַ באַנק און גלייך אריינגעקוקט אין דער שוואַרצער טיעפעניש פון פּאַרק, וואו דאָ און דאָרט האָבען אין אונאָרדנונג ארויסגעשיינט בלייכע פייערלעך.

צו דען הויבט זיך ערשט דאס לעבען אָן מיט צוויי און דרייסיג יאָהר, אָדער עס ענדיגט זיך שוין ביי דעם?

די פראַגע, כאָטש ניט מיט ווערטער געפרעגט, איז אָבער איצטער טיעף געלעגען אין זיין בלוט. ער האָט געאַהנט, אָנגעטאפּט מיט דער נשמה, און א טיעפער טרויער האָט איהם ארומגעכאפּט.

ניין, עס פאנגט זיך ערשט אָן. — און אָט שטעהט דער טויער, וועלכען ער האָט דערווייל אויסגעקליבען. ער וועט געהן אָנקלאפּען:

נעהם צו לעבען דיינעם א קינד!...

לעווין האָט אָנגעקלאפּט.

י. ראָלניק:

1) ליעדער

2) האפיז (א סעריע).

אנמערקונגען צו דער סעריע „האפיז“.

זייטע 11. האפיז, אַ פערזישער דיכטער, געלעבט אין דעם פערצעהנטען יאהרהונדערט.

זייטע 11. סאקי, דער אבגעגעסענער זעלבסט־צופריעדענער וויין־שענקער.

זייטע 11. סאהיד, דער גאָטס־סטראפציע.

זייטע 16. אין „בוך“ — אין „קאָראַן“.

זייטע 22. שיראז, די שטאָדט וואו האַפיז האָט געלעבט.

.1

איך דארף ניט פיעל. אַט הער מיך אוים:
איך וויל אַ שוועסטערליכען שוים
וואו איך זאָל מיין קאָפּ אויסרוהען
נאָך פוסטע וואגלעניש און מיהען.

איך וויל פון צייט צו צייט אַ שטראהל
זאָל אויף מיין סטעזשקע טהאָן אַ פאַל
און גאַנצע שיך ווען עס וועט רעג׳נען;
איך זאָל קיין גלח ניט בעגעג׳נען...

איך זאָל צו פריה ניט ווערען מיעד...
גיעב יעדען טאָג אַ נייע ליעד
און יעדע נאכט אַ נייעם חלום —
און איך וועל זיין מיט דיר אין שלום.

.2

אין לייברערי.

אַ בוך אין האנד. דעם ראדיאייטאר׳ם
דאמפף־ווייל אויף די ברעמען ליעגט,
אַ לייכטער טראב פון גאס דערטראָגט זיך,
עס שלעפערט מיך. בין האלב פערוויעגט.

עס שלעפערט מיך. ווי דורך אַ לייווענד
איינטאָניג טריעפען ווערטער, רייד —
אַ בחור מאכט זיין „גרעמער־לעסאָן״,
ער זשומעט פאר זיך שטילערהייד — —

עס שלעפערט מיך. אָן אָבגעצעהרטע
פון פענסטער קומט אריין די גאַס ;
די קינדער׳ס גרילצענדע געשרייען,
פערנעבלען זיך אי ווייך, אי בלאַס.

און האַלבע טענער, בלייכע פארבען,
פערוויקלען מיך אין טרוים און רויך ;
א בוך אין האַנד, די קולות שטאַרבען,
אי ווייט, אי נעבעלדיג, אי ווייך — — — —

.3

אין לייברערי. אין וואכעדיגע מיטאָג שטונדען,
ווי אין דער נאַכט א צעהנדליג יונגע, אַלטע לייט
שלאָפט ביי א לאַנגען, געלען טיש. נאַכלעסיג הענגען
די לאַנגע ניט־פערקעמטע האָאר זיי אויף א זייט.

איין טרוים דערוואַרימט האָט צעהן אָבגעקיהלטע הערצער ;
און פון פערלעגטע נעזער צעהן איין שנאָרכען געהט.
און פון די הויכע ווענד א גרופּע נאַק׳טע געטער
האָט גנעדיגליך פאַר זיי א הארעם אויסגעשפּרייט.

זשורנאַלען אויפגעבלעטערטע : אויף פּליוש דיוואַנען
דאָ קושט דער הערר זיין שקלאַפין, דאָרט א יונג־פרוי רוהט.
ערשט פון דער באָד... איהר גאַז די רויטע זשיראַנדעלען
מיט פּורפּור שיין פערגיסען ווי מיט רויטע בלוט.

אין וועג פערנעהמענדיג די אַלט־געוואָר׳נע בלעטער
מיט דראָבנע טריט קומט די לייברעריען צוגעהן, —
פון שלאָף דערהערט האָט איינער איהרע מיידעל־שיכלאַך
און זיך צושמייכעלט מיט די ווייסע, שאַרפע צייהן...

4.

אויפ'ן הינטער־הויף.

אויפ'ן הינטער־הויף דער עקאָנאָם
מיט אויגען אויפגעפלאַמט און גרויס
און ציטערנדיגע קניע, שטעהט אַנגעבויגען
צו א מעלקערינס צושפּרייטען שויס.

ער אטהעמט אָבגעהאַקט, און גיעט
א קניעפּ דער מיידעל אין א ווייכען אָרט.
און זאָגט א צווייטער, גאָר ניט נאָך זיין ווירדע,
אַן אומגעלומפּערטען, פערשייטען וואָרט.

און צו דער ווייטער, בלאָהער סקירדע
גיעט זיך זיין הארץ א בויג, א ריס...
די שיקסעס לאַכען זיצענדיגע
ביים דר'ערד מיט ברייט צושפּרייטע פיס.

5.

ווינטער־פרעסט ציהען זיך ווייסע.
פענסטער פערוואקסען, פערשנייט,
שטוהלען און ווייכע פאטעליען
איבער דער סאליע צוזעעט.

קנאקען אין אויוען די שייטלאך
נאסע — אָט ערשט פון דעם שנעע;
שווארץ איז דער פייער געוואָרען
מעסטענדיג כחות מיט זיי.

ליכטיגער, טונקעלער ווערט עס,
שרפות באדעקען די ווענד.

זיצט זי ביים פלאָם. אויף די קניען
גליהענדע בלוט־רויטע הענד.

הין און צוריק לויפט דאָס קעציל.
שפיעלט מיט'ן זוים פון איהר קלייד;
הערט ניט דאָס מיידעל — זי זעהט נור
הענטלאך, ווי בלוטיגע, רויט.

.6

איך האָב געדולד. די שעה'ן קריכען;
איין שעה איז צו דער צווייטער גלייך.
פון שעה'ן ווערען טעג און וואָכען —
איין גרויסער, מוטנער, שווערער טייך.

איך רוף צו דיר. איך שריי דיין נאָמען
אוים אין דער שטילער צימער נאכט.
דאָך ווייס איך ניט — האָב איך גערופען
צו דאָס האָט זיך מיר נור געדאכט?

דו ביזט מיר פרעמד. איך האָב פערגעסען
ווי דו האָסט דעמאָלט אויסגעזעהן.
אין וועלכען לאנד? פאר וועלכען קעניג
דאָס איז געשעהן? צו איז געשעהן?

איך האָב געדולד. די שעה'ן קריכען
איין שעה איז צו דער צווייטער גלייך.
איך רוף צו דיר. איך הער דיין נאָמען
פערזינקען אין דעם גרויסען טייך.

7.

דער פייער ברענט. עס וואַכט די טהיר.
איך זיץ און ווארט, דאָך ניט — אויף דיר;
א צווייטע וועט מיין שוועל בעטרעטען
און שווייגענדיג א לאַסקע בעטען.

זי וועט ניט קוקען מיר אין אויג.
וועט פלאַטער'ן ביי מיין יעדען בויג...
איך וואָלט די שעה און גאָר מיין לעבען —
פאר דיין איין־רויט־ווערען געגעבען.

מיין נייע טהיר זי קען דיך ניט,
מיין צימער קען ניט דיינע טריט,
נור — וואָלסטו אויף מיין טהיר געקלונגען,
וואָלט זיך דער שטומער דיל צוזונגען.

איך וויים — אויף אייביג ביז'ן טוידט
האָט אונז א פרעמדע האנד צושיידט;
דאָך טהוט מיין נאריש הארץ אלץ פרעגען
צו וויים דאָס בלוט? פון ועמענס וועגען?

צו דארף מיין בלוט דען האבען גאָט?
מיין ווארים הארץ ווער נויטיג האט?
צו וואָס דער איבעריגער קרבן?
פאר וואָס איז פריה מיין פרייד געשטאָרבען?

דער פייער ברענט. עס וואַכט די טהיר.
איך זיץ און ווארט, נור ניט — אויף דיר...
עס דאַכט זיך מיר: דו האָסט געקלונגען,
די גאנצע הויז האָט זיך צוזונגען.

8.

א שומר איבער פרעמדע אוצרות.
פון פרעמדען גליק א טרייער היטער;
אליין איז ער אי הויל אי נאקעט
אין קעלט אין רעגען און געוויטער.

שלאָפט רוהיג, שלאָפט ביי אייער וועכטער
פון האנד דער האמער וועט ניט פאלען.
שלאָפט רוהיג אין דעם וועכטערס פליעגעל
און דער לבנה׳ס ווייכע שטראהלען.

ווען נאָך א פעטען, שווערען מאָהלצייט
לויפט שלאָף און רוה פון אייערע בעטען
דאן רופט צו איהם, דעם וואכעדיגען,
ער זאָל אייך איי׳רע שקלאפען רעטען.

ער זאָל צו אייער בעט זיי שמיעדען
מיט זיסע ליעדלאך און געזאנגען.
און ער, פון פרעמדען גליק דער היטער,
ער וועט אייך טהאָן אויף דעם פערלאנגען.

9.

דעם צדיק׳ס וועגען זיינען זיכער.
דער רשע שטרויכעלט נאָכאנאנד;
ווי כוואליעס אונטער איהם זיך וויעגען
די בערגלאך און דאָס פלאכע לאנד.

דעם צדיק׳ס שלאָף פערגעהט אין פריעדען
נור פול מיט שרעק דעם רשע׳ס נאכט:

ביים בעט צועפּענט זיך אָן אָבגרונד;
ער ליעגט די גאַנצע נאַכט און וואַכט.

און וואָס ער טהוט און ווי ער האַנדעלט
איהם דוכט זיך אַלץ — ער האָט געגרייזט.
דעם צדיק'ס טראַט איז פעסט און זיכער —
ביים זייט אַ גוטער מלאך שפּרייזט.

.10

עס געהען די גוים אין קלויסטער,
עס לויפען די אידען אין שוהל;
מיט קניהער און בעטער און ווײנער
די הייזער פון גאָט זיינען פול.

און גאָט האָט זיין ליכטיגען פּנים
נאָך אַלץ ניט בעוויזען צו זיי,
און האָט מיט קיין איינציגען צייכען
דערווייל ניט געלינדערט דעם וועה.

דאָך לייגען די מענשליכע קינדער
די האָפנונג און טרויסט נאָר אויף דיר, —
באַשער מיר, רבונו של עולם,
כאָטש קושען דעם שוועל פון דיין טהיר.

.11

איך געה שוין לאַנג ארום אין לאַנד
דער וועג איז מיר שוין צו בעקאַנט,
איך ווייס וואו ער איז ברייט, וואו שמאָל,
נאָך יעדען באַרג קומט באַלד אַ טהאָל.

עס לויפט די פוס אַליין פון זיך,
און יעדע רויז האָט ארום זיך,
אַן עהרען־וואַך, אַ דערנער־וואַנד —
דאָך קומט זיי ביי די פלינקע האַנד.

איך האָב אַ שפּרוך־וואָרט פאר די הינט,
און אבנארען קען איך דעם ווינד,
און וויים וואו ס'איז אַ נאַכט־פּלאַץ דאָ,
ווען ס'קומט די קאַלטע שטערען־שעה.

דער נאַכט־הינט בילט צוערשט אויף מיר;
דאָך נאָכדעם עפענט זיך די טהיר,
עס וואַרט אויף מיר די זיסע רוה
און אָפּטמאָל — זיסערעס דערצו.

און מאָרגען ווידער אויף די פיס —
ווי לאַנגווייליג, אָ, גאָט, דאָס איז:
צו מעסטען טאָג ביי טאָג דאָס לאַנד
און זיין מיט יעדען טריט בעקאַנט.

.12

אַ ברייטען, גרינעם פעלד. זיך אויסשטרעקען
און צומאַכען די אויגען לאַנגזאַם, פעסט;
די רעכטע האַנד פערוואַרפען צו דער שטאָדט,
די לינקע אויפ'ן ברוסט און אָטהעמען
אי טיעף, אי הויך און ניט געאיילט,
און הערען ווי דער ווינד געהט אויף די האָאר ארום,
און ווי אין אויער זינגט דער הונדערט־גאַסען שום,
און זיין אַליין... אַליין... ווייל כ'בין געוועזן מיט זיי...

האַפּיז.

האַפּיז'ס ליד אויף יעדענס ליפּען,
האַפּיז'ס בוך אין יעדער שראַנק;
האַפּיז'ס לידער ברייַנגען היילונג
דעם, — וואָס איז פון ליבע קראַנק.

וואו איז סאַקי הינגעקומען, —
דער גאָטספאַרכטיגער סאַהיד?
ניט פערגעסען נור איז האַפּיז,
ניט פערקלונגען — האַפּיז'ס ליד.

* * *

סאַקי שטעהט און צאַפּט ביים פּעסעל.
רויטער וויין אין קריגלאַך פּליעסט;
האַפּיז בעטעלט מיט די אויגען,
האַפּיז בעטעלט — נור אומזיסט...

געהט מיט ווייב און קינד שפּאַציערען
דער געלעהרענטער-סאַהיד —
יעדער שפּאַן איז אָבגעמאָסטען,
אָבגעוואויגען יעדער טריט.

האַפּיז שפּיעלט זיך מיט אַ לעערען
רויטען קריגעלע פון וויין;
אויף די גראָבע שענק-שטוב מיידעל
וויל צו איהם ניט פריינדליך זיין.

קלוג געלעבט און קלוג געפיהרט זיך
האָבען סאַקי און סאַהיד;

נאָכאנאנד געגרייזט האָט האפיז
און געשטרויכעלט טריט אויף טריט.

און געעלטערט זיך אין פריערדען
האָבען סאקי און סאהיד.
אומגעוואָגעלט, אומגעוואלגערט
האָט זיך האפיז מיט זיין ליעד.

גאָלד'נע רענדלאך און מוליארעס
האָבען אוהל'ס אויפגעשטעלט
אויף סאהיד'ס און סאַקי'ס קברים —
האפיז שלאָפט — אין מיטען פעלד.

* * *

האפיז'ס ליעד אויף יעדענס ליפען,
האפיז'ס בוך אין יעדען שראנק;
האפיז'ס ליעדער ברײנגען היילונג
דעם — וואָס איז פון ליעבע קראנק.

.1

פערזיעגעל, סאַקי, ניט די פאס;
לאָז אָפען שטעהן. און ווער עס וויל
זאָל צוקומען און אָנגיעסען
און טרינקען, טרינקען פיעל ער וויל...

דער וויין אין הונדערט יאָהר ארום
וועט שטארקער נאָך און בעסער זיין;
דאָך ווער פון אונז די דאָרשטענדע
און לעכצענדע, זאג, ווער וועט זיין?

און דו, אויך דו וועסט זיין מיט אונז,
אין אַנגעזיכט פון בייזען גאָט.
מיט וואָס וועסט זיך פאַרענטפערען
פאַר דיין שמאָל־האַרציגקייט פאַר גאָט?

2

וואָס מאַכט עס אויס וואָס איך זאָל טרינקען —
צו רויטען וויין צו אָבפאַל שווארצען?
אָ, ניט אין קריעגעל ליעגט די ליעד —
זי ליעגט אין מיר, זי ליעגט אין הארצען!

און וויסענשאַפטליך פיעל איהר זאָלט
מיט אייז די שלייפען מיר ניט רייבען,
זי איז מיט מיר און וועט מיט מיר
ווי ווייז פערזיעגעלטער פערבלייבען.

איהר קלוגע לייט, איהר שטאַרקע מענשען,
נעהמט אייך די ערד, די זונן, די שטערען;
און האפיז'ן לאָזט נור זיין ליעד —
ער זאָל ניט קיינמאָל ניכטער ווערען.

3

— האפיז, האפיז ווידערהאלט זיך —
שרייען אַלע אין געשריי —
יעדען טאָג א נייע ליעדעל,
יעדע ליעד — דער אַלטער וועה.

אַך, איהר קורצזיכטיגע מורמלער,
שאַפט ניט גאָט דען אויך אזוי —

יעדער יאָהר — אַ נייער פריהלינג, —
דאָך דער אַלטער סאָלאָוויי.

4

מיט דעם וויין אין שענק פערטרינק איך
מיינע טעג און מיינע נעכט;
סאַהיד זאָגט: איך טהו אַן אונרעכט,
סאַקי אָבער — איך טהו רעכט.

ליעבער סאַהיד, ליעבער סאַקי,
איהר האָט ביידע, ביידע רעכט.
די טאַווערנע — איז קיין שאַנד־הויז;
די חברותא — דאָס איז שלעכט.

אָבער גאָט, מיין גאָט, דו ווייסט דאָך
זי נור, זי, איז אומגערעכט;
זאָל זיין סאַהיד, זאָל זיין סאַקי,
מיר איז אַלץ שוין, אַלץ שוין רעכט.

5

האַפיז האָט ניט צו בעצאָהלען
פאַר אַ קריעגעל פּראָסטען וויין!
האַפיז זאָל דערפאַר ניט זינגען?
ועט זיין ליעד ניט האָניג זיין?

האַפיז מעג אויך הייוועז טרינקען,
האַפיז מאַכט פון הייוועז וויין.
האַפיז מעג אויך גאָר ניט טרינקען —
ועט זיין ליעד נאָך זיסער זיין.

ניט פערגינערס! האָפּיז'ס שונאים!
שפּאָרט ניט האָפּיז'ן קיין וויין, —
אונטער אַ פערשלאָס'נעם הימעל
וועט זיין ליעד נאָך זיסער זיין.

6

און ווידער האָט אַ רויז פערוויאַניעט,
אַ רויז אויף האָפּיז'ס בייט.
געבליהט האָט זי נאָך רויט אין אבענד
און אין דער פריה — שוין טוידט.

אומזיסט האָט האָפּיז איהר געמינטערט,
אין רויטען וויין געוויקט,
אומזיסט די ברוסט זיך אויפגעשניטען,
צום הארץ איהר צוגעלייגט.

זיין וויין, זיין בלוט האָט ניט געהאָלפען —
כאָטש וויין און בלוט איז רויט...
און ווידער האָט אַ רויז פערוויאַנעט,
אַ רויז אויף האָפּיז'ס בייט.

7

וואו איז, האָפּיז, דיין מאַנדעל־ברויט?
וואו איז, האָפּיז, דיין פּורפּור־קלייד?
דיין קאָפּ איז וויים שוין פאַר דער צייט...
דיין בעכער איז פול ביטערקייט...

מיין ליעד דאָס איז מיין מאַנדעל־ברויט
אין בעכער איז מיין פּורפּור־קלייד,

מיין קאָפּ איז ווייס שוין פאר דער צייט —
דער טוידט — פערזיסט די ביטערקייט.

8

אָ, האָפּיז ווייס, אַז וויין און ווייבער
פערמאָגען ניט דעם מינדסטען ווערטה,
דאָס שטעהט אין „בוך"*) ער האָט דאָס זעלבע
פון אַלטע, פרומע לייט געהערט...

דאָך ווערט נאַכט איין נאַכט אויס כסדר
אין איינזאַמקייט זיין האַרץ פערצעהרט;
און ס'רויבט דער קנאה'ס צינזען מאָהנער
פון זיינע טעג דעם לעצטען ווערטה.

9

אָה, שיראַז'ס בלום, מיין האַרצענס טרויסט —
ווארום האָסטו פערבליהט? —
עס הילכען דאָך נאָך אומעטום
דעם זומער'ס טרייע טריט.

די ערד איז גרין, דער הימעל — ריין,
דער בוים אין בלעטער שטעהט;
און קיינער האָט ניט אָנגעזאָגט
מיט שרעק: דער ווינטער געהט.

די גריבער זיינען צוגעדעקט,
צום רעגען ניט געגרייט;
דער רעגען ווייס זיין טאָג, — פאר וואָס
ווייס ניט זיין טאָג דער טוידט?

די ערד איז גרין, דער הימעל בלאָה,
דער ווינטער איז נאָך ווייט;
וואָס האָסטו זיך, מיין בלום, געאיילט
פערבליהען פאר דער צייט?

10

ווי דו האָסט האָפּיז'ן געקאָרמעט —
ווייסטו אַליין.
מיט ליעדער וועט דיר האָפּיז צאָהלען
דיין פולען לוין.

זיין ליעד „צו סאַקי" וועט זיך גליטשען
פון האַנד צו האַנד;
אַ שימפּף־נאָמען וועט סאַקי ווערען,
אויף גאָר דאָס לאַנד.

און אויב רחמנות וועט ווער דאַרפען —
איז'ם דו אַליין.
דען אַ געבראַנדמאַרקטען וועט האָפּיז
דיך לאָזען געהן. —

11

סאַקי האָט אַ וויץ פאר יעדען
און אַ שפּרוך־וואָרט ווי עס פּאַסט,
איינער לאַכט זיך אָן ביז טרעהרען
ווען דער פעטער סאַקי שפּאַסט.

סאַהיד וואַרפט מיט פרומע פסוקים,
אויף די זינדער פון דער ערד.

טרעהרען קייקלען זיך ביי יענעם,
ווער דעם דאַרען סאַהיד הערט.

סאַקי שפּאַסט און סאַהיד מוסר'ט —
ביידע טהוען זייער פאַך,
וואָס טהוסטו, דו, בלייכער שווייגער?
— דאָס איז ניט דעם שענקער'ס זאַך.

12

סאַקי מאַכט פון קונדען רענדלאַך;
אַ קאַריערע מאַכט סאַהיד;
סאַקי און סאַהיד און קונדען —
איז פאַר האַפיז בלויז אַ ליעד.

שמייכלענדיג קלייבט סאַקי רענדלאַך
פון דער מזל'דיגער בייט;
סאַהיד וועט אין פריידען שניידען
וואָס ער האָט מיט זאָרג געזעעט.

האַפיז'ס ליעדער — זשערנע פיאַווקעס
ווערען פון זיין בלוט גענעהרט.
האַפיז'ס ליעדער — האַפיז'ס רויבער,
האַפיז — האַפיז'ן פערצעהרט.

13

זאָרג זיך ניט, סאַהיד, דער טייפעל
נעהמט דעם גוטען ווי דעם שלעכטען...
ער גיעט יעדערען אַ מאָהלצייט
און אַ משפט אַ גערעכטען.

ריטער, סקאַוואַרדעס און קויהלען,
צוואַנגען אָנגעברענטע, רויטע —
ליעגען אין דעם גיהנם'ס שפּייכלערס
גאַנצע הורבעס אָנגעגרייטע...

ער האָט פלייסיגע משרתים
דורכצופיהרען די בעפעהלען;
אי די גוטע, אי די שלעכטע —
עס זאָל קיינעם גאָר נישט פעהלען...

האָט גאָט עמיצען געקריוודעט,
האָט ער ניט בעפריעדיגט ווענען —
זיי געטרויסט, סאַהיד, דער טייפעל
וועט שוין קיינעם ניט פערשעהמען.

14

האָפּיז פליהט אויף ברייטע פליעגלען
איבער בוימער, איבער היגלען;
סאַקי האַלט זיך ביי זיין קלייד,
איז ניט לעבעדיג ניט טוידט.

„האָפּיז, קרוין געגוג צו יאָגען,
„כ'קען די הויכקייט ניט פערטראָגען"
— בעט זיך סאַקי, ווי אַ קינד —
„ניט דערמאָן די אַלטע זינד."

„שרעק זיך ניט, די ברייטסטע פליעגלען
ווערען אָבגעשוואַכט, די היגלען
בלייבען ווייט — אין דיין געצעלט
שענקסטו ווידער ווייַן פאַר געלד;

אין אַ רעגען־טאָג, אַ נאַסען
טרייבט זיך האָפּיז אין די גאַסען
ווי געוועהנליך — דו צעהלסט געלד
אין דיין ווארימען געצעלט.

15

דו זיצסט אין ווייַן־הויז און דו טרינקסט,
און העלפסט די זינגער מיט און זינגסט;
ווער ווייס, ווער ווייס, אין דער מינוט
בעפאַלט אַ פּלאַם פון גאָט דיין גוט.

ווען דו מישט אין דעם ווייַן־געטראַנק
אַ פרעמדען, זינדיגען געדאַנק,
ווער ווייס — אויף דיין בעצאָהלטער בעט
אַ פרעמדער הארצט דיין ווייב און גלעט.

און ווי נאָר דו פערלאָזט די שוועל —
אַ רויב־פייל טרעפט דיך אויפ׳ן שטעל....
דו האָסט קיין ודוי ניט געזאָגט —
דער טייפעל דיין נשמה טראָגט.

דער שונא שפּירט נאָך דיינע טריט,
און גאָט אַליין פערגינט דיר ניט.
דעם טוידט קוק, האָפּיז, אין געזיכט,
דער אונגליק קומט גאָר אומגעריכט.

16

„ווער וויל מיין נשמה האָבען?
„קויף איהר, טייפעל, אָב כאָטש דו" —

נור דער טייפעל, ווי א קרעמער,
ענטפערט: האפיז, לאָז צורוה.

צו לאַנג האָסטו איהר מיט תפילות
און מיט ליעדער אויסגעצעהרט,
ווי א ליעד אין ווייסע פערזען
האָט זי ניט דעם מינדסטען ווערטה.

איך דאַרף פלייש, מיט בלוט און ביינער,
איך האָב ליעב — זיין גוט געשפּייזט;
דיין נשמה איז א שווינדעל —
אויבען פּארמעט, אונטען גייסט.

סאקי'ס, זעהסטו, דאָס איז סחורה!
ווייב און וויין — וואָס איך האָב האָלט!
פיעל ער זאָל פאר איהר ניט בעטען —
איך בעצאָהל אין בארעס גאָלד.

17

ניט פיעל איז האפיז'ן געבליעבען
נאָך וויין אין כוס.
דער פאַלשער סאקי האָט געגעבען
א — פּאַלשע מאָס.

נור וואָס געהט האפיז'ן אָן סאקי —
און סאקי'ס וויין?
ער וועט זיין צונג אין דורשט פערברענען —
און רוהיג זיין.

געליעבטע, האפיז איז קיין עושר,
ער וועט קיין האלדזבאַנד דיר ניט געבען;
ער וועט דיר לאַנגע יאָהרען שענקען,
און דורך זיין חסד וועסטו לעבען.

זיין וועג פיהרט איבער דורות־פעלזען
— דו דארפסט זיך אָן זיין קלייד נור האלטען —
וועט, ניט בעפליעגעלטער, דיך טראָגען
הויך איבער אלע יובל'ען־שפּאַלטען.

ווער האפיז'ען האָט וועו געפּייניגט, —
ווי טהוי זיך קלעפּט צו זיינע טריט;
ער טראָגט מיט סאַקי'ן און סאַהיד'ן
מיט האפיז געהט — גאַנץ שיראַז מיט.

ווען דיינע שוועסטער'ס קינדער'ס קינדער
אין שטומען קבר וועלען ליעגען,
און איבער זיי אַ קיפּאַרים בוים
וועט שטומערהייט אין ווינד זיך וויעגען. —

אַ טאָכטער וועט איהר מוטער פרעגען,
אַ מיידעל צו איהר חתן זאָגען:
„ווער איז די אַנקאַ, וואָס איהר נאָמען
אויף אלע ליפּען ווערט געטראָגען?"

— געוועזן איז אַנקאַ, יענע מיידעל,
וואָס האָט האפיז'עס הארץ געפאנגען...
ער האָט געדיענט צו איהר מיט ליעדער,
און צינז געצאָהלט איהר מיט געזאַנגען.

פראדעל שטאק.

סאנעטען.

1

און טרעף איך דיך ווידער ווי דאמאָלס אין גאס אומגעריכט,
דו בלאָנדזשעסט מיט ליפּען פערפרעסטע ארום אָהן א ציעל,
און זעהסט ניט, און הערסט ניט די ברודיגע גאס און איהר שפּיעל,
נור טראכסט פון א זאאל מיט דיוואנען אין גאָלדענעם ליכט —

דאן רוף איך דיך שטיל, מיט די אויגען אוועק ערגעץ ווייט,
וואו ס'שפּרייט זיך א טונקעלער וואלד אין בייגאכטיגער רוה,
מיט בליהמלאך פערבאָרגען אין שוים, וועלכע מאכען ניט צו
די אויגען צום שלאָף, ווען דער טאָג מיט דער נאכט זיך פערבייט. —

און דאָרט וועל איך נעהמען דיין קאָפּ אויף די קניע, און דיר זאָגען
אין אויער יענעם סוד, וואָס כ'האָב לאנג אין מיין הארצען געטראָגען:
ווי שטארק כ'האָב דיך ליעב — און דערנאָכדעם וועט ווערען מיר גרינגער.

און וועסטו ניט הערען, דאן קוש איך דיר אוים דיינע פינגער,
און שטיל וועלען פאלען אראָב אויף דיין קאָפּ מיינע טרעהרען
מיט שטילען געבעט — אזוי לאנג ביז דו וועסט מיך דערהערען. —

2.

דער פאָרהאנג אין שטיבעל אין מיינעם האָט היינט זיך צעריסען,
און ס'קוקט די פערזשאווערטע שילד דורכ'ן פענסטער אריין.
דו זונן איז פערטונקעלט — בעשטימט וועט א רעגען היינט זיין.
דער ווינד רייסט די שילד, און ער גיט פון'ם רעגען צעוויסען. —

וואָס האָט זיך דער קאָטער פון יענער זייט פענסטער צעצויגען?
ר'איז שווארץ ווי א רוח, און ער מיאוקעט ווי קינדיש געוויין,

איהם ווילט זיך אריין, און דער שפּאַלט איז אין פענסטערל קליין —
איהם ווילט זיך אריין... און ער ווארפט אויף מיר גרין זיינע אויגען.

די זונן איז פערטונקעלט, בעשטימט וועט היינט קומען אַ רעגען. —
ביי מיר הענגט אַן אַלט אָבגעבליאַקעוועט בילד אויף דער וואנד:
אַמאָל איז אַ זומער אַ שעהנער געקומען אין לאַנד

און ס'איז איהם אַ לאַכענדיג פּאָר'ל געגאַנגען אנטקעגען;
אַ לאַכענדיג פּאָר'ל מיט שווארצע, און בלאַס-בלויע אויגען —
דער זומער דער שעהנער פון דאַמאָלס איז לאַנג שוין פערפלויגען.

3.

אַזוי ווי אַ חלום אַ שעהנער ביזטו מיר געקומען
געליעבטער — געבענשט זאָל „ער" זיין, ווייל ער האָט דיך געבראַכט.
איצט זיץ איך בעשטענדיג אין שטיבעל אין מיינעם פערמאַכט,
ווייל כ'בענק שוין נאָך דיר און כ'בין מיט'ן טראַכטען פערנומען.

ווי שטיל דו ביסט דאַמאלס געוועזן, און געקוקט מיט די אויגען,
די אויגען די קלוגע, אין זיי יענער טרוי'ריגער בליק,
וואָס האָבען געגלעט, און געריסען דאָס הארץ מיר אין שטיק,
און שווייגענדיג האָסטו דיין נעץ איבער מיר אויסגעצויגען.

דו ביסט דאַן אוועק, און שוין קיינמאָל צוריק ניט געקומען.
ווייל „ער" איז דיין פריינד, און מען טאָר דאָך אַ חבר ניט-קרענקען.
דערפאר וועל איך אָבהיטען שטענדיג די צערטליכע וואונדען,

וואָס כ'האָב פון דיין טרוי'ריגען בליק, אין די אויגען בעקומען.
מיין שטילער געליעבטער... איך וועל דיך בעשטענדיג געדענקען
אַזוי ווי אַ חלום אַ שעהנעם, וואָס איז מיר פערשוואונדען. —

.4

א בחור אזוינער ווי דו, און איז שעמעווודיג גאָר?
קום הער ווערסטו זהען, כ'וועל דיך פיעשצען אזוי ווי א קינד —
וואָס שעהמסטו זיך וואָס? א בחור האָט מורא פאר זינד?
נו קום, ווערסטו בעהאַלטען דיין פנים ביי מיר אין די האָאר.

און טאָמער וועט פרעגען מיין מאַמע, ווער ס'זיצט ביי מיר דאָ,
וועל'ך זאָגען: וואָס ווילסטו? א קעציל אַ שטילעס, לאָז אָב.
און דיך וועל איך טוליען דערוויילע, און ווינקען אראָב,
און איהר וועל איך זאָגען: נישטאָ שוין דאָס קעציל, נישטאָ.

וועט זי זיך אוועקגעהן, און אונז וועט זי לאָזען אליין —
ניט שרעק זיך, איך זאָג עס דיר צו, איך וועל „אנשטענדיג" זיין.
נור העכסטענס א קוש אויף די ליפען בעקומסטו צו זעהן.

דאַן גיב איך דיר מילעך צו זשליאָקען, וואָס אפשר וויין? —
מיין קעציל, מיין בחור... שוויג שטיל, עס וועט זיין אזוי שעהן...
איך נעהם דיך דערנאָך אין די ארימס, און ליוליע דיך איין. —

.5

מען צינד שוין אָן אנטקעגען דעם לאמטערן.
איך ליג מיר אויף דער זאפא שטיל און טראַכט:
וואָס האָט מיר גוטעס, היינט דער טאָג געבראַכט?
און וואָס וועט פון'ם מאָרגענדיגען ווערען? —

כ'וועל אויפשטעהען אין דער פריה, פון מיין געלעגער,
און טראַכטען: ווערסטו קומען, אָדער ניט?
און כ'וועל מיך צוהערען צו יעדען טריט,
און כ'וועל בעשטענדיג קוקען אויפ'ן זייגער.

און טאָמער וועסטו צו דער שעה ניט קומען,
וועט גלייך זיך אויפכאַפּען אין מיר די שלאַנג,
און שעלטען וועל איך דיך, און גיפטיג ברומען,

און טראַכטען, אז דיין נאָז איז שרעקליך לאַנג...
דערנאָכדעם וועל איך ביסלעכווייז פערשטומען,
און ווידער וועל איך ווארטען אויף דיין קומען. —

6.

דו אונגליק מיינס, קום לאָם איך דיך פערבאָרגען,
עס קען דיך עמיץ צונעהמען ביי מיר —
דו אונגליק מיינס, וואָס וואָלט איך טהון אָהן דיר,
און ווער וואָלט מיר אן אנדער אונגליק באָרגען? —

אן אונגליק פונקט ווי דו, מיט קלוגע אויגען,
און ווייסע הענד, וואָס גלעטען אזוי ווייך —
א פּנים טייפליש־שעהן, ווי מאַרמאָר בלייך,
און שווארצע האָאר אין קוטשערעם געבויגען. —

קום הער, און לאָם איך דיך א דאָ בעהאלטען,
א דאָ אין הארץ ביי מיר איז גוט צו זיין,
דאָס בלוט אין איהם איז זיס, און רויט ווי וויין.

איך זאָג דיר צו, איך וועל דיך שטענדיג האלטען,
יאָ, יאָ, איך וועל דיך קיינמאָל ניט פערטרייבען,
נור מוזטו שטענדיג מיר א שעהנער בלייבען.

7.

א שנעע איז אויסגעפאלען איבער נאַכט,
דאָס פענסטעריל ביי מיר איז צוגעפרוירען.

איך זאָרג מיך ניט, וואָס איך האָב אָנגעוואוירען?
היינט קוק איך ניט ארוים, נור כ'זיץ און טראַכט:

ווען ס'קומט צו מיר א שליטעלע אצינד,
געשפאַנט מיט ווייסע פערד און זילבער־גלאָקען
אין שאטען זיצט א יונג, פערשנעעט די לאָקען
מיט רויטע אויערען, אָנגעפלאַמט פון ווינד.

ער טראָגט א פעלץ פון ווייסען הערמאלין,
און ווינקט צו מיר מיט מיין געליעבטען'ס אויגען —
דאַן וואָלט איך ערגעץ וואו מיט איהם געפלויגען.

געפלויגען וואָלט איך, ניט געפרעגט וואָהין —
איך וואָלט מיך טוליען צו זיין פעלץ און פרעגען:
צו וועט ער מיך פערלאָזען אונטער וועגען? —

8.

ווי בייז דו ביסט מיין פריינד — מיין שלעכטער פריינד.
און שטאָלץ ווי יענער יוחנן ביזטו,
וואָס האָט גערויבט ביים קעניגס־קינד די רוה.
און פונקט ווי זי, האָב איך דיך איצטער פיינד.

ס'איז ניט ווי עלפאַנט־ביין דיין פנים בלאָס,
ווי שלאַנגען וויקלען זיך ניט דיינע האָר,
דיין בחור־הארץ איז ניט ווי יענעמס קלאָר —
פארוואס זשע ברענט אזוי אין מיר דער האָס? —

איך האָב דיך פיינט. איך זאָג עס דיר אצינד;
און טאַנץ איך נאָך אמאָל דעם טאַנץ פון זינד
דאַן טהו איך'ס אויפ'ן טייוועלס א פערלאַנג,

און זאָל ער געבען מיר דערפאַר צום דאַנק
דעם, וואָס ס'האָט א זינדען־טאַנץ די ווערטה:
איך וואָלט פון איהם דיין בעזע צונג בעגעהרט. —

מ. באסין:

טרייסטונג.

באלאדען.

1.

א פינסטערע נאכט און א שנעאיגער ווינט,
א שטעדטעל—פערוועהט און פערשאטען,
א הייזעל—האלב־דונקעל, א באבע—שטאק־בלינד,
א מיידעל—פערטרויערט און ליעב ווי א קינד,
אין ווינקעל זיצט שטיל ווי א שאטען..

נאך וואס ס'האט די מיידעל געטרויערט אזוי?
דאס פלעגט זי אין הארצען זיך פרעסען...
ווי טויט פלעגט זי זיצען אהן זין און אהן ציעל,
פון צייט נאר א נאמען דערמאנט אין דער שטיל
און ווידער א שטומע געזעסען...

נאר אט האט זי פיינליך פערבראכען די הענט,
און האט זיך צעוויינט אזוי ביטער...
געמיינט האט די באבע אז זי איז אליין,
דערקענט האט זי פלוצלינג דעם שטילען געוויין
און פראסטיג געגעבען א ציטער:

„ווער וויינט עס?! ווער וויינט עס?! ווער וויינט עס אזוי?!"
געפרעגט האט די באבע דורך טרעהרען...
דאך האט זי געוואוסט ווער עס וויינט און פאר וואס...
דערמאהנט האט איהר הארץ זיך אן אלטען פערדראס
וואס טיעף האט פעררונצעלט איהר שטערען...

— אוי, ווייז דאך ניט קינד מיינס, דו טהוסט אזוי וועה,
צו דען דארף א קינד אזוי וויינען?
צו דען האט די באבע ניט ליעב דיך גענוג?
צו ביזטו ניט יונג דען, ניט שעהן און ניט קלוג
אין לעבען דיין גליק צו געפינען?...

— ווי זאָל איך ניט וויינען אוי, באַבעניו ליעב,
ווי זאָל איך ניט וויינען און קלאָגען;
אַז דער וואס מיין אָרעמען הארצען געפעלט,
דער האָט מיך פערלאָזען אליין אויף דער וועלט,
ווער וועט אַ גוט וואָרט מיר איצט זאָגען?...

— עך, נארישע יוגענד, עך קינדישעס הארץ,
ווי גיך ס'געהט אַ וועלט ביי דיר אונטער!...
עך, פלאַמיגער פייער, עך, איילענדער שטראָם,
ווי האסטיג דו ציהסט אין דיין רוישענדען תהום
דיין שווימענדען פויגעל ארונטער...

אַך, אַלט בין איך, אַלט שוין און בלינד ווי די נאכט,
דאָך בין איך געווען אַמאָל אינגער.
ווי דו בין אויך געווען בייגיג און יונג,
ווי דיינער געווען איז אויך האסטיג מיין שפּרונג,
און צאַרטער די הויט פון די פינגער...

און האָט נאָר א בחור בעגעגענט מיך וואו,
בין איך ניט ארוים פון זיין זינען.
געוועזן זיינען פיעל זיי, ווער רייך און ווער שעהן,
און פלעגט איינער זיין כאָטש דער יחוס אַליין,
מיין ליעבע פלעגט ער ניט געווינען.

עס האָט נאָר צו איינעם געצויגען מיין הארץ,
און פלעגט זיך קיין רוה ניט געפינען...
געוועזן איז ער אָרעם דאָך הארציג ווי דו,
און פלעגט נאָר מיין אויג איהם בעגעגענען וואו:
פלעג באַלד איך פערליערען מיין זינען...

און פלעג איך נאָר הערען איהם ריידען אַמאָל,
האָט שטענדיג זיין קול מיר געקלונגען,

האָט שטענדיג מיין אויער געהערט ווי ער רופט,
און האָב איך פון דעם זיך בעהאַלטען געפּרובט:
קיינמאָל איז עס מיר ניט געלונגען ...

עך, יוגענד דו יוגענד! ביז שפּעט אין דער נאַכט
פלעגט קיינמאָל מיין אויג זיך ניט שליסען.
און האָט ווען דער שלאָף מיר די אויגען פערמאַכט,
האָט גלייך מיר דער חלום איהם ווידער געבראַכט,
און ווידער דאָס הארץ מיר געריסען ...

דאָך איינמאָל: געוועזן איז עס שפּעט שוין פאַרטאָג,
מיין אויג האָט זיך קוים, קוים געשלאָסען,
מיין הארץ האָט גערדרעמעלט פערגעסען פון פּיין,
און ליעב האָט די רוה ווי א זאַפטיגער וויין
זיך מיר אין די גליעדער צוגאָסען:

ווען פּלוצלינג דערהער איך, מען וויינט ביי מיין טהיר.
דער קול, אזא'ן עלענדער, מיעדער.
איך שפּרינג פונ'ם בעטעל און עפען די טהיר:
„ווער וויינט עס?! ווער וויינט עס?!“ קיין וואָרט און קיין ריהר,
דער ווינט נאָר פערציהט זיינע ליעדער...

איך אייל צום געלעגער, איך ליג שוין, איך שלאָף;
און ווידער: מען וויינט אזוי ביטער ...
איך שפּרינג פונ'ם בעטעל, די אויגען פערמאַכט:
„ווער וויינט עס?! ווער וויינט אזוי שפּעט אין דער נאַכט?!“..
ס'איז שטיל און דאָס הארץ טהוט א ציטער...

איך לייג זיך אין בעטעל, אָן אימה בעפאַלט:
ס'האָט אימיצער פייער געצונדען ...
איך דעק אויף די אויגען; מען עפענט די טהיר,

א ווייגענדער מלאך בעווייזט זיך אין איהר,
די פליגעל—אויף הינטען פערבונדען ...

ער קומט צו מיר נאָהענט און פאלט אויף די קניע,
דער קאָפּ, אויפ'ן ברוסט טיעף געזונקען,
ער פאלט אויפ'ן הארץ מיר און וויינט ווי א קינד:
„אוי, גוטע נשמה, פערגיב מיינע זינד!"
און ס'גליהען די טרעהרען ווי פונקען.

ער קושט מיינע הענט און פערגעהט אין געבעט:
„די פליגעל, די פליגעל צוביננד מיר!
מען האט מיך פער'קנסט און איך וויין אין מיין פיין,
איצט קענסטו דאך מעהר שוין מיין כלה ניט זיין;
פארגיב זשע, פארגיב מיינע זינד מיר!"...

איך קוק אָן זיין פנים און — ער איז עס, ער...
מיין הארץ טאָר דאָך מעהר איהם ניט ליעבען!... —
וואס ווייטער געווען איז? ניט פרעג קינד! צו וואס?
עס פילט נאָר דאס הארץ אָן מיט שווערען פערדראָס...
פון דאן בין איך עלענד פערבליבען..

און דאן האָב איך איינס נאָר: געוויינט און געוויינט,
ביז כ'האָב מיינע אויגען פערלאָרען ...
דערנאָך האט דיין זיידע געקלאפט אין מיין טהיר,
געוועזן איז ער עהרליך און פריינדליך צו מיר:
אזוי איז דיין מאמע געבאָרען ...

געוויינט האט דיין מאמע ווי איך און ווי דו —
אין לעבען ווערט אלעס פערגעסען ...
אזוי איז די וועלט שוין. ניט וויין זשע, ניט וויין!
אמאָל איז געוועזען א גאָלדענע קרוין,
א פרינץ און א יונגע פרינצעסין.

איז איינמאל דער פרינץ אויף מלחמה אוועק,
און איז מעהר צוריק ניט געקומען.
האט לאנג די פרינצעסין געוויינט און געקלאגט,
ביז זי האט פון איהם זיך אין גאנצען ענטזאגט,
און האט זיך א צווייטען גענומען ...

.2

די האנט.

ער קושט זיין כלה זיעבען מאל, און זאגט איהר טויזענד שפאסען,
און לאזט זיך שפעט ביי נאכט אהיים דורך רעגענדיגע גאסען.
ער געהט און זינגט א ליעד פאר זיך,
עס ארט איהם ניט דער רעגען.
ער שטופט אוועק דעם בעטלער'ס האנט וואס קומט איהם אן אנטקעגען,
און ענדיגט הויך זיין ליעבעס-ליעד, עס ענדיגט זיך מיט „געטין"
דער בעטלער האט אלאך געטאהן:
„אויף ברויט, אויף ברויט געבעטען"...

ער קומט אהיים און צינדט דעם לאמפ, עס צינדט זיך ניט קיין פייער...
נו לייגט ער זיך אין בעט און טרוימט פון איהר, וואס איז איהם טהייער:
פון היינט — דריי טעג וועט חופה זיין....
זיין הארץ ווערט היים און בלוטיג.
דער שטערען גליהט... עס קושט איהם ווער, די ליפען פייער-גלוטהיג...
און לילית לאכט און קושט און גלעט, און הערט ניט אויף צו גלעטען...
דאך ווער שטרעקט דארט זיין האנט צו איהם?...
„אויף ברויט, אויף ברויט געבעטען"...

ער שפרינגט פון בעט און לויפט אין שרעק דורך פינסטערניש צום
פענסטער,
און נורעט טיעף דעם קאפ דארט איין אין אימה פאר געשפענסטער,
און וויעדער הערט ער לילית'ן,

איהר קול קלינגט ליעב און ווארעם.
זי באט איהם זיעבען טעכטער אַן פונ'ם שווארץ-געלאַקטען הארעם ...
אין טוליען-העמדער ליגען זיי, אויף ווייסע, ווייכע בעטען,
און בייז קלאפט אַן א האנט אין שויב:
„אויף ברויט, אויף ברויט געבעטען"...

ער שפּרינגט פון פענסטער אַפּ פאר שרעק מיט פעסט פערמאכטע אויגען,
דאָך זעהט ער קלאָהר דעם הארעם-טאנץ מיט הענט צו איהם געצויגען:
ס'איז טוליען-דין א יעדערס קלייד
און דורכזיכטיג די גליעדער.
אַט וויקלען זיי זיך רונד זיין לייב מיט יובל'ענדיגע ליעדער,
און גוט ווערט איהם, און לייכט—ער שוועבט דורך קושען און דורך גלעטען...
דאָך וואס וויל דאָרט די בעטלער-האנד ? !..
„אויף ברויט, אויף ברויט געבעטען"...

די האנט! די האנד! ער לויפט צום בעט דורך בייז-ווילדע געשטאלטען,
און גראַבט זיך טיעף אין איהר אריין פון שרעק זיך צו בעהאלטען...
דאָך פיהלט ער אלץ נאָך לילית'ן,
זי נעהט איהם דורך די גליעדער...
זי האלזט איהם הייס, זי פרעסט איהם פעסט, זיין הארץ ווערט שוואכער, מיעדער....
דאָך דאָרט די האנט, זיין הארץ וויל זי, ער קען עס מעהר ניט רעטען.
ער פליקט עס אויס און גיט עס איהר:
„אויף ברויט האַט זי געבעטען"...

יואל סלאנים.
ניו יארק.

.1

די גרויסע שטאדט איז פול מיט פרייד און פול מיט גראָהען לייד,
זי טראָגט א מאַנטעל פארבען־רייך און אויך אַן ארים־קלייד,
די גרויסע שטאָדט איז קראנקהייט פול, און אויך מיט שטארקער קראפט,
מיט הערצער מוטהיג, פעסט ווי שטאָהל, און הערצער בלייך, פערשלאָפט,
די גרויסע שטאָדט דאָס איז א ריעז, א ריעז מיט הערצער צוויי,
איין הארץ ווערט ווילד פון פרייד, איין הארץ משוגע ווערט פון וועה,
עס מישט זיך שלעכטס און גוטסקייט אוים; די ליעבע מיט דעם האָס,
האָטש מענשען ליידען נויט דאָך ווארפט מען פלייש פאר הינט אין גאָס...

די גרויסע שטאָדט, זי האָט אין זיך מיין לאָך און מיין געוויין,
זי איז געווען מיין מוטער, דאָך, איך קען זי ניט פערשטעהן,
איך האס זי אָפט און ליעב זי אָפט, און בענש זי אָפט און שעלט,
איך ליעב מיין היים, דאָך אָפט וואָלט איך אוועק אין ווייטען וועלט,
מיין ליעד פון איהר איז א געזאנג מיט דיסאָנאנסען פיעל;
אָפט איז עס רעדער־רויש, און אָפט א שטימונג צארט און שטיל,
אָפט פיהלט זיך נור פערצווייפלונג, און א שווערער, גראהער שרעק,
און אָפט א פרייד וואָס לאכט און טרייבט די וואָלקענס שנעל אוועק...

די גרויסע שטאָדט! איך בין אין איהר אָהן קייטען צוגעקייט,
מיין גייסט האָט זיך מיט איהר בעהעפט, מיין הארץ איז איהר געגרייט,
זי איז א מכשפה און איהר ווילען מוז געשעהן,
און געה איך נור אוועק פון איהר, דאן בענק איך זי צו זעהן,
אָפט פיהל איך ווי א לייב אין שטייג און רייס די גראטעס בייז,
דאָך ברעך איך נור די שטייג, דאן טהוט מיר לייד, געה ניט ארויס,
איך טרוים פון וואלד, איך טרוים פון פעלד און בלומען אָהן א שיעור,
דאָך גליקליך אין איהר שמערץ און פרייד בלייב איך אַלץ נור מיט איהר...

.2

א ריזען־ווערק, א רוהלאָז קראַפט, די פרוכט פון גייסט און בלוט,
דאָס איז די שטאָדט ניו יאָרק, די שטאָדט מיט האַרץ פון ווילדען גלוט
וואָס רוהט קיינמאָל... מיט ברוסט פון שטאָהל, מיט הענט ווי אייזען־וועגט
מיט טויזענד ליכט וואָס ברענען העל און ווערען ניט פאַרברענט...

איך בין אין שטאָדט, און ליעב די שטאָדט, און ליעב דעם רויש און קלאַנג,
און ד׳פליה אַרום, און אומעדום, אין שפּיעל פון ליכט און לוסט,
און הערליך, מאַיעסטעטיש איז מיין גרויסער שטאָדט־געזאַנג,
דאָך אָפטמאָל טרעפט א בייזער שרעק פּילט אָן, פּילט אָן מיין ברוסט...

מיר דאַכט זיך אויס אַז באַלד, אָ, באַלד (ווי שנעל עס לויפט די צייט)
וועט זיך די שטאָדט מיט טויזענד פיס אויסשפּרייטען, און ווי ווייט
עס וועט דער מענש ניט געהן פערבייגקט נאָך וואַלד און פעלד און סאָד,
וועט ער נור זעהן דעם פלאַס, דעם דראַנג, די טהורעמס פון דער שטאָדט...

מיר דאַכט זיך אויס עס קומט שוין אָן דער סוף פון גראָז און בלום,
מיט רויך וועט זיין דער הימעל פול, און ציגעל אומעדום,
און יעדער וואַלד וועט ווערען ווילד פערשלונגען פון דער שטאָדט,
און טאָג און נאַכט — דער דונער פון פאַבריק, דער רויש פון ראָד...

און טאָג און נאַכט וועט אַלץ דער הימעל זיין נור גראָה און שוואַרץ
און בייגקען וועט נאָך הימעל־בלאָה, און זונען־שיין דאָס האַרץ
פון טרוימער... און וואו פויגלען האָב׳ן געזונגען אַזוי שעהן,
וועט הערען זיך דער בראַזגען פון עקספּרעסען אויפ׳ן שטיין...

און טאָג און נאַכט וועט זיך די שטאָדט גלייך ווי א חיה־רעה
אויסשפּרייטען, און צו ווייסט מאַכען דעם פּראַכט און גלאַנץ פון גאָט,
און יעדער פריהלינג־ווינט וועט זיין מיט שוויים, און יערע שעה
אין זומער, ווי א קאַלך־אויוועץ אין גהנים פון דער שטאָדט...

און מענשען וועלען אויסגעהן נאָך דעם ריח פון דעם וואלד,
נאָך טייכלעך וועלכע וויספערען אין וויים לבנה־שיין
פון נימפען און פון צויבער... דאָך ווי פוסט וועט זיין, ווי קאַלט,
די אייזען־גאסען פון דער שטאָדט נור וועלען דאָרטען זיין...

א ריזען־ווערק, א רוהלאָז קראפט, די פרוכט פון גייסט און בלוט,
דאָס איז די שטאָדט ניו יאָרק, די שטאָדט פון שאָטען און פון שיין,
ראָך אָפט זעה איך אין טרוים די וועלט אין שטאָהל און פעלז און שטיין,
קיין בלום, קיין גראָז, קיין וואסערפאל, נור רויך און היץ און גלוט...

.3

די שעהנהייט פון שטאָדט איז דער וואונדער, דער נייער
וואָס שאפט נייע פארמען פון קונסט אויף דער וועלט,
א שעהנהייט פון שטאָהל און פון שטיין און פון פייער,
א שעהנהייט פיעל שעהנער פון וואלד און פון פעלד...

די טהורעמס וואָס שפּארען זיך שטאָלץ צו דעם הימעל,
די קופּאָלס וואָס גליהען בייטאָג און ביינאכט,
די ריזען־באלקאָנען אין לופט, וואו דער דרימעל
איז פול מיט חלומות פון קראפט און פון מאכט...

דער מענש אין דער שטאָדט איז געוואָרען א קינסטלער,
דער קינסטלער אין שטאָדט איז געוואָרען א גאָט,
דעם גס פון בעשאפונג האָט ער איבערטראָפען,
פיעל רייכער ווי מעשי־בראשית — די שטאָדט!...

מעכטיג, געהיימ'ניספול קוקט זי פון וויימען,
און קומט מען צו נאָהענט — א מאָנסטער פון שטיין,
פיי טאָג און פיי נאכט נעהט א וועקסלען, א בייטען,
זי ברעכט און זי בויט און בלייבט קיינמאָל ניט שטעהן..

די שעהנהייט פון שטאָדט איז די קראפט פון בעוועגונג,
די ריזיגע בריקען, די סאָבוויי, דער שום
פון קארס, און פון הויך־באַהן: איהר ליעד איז פון לעבען,
פון שטענדיגער ארבייט, פון קראפט אומעדום...

איהר ליעד איז פון לעבען... אזוי־ווי דער ים, ווייס
איהר הארץ פון קיין רוה, און זיווארפט מיט די הענט
און שליידערט און ברעכט ווי דער ים גרויסע פעלזען
אין שטורעמס, אין ווילדע, דאָך בויט באַלד אויף ווענט

נאָך טויזענדמאָל שטארקער פון טהורעם פון בבל,
דער וואונדער פון עבר ווערט שוואך און ווערט קליין,
אַ גייסט, אן אונזעהבארער זיצט אין איהר זעעלע,
אַ גאָט וואָס שאפט שענהייט פון שטאָהל און פון שטיין...

.4

ווי שעהן איז אויף די קעטסקיל־בערג, ווי העל איז דאָרט, ווי פריי,
די זון געהט אויף דאָרט יעדען טאָג מיט פארבען פריש און ניי,
דער פויגעל זינגט, די שענהייט ווינקט פון יעדען קוסט און בוים,
דער זומער זיצט אין טהאָל און וועבט אַ ווילדען, ראַזען טרוים,
און דו, דו ביזט אין צויבערלאנד, אין וואונדערלאנד פון גאָט,
דאָך ליבער ווי די קעטסקיל־בערג ליב איך די גרויסע שטאָדט...

דו ווייטע שטאָדט, דו ריזען־שטאָדט, דו שטאָדט פון מיין געבורט,
דו האָסט דיין רויש, דו האָסט דיין פלאַם אויף ס'הארץ מיר אָנגעגורט
און וואו איך בין, און וואו איך קום און וואו איך זאָל ניט זיין,
מיך לאָקט דיין ווייטע שטורעם־ליד, דיין ווילדער, ווייסער שיין...

די קעטסקיל־מיידלאך זיינען יונג און קריסטליך־מילד און שעהן,
דאָך טויזענד מיידלאך פאר אַ שעהנער אידיש מיידעל'ס חן,
די קעטסקיל־מיידלאך זיינען זאַנפט און קושען אזוי שטיל,

דאָך אַך, דער אידיש מיידעל'ס קוש, דאָך אַך, דער פלאַם-גנעפיהל,
דאָס בלאָהע אויג איז הייליג־צאַרט און מילד דער בלאָנדער צאָפּ,
דאָך אַך, דער שווארצער אויג וואס גליהט און פאנגט און לאָזט ניט אָפּ!...

דו וויטע שטאָדט, דו גרויסע שטאָדט, איך קום שוין באלד צו דיר,
דער ים, די פארקס, די פיקניקס אויך, זיי ווארטען שוין אויף מיר,
מיין ליעבסטע'ס פנים בליהט און שפילט, און ס'רייצט איהר ווייסע קלייד,
דער וויין אין שטאָדט איז דאָפּעלט־שטארק און דאָפּעלט־ווילד די פרייד...

די קריסטען אויף די קעטסקיל־בערג, זיי זיינען גוט און פרום,
דאָך פרומהייט האָס איך ווי דעם טויט, און גוט צו זיין — איז דום,
זיי לעבען יעדער פאר־זיך נור, פון ארבייט גלייך אין הויז,
דאָס הארץ איז טעמפּ צום פארבען־שפיל, צום צויבער פון דער רויז,
און איך האָב ליעב דאָס הארץ וואָס פיהלט און רוישט גלייך ווי א קוואל,
אָ, וויטע שטאָדט, דיין הארץ, דיין הארץ איז ווי אַ וואסער־פאל!...

אָ, וויטע שטאָדט, אָ, גרויסע שטאָדט, מיט קלובס און מיט קאפעיס,
וואו יעדער ווייס דעם צווייטענ'ס גוטס און אויך דעם צווייטענ'ס בייז,
וואו גלוסטען זיינען פיעל, און הערצער פיהלען ברייט און טיף
וואו ס'לעבען איז אַ שטורעם־ים און איך, אַ זינגרייך שיף!...

5.

טעגליך קומען פילע שיפען אין דער גרויסער שטאָדט אהער,
ברייננען אידען פון גאַליציען און רומעניען און פון לאַנד
וואו דער גלות וואקסט און שפרייט זיך אזוי שרעקליך, אזוי שווער,
וואו ס'געהט דער מלאך־המות מיט'ן קיסר האנד אין האנד...

אידען: גאנצע שטעדט און דערפער, רייך, צו ארעם, אַלע גלייך,
אַלע לויפען זיך צו רעטען פון דעם פייער און דעם שווערד,

זייער גייסט האָט העל געלויכטעט ווי די שכינה שעהן און רייך,
זייער בלוט און זייער פראצע האָט דאָרט פעט געמאַכט די ערד...

זייער גייסט און זייער פראצע... דאָך אַלס פרעמדע האלט מען זיי,
און מען רעדט פון זיי מיט רשעות, און מען קוקט אויף זיי מיט האַס,
זייער האב און גוט צורויבט מען... און מיט טיפען צער און וועה
האָבען זיי פערלאָזט די שוהלען, דעם בית־עולם און די גאַס...

און די שיפען, טאָג און טעגליך קומען־אָן אַלץ מעהר און מעהר,
פול מיט אידען מיד־פערוואָגעלט פון פיער ווינקלען אויף דער וועלט,
אין דאָס הארץ א שרעק פון וואהנזין, און אין בליק א שווערער טרעהר,
און די רוקענס איינגעבויגען פון א ווינט פון פראָסט און קעלט...

און זיי געהען אין די שעפער, אין דעם שטויב און אין דעם רויך,
און זיי שקלאַפען, און זיי שאַפען, דאָך זיי ביינקען ניט צוריק,
ווייל אין רויש פון די מאַשינען הערט א ליעד זיך שעהן און הויך:
„אידען, קריסטען — אַלע ברידער, יעדען, יעדען ווינקט דאָס גליק!...“

און דער בליק ווערט פריי און מוטהיג, און דער שרעק פון הארץ פער־
שווינדט,
און א שטאַרקע קראַפט צו בויען אין זיין הארצען ווערט פארמעהרט,
און די יאָהרען לויפען, פליהען, און ביים נעקסטען דור — זיין קינד,
וועט די שווערע קייט פון גלות זיין אין גאַנצען שוין צושטערט....

און זיין בליק ווערט פריי און מוטהיג און ווי שטאַרק און פעסט זיין גאַנג,
און עס פאַלט זיין קראַנץ פון דערנער, און די קללה פון דער נאַכט,
און ער ליבט זיין נייע היימאטה און איהר ליד איז זיין געזאַנג,
און אין קריעג געהט ער מיט יובעל, איז דער ערשטער אין דער שלאַכט...

קראַפט פון פייער און פון ים'ען, מוטה פון דורות לאַנג שוין טויט,
אייביג, אייביג בלייבט דאָס גרויסע און קען קיינמאָל ניט פערגעהן — —

שיפען קומט אַלץ מעהר און מעהרער, ברייננט דאָס פאָלק וואָס איז
צושפּרייט
אויף דער וועלט ווי שטויב, צו בויען דאָ א היימאטה פריי און שעהן!...

6.

דו, מיט די מעכטיגע ארעמס פון אייזען, און ציינער פון שטאָהל,
דו, מיט דעם מאַרמאָר־געפּאַנצערטען ברוסט און דעם קופּערנעם קול,
דו. וואס דו שטעהסט ווי א ווילדער יופּיטער טריאומפיג און שעהן,
מיר שרעקט ניט דיין גבורה פון וואהנזין, דיין דעמאָן־נשמה פון שטיין...

שוין יאָהרען דו האָלסט מיר געפאַנגען ביי דיר אין דיין ריזען־געוועב,
שוין יאָהרען דו האסט זיך מיין חלום פערנאַרט אין דיין מעכטיגען שלאָס,
האָסט ווילד ווי א טיגער דאָס הארץ מיר געכאַפּט אין די נעגעל—איך לעב!
געזייגט ווי א ווילדער וואמפּיר מיר די בלוטען, דאָך דיינס דער פערדראָס!

איך לעב און מיין קערפּער ווערט שטאַרקער, די נערוועז ווי אייזערנע בענד,
מיין נשמה ווערט ווילד ווי א ים אין א שטורעם און חוואליעט מיט שוים,
מיין גלויבען ווערט טיפער און פעסטער אין תפיסה פון שטאָדטיגע ווענט,
און מעכטיגער, ברייטער די פליגעל און גרעסער און שעהנער דער טרוים...

דו קענסט נאָר דערשטיקען די מענשען מיט הערצער פון ספקות
פערשוואכט,
דו קענסט גור בעזיגען די מענשען וואָס זיינען די קינדער פון טויט,
דו קעניגסט מיט צאָרען אויף מענשען וואָס וויסען אַליין ניט די מאַכט
וואָס גאָט האָט זיי יעדען געגעבען אין שלאַכט פון דאָס לעבען זיין גרייט..

דאָך איך, אָך, איך פיהל אין מיין קערפּער די קראַפט און דעם ווילען פון
וועלטען,
עס ברענט אין מיין גייסט און מיין מוח אַן אייביגער שטורעם פון שיין,
קיין קראַפט קען פערשטויסען מיין גלויבען, פאַרלעשען די פלאַמען פון
דורות,
ווייל, איך בין דאָס קינד פון דער גהעטאָ, איך בין און געוועזן און וועל
זיין!...

די נייע היים.

ערשטעס זאמעלבוך.

אינהאלט

י. י. שווארץ:
די נייע היים (ליעדער) .... 1—16.

י. אָפּאַטאָשו:
פון ניו־יאָרקער געהעטאָ (ערצעהלונג) .... 1—104.

ש. פּאָקס:
איינמאָל אין א פריה־מאָרגען (ערצעהלונג). .... 1—16.

מ. י. חיימאָוויטש:
אויפ'ן וועג (ערצעהלונג) .... 1—120.

י. ראָלניק:
האַפּיז (ליעדער) .... 1—22

פראדעל שטאָק:
סאָנעטען.

מ. באָסין:
באַלאַדען.

(1—13)

יואל סלאָנים:
ניו־יאָרק (ליעדער)) .... 1—9.

אינהאלט פון צווייטען בוך וואס פערפערטיגט זיך:

י. אפאטאשו:
דער נע ונד'ניק (ראמאן).

י. י. שווארץ:
יוליוס צעזאר (דראמא אין פינף אקטען פון וויל. שעקספיר).

מ. י. חיימאוויטש:
אויפ'ן וועג (צווייטעס בוך).

ש. פאקס:
אין דער פרעמד (ערצעהלונג).

י. סלאנים:
דער „מזרח־אדלער" (אינדיאנער פאעמע).

י. ראלניק:
ליעדער

פראדעל שטאק:
ליעדער

און אנדערע.

אין אלע רעדאקציאנס אנגעלעגענהייטען זיך צו ווענדען צו:

J. OPATOVSKY,

1883 Crotona Ave., Bronx, N. Y.

מיר מאכען אויפמערקזאם אויף פאלגענדע בעמערקטע דרוקפעהלערען אין אפאטאשו'ס ערצעהלונג:

זייט 58 שורה 10 אנשטאט אונטערגעשלאגען — אונטערשלאגען.
" 83 " 2 " מיט א פעטען שמייכעל — און א פעטען שמייכעל געטהון.
" 83 " 20 " די זאקען — דורך די זאקען.
" 86 " 6 " אריינגעווארפען — אריינווארפען.

אין י. ראלניק'ס ליעדער:

זייט 7 שורה 16 אנשטאט ווייס — וואס.